STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04994

HERSHELE

Jacob Dineson

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

געקליבענע

שריפטען

פון

ז. ליבין

ערשטער באנד.

היברו פאבלישינג קאמפאני
83־85 קאנאל סטריט, ניו יארק.
1912.

גלות־בילדער.

אינהאלטס-פערציי כניס.

גלות-בילדער:

מאַטעריאַל פאַר מיין ביאָגראַפיע 3
בענדזשאַמין'ס ראָמאַן 11
אַאור דיער קאָנטרי 47
די צוויי שכנים 51
אין אַ קריסטליכע נאַכבאַרשאַפט 55
אַ אידישע נקמה 58
אַ גרייז אין ווערטער=בוך 64
דער גרינער וואַטשמאַן 70
מיין שטאָלץ און מיין ערניעדערונג 77
ווי אַזוי פלאָרענס האָט זיך אויסגע=לערנט אידיש שרייבען 81
צוויי אונשולדיגע קרבנות פון ראַססען=האַס 86
פאַרסעליעוע און „התקוה" 88

ליעבע:

אַן ערפאַהרונג מיט אַ פרוי 3
און ער האָט חתונה געהאַט 7
זיין גליקוואונש 12
דזשעני'ס איינדרוקספאָלער חלום 15
פון נאָהענטען און פון ווייטען 20
די יונגע באָבע 25
ביים מעבעל-געשעפט 30
איהר שטאַרקסטער מיטעל 34
דאָס האַרץ זאָגט 39
דיא פערדאַמטע מאָסקיטעס 44
די בלאָנדע בייבי 47
מען האָט זי ניט פערשטאַנען 53
די פערגעסענע 58
אין אַ שפעטיגער נאַכט=שטונדע 63

סוזשעטען:

דער רעפאָרטער און זיין גאַסט 3
די געסט און די היים 5
דער קראַנקער און די געזונדטע 8
געפאַרבטע ליעבע 9
דער גוטער מענש 11
דער פידלער 13
די ליעבענדע מוטער און דער האַרצלאָזער פאָטער 15
דער איד און דער טשייני=מאַן 17
אַ גוטע פרוי, אָבער דאָך... 19
מיסטער און מיסעס „סאַנין" 21
דער מאַן וואָס שאָקעלט אימער מיט'ן קאָפ 23
אַ מאָדנע משוגעת 25
צוויי וועלטען אין איין שלאָפצימער 27

בילדער פון דעם אָרימען לעבען אין נויאָרק:

די אַרויסגעשיקטע הענד 3
רעגעלע וויידזשעס 7
די איבריגע האַלזטיכער 12
צוויי ברירות 17
ווען אַ טויט און ווען אַ ברויט 22
די קאָמעדיע אין וועלכער מען האָט ניט געלאַכט 26
צוויי געוועזענע פריינד 31
אַ מאַן אָהן אַ דזשאַב 41
ווידער די זעלבע נגונים 53
דחקות 57
וואָס איך ערוואַרטע און וואָס עס קומט 61

אינהאַלטס=פערצייכניס

פאַר אַ צווייטען און פאַר זיך 64
די פרוי אין קעלער 67
מחילה 74
בעטטי 80
די זעלבע מיסעס ליוואַי 87
זיין בריעף פון דער היים 91
אַ מאַמע 96
די געפאַלענע העלדען 103

דער קריזיס.

דער קריזיס און די פריינדליכע שכנים 3
די אַרויסגעגנב'עטע נדבה 8
יעצט ווערט ער שוין שווייגען 12
ווען מען קומט צו דעם 18
ניט פערווירקליכטע פלענער 23
זייערע ערשטע באָרדערס 29
דער געפונענער דאָלער 35
דעם לענדלארד'ס רחמנות 39

פערשיעדענעס;

דער גנב 3
די קאָלעגען 8
זיינע נייע ברידער 17
די חמץ'דיגע עלטערן און די פסח'דיגע קינדערלאַך 22
איינע פון די לאַנג פערגעסענע 26
אַ פראַגע 31
ווער עס איז צום באָלל געקומען 36
די האַנד מיט די זעקס פינגער 41
איך און עללים 47
ווי הערמאַן און זיין פרוי לעזען צוזאַמען 50
קינדער נאָכ'ן חשבון נאָך 55
דער גראָסערי=בילל 59
דער מאָטאָרמאַן 64
די בעזודיעטניקעס 73
ווען די פייערלעך לעשען זיך אויס 78
די צוויי פיינדליכע צדדים 81
די אָבגעגעבענע פיעסע 86
מוטער=ליעבע איז שטאַרקער פונ'ם טויט 91

ערנסטער שפּאַס:

איך און ליבין 3
דער פאָרזיכטיגער אַנאַרכיסט 7
דער כותל מערבי 11
דער צושטערטער באַנקעט 16
אַן ערפאַהרונג אין בראַנזוויל 21
וואו זעלדע איז געווען 25
פערלאָרען דעם קרעדיט 29
איינגעשריעבען אַלס שטומער 34
און ער האָט געטרונקען 39
די מגפה 43

גלות־בילדער

I.

מאַטעריאַל פאַר מיין ביאָגראַפיע.

גאָרקיא. אזוי הייסט די שטעדטעל, וואו איך בין געבאָרען געוואָרען. אזוי ווי אין רוסלאנד זיינען דאָ צוויי „גאָרקיס“, מוז איך אייך צוגעבען אז מיין גאָרקי איז מאָהליווער גובערניע.

וואָס פאַר א שטעדטעל איז דאָס? א געוועהנליכע אידישע שטעדטעל... פון אונגעפעהר א טויזענד איינוואהנער. מיר האָבען א סך קראָמען, אין מיטען שטאָדט א מארק, דריי שוהלען אויפ׳ן שוהל־הויף און עטליכע שוהלען צואוואָרפען איבער׳ן שטאָדט; מיר האָבען א רב, ביי א צעהנדליג משוגעים, א געמויערטע באָד, א הקדש אויפ׳ן בית עולם; דלות, צרות, הונגער, ביטערע נויט, האנדעל, וואנדעל — א געוועהנליכע שטעדטעל. אונזער שטעדטעל איז נור בעריהמט מיט דעם וואָס כמעט יעדען זומער ברענט זי אָב פון איין ברעג ביז דעם צווייטען. אלעס ברענט אָב, אפילו די „פאזשארנע“ אליין ווערט דאביי אויך פערברענט.

מיט דער אויסערליכער וועלט פערבינדט אונזער שטעדטעל — וויגדער דער בעל עגלה, דורך זיין גרויסער בויד און זיינע צוויי „לייבען“. צוויי מאָל וועכענטליך נעהמט ער אָן הארקער פארשוינען און פאָהרט קיין אָרשע, און מיט דעם פעראייניגט זיך אונזער שטעדטעל מיט דער וועלט.

ווער עס ווערט זיך ניט בעגנוגענען מיט דעם, וואָס איך האָב געזאָגט וועגען מיין שטעדטעל, און ווערט וועלען האָבען ווייטערע אויסקינפטע וועגען גאָרקי, זאָל זיין אזוי פריינדליך און אליין דאָס אויסגעפינען דורך גאָרקער לאנדסלייט.

ווען איך בין געבאָרען געוואָרען, געדענק איך ניט אויף זיכער, נור אזוי ווי איך בין אצינד אלט איין־און־דרייסיג יאהר, רעכען איך, אז איך בין געבאָרען געוואָרען אונגעפעהר מיט א יאהר איין־און־דרייסיג צוריק.

מיינע עלטערן זיינען געווען גרויסע אָרימע לייט, אמת׳ע אביונים. מיין טאַטע איז געווען א מלמד, ווייטער האָט ער געהאַט פיעלע אנדערע פרנסות.

ביי אונז אין הויז האָט מען פאַבריצירט הייוועון און טאַביקע. דאָס איז געווען בעפאָר די רעגיערונג האָט אַנגעלעגט אויף דעם אקציז. ווייטער איז דער טאַטע געווען אַ שדכן, און פלעגט פעררעכטען „משוגענעס״; אַ סך פּרנסות, און דאָך זיינען מיר געווען זעהר אָרעם. אַ הויז האָבען מיר געהאַט אַן אייגענע, אַ הויז מיט אַ גאָרטען. די הויז האָט מיין טאַטע אַליין געבויט. איך געדענק ניט, ווי אַזוי דאָס האָט זיך געטהאָן, ווייל איך בין נאָך צו יענער צייט אויף דער וועלט ניט געווען. נור מען פלעגט מיר דערצעהלען, אז יעדען סוף הזמן פלעגט ער זיך נעהמען פאַר דער ארבייט און זיינע געוועזענע תּלמידים, וועלכע זיינען שוין צו דער צייט געווען ערוואַקסענע מענער, פלעגען איהם קומען העלפען די ארבייט. אין מיינע צייטען האָט נאָך דער טאַטע געאַרבייט די „אינסייד וואָירק״ פון אונזער הויז. איך געדענק, אז אונגעפעהר אַ יאָהר צעהן האָט ער געאַרבייט איבער דעם בריק, ווייל נור סוף הזמן פלעגט ער זיך קענען איבערגעבען דער ארבייט, און יעדען יאָהר פלעגט זיך איהם איינגעבען לעגען בלויז צוויי ברעטער, אַזוי דאָס ווען אונזער שטיבעלע איז געווען מיט אַ גאַנצען בריק, בין איך שוין געווען אַ גרויסער בחור.

אונזער שטיבעלע איז געווען זעהר אַ קליינע, עפּעס דאַכט מיר אַכט אַרשין אויף ניין אַרשין. אין אַ רעגען פלעגט פון באַלקען רינען. די אויוועון פלעגט כמעט יעדען יאָהר איינפאַלען און דער טאַטע פלעגט מיט זיינע אייגענע הענד מאַכען אַליין אַן אויוועון, זאָגאַר די ציגעל פלעגט ער אַליין מאַכען, און די ליים אַליין גראָבען. ווען יעמאַנד וויל זיך איבערצייגען אין דער וואהרהייט פון מיינע רייד, קען ער אַ פאָהר טהון צו אונז אין האָרקע, און ער קען נאָך ביי אונז אין הויף זעהען די גרויסע גרוב, פון וועלכער מיין טאַטע פלעגט גראָבען די ליים.

הערט וואָס פאַר אַ מין יארידל עס פלעגט זיין ביי אונז אין אונזער קליינער שטיבעלע. אין מיטען שטוב, ביי אַ גרויסען טיש, פלעגט דער טאַטע קנעלען מיט פופצעהן קינדער. אין אַ קאַמער האָט געוואָהנט זלמן חיים דער זייגערמייסטער מיט אַ ווייב און זעקס קינדערלעך, ביים טהיר האָט געוואָהנט חיה שרה די קרעמערין מיט איהר טאָכטער רייזע,ביידע זיינען זיי געווען אלמנות און האָבען געהאַט אַ שפּייז־קרעמעל; רייזע, די טאָכטער, פלעגט ווייגען פון שלאָף. נאָך אין אַ ווינקעל האָט זיך ביי אונז

אויפגעהאלטען ריווע שעריל'ס, אן אלטע אידענע, א וואכערניצע. אויפ'ן „ליזשאנקע" פלעגט ביי אונז אויפהאלטען זיך „חוירע", אן אלטע גוי'ע, וועלכע פלעגט פאר דירה־געלד אונז בעזארגען מיט וואסער, און אזוי ווי מיר פלעגען פאבריצירען הייוועז, פלעגען מיר פערברויכען פיעל וואסער. און דער טאטע פלעגט זאגען, אז די אלטע „חוירע" איז א גליק אין הויז. אויפ'ן אויוון פלעגט ביי אונז נעכטיגען א פאקען־טרעגער. ווייטער איז געווען אין הויז א הוהן מיט פישקליאטקעלעך, און ווינטער פלעגט דער טאטע אבצאמען א קליינעם אפארטמענט פאר דעם קעלבעל. אין דיזער שטיבעלע איז אריבערגעלאפען מיין יוגענד.

די ערשטע זאך וועלכע איך קען זיך עראינערן וועגען זיך זעלבסט — איז קלעפ, וועלכע דער טאטע האט מיר אריינגעטהיילט. איך רעכען איך בין דאן אלט געווען א יאהר פיער. איך האב ארויסגענומען ביים פאטער פון קעסטעל א קליינעם זייגער'ל, און אוועק מיט דעם בעריהמען זיך פאר מיינע חברים. האט מען דאס ביי מיר אוועקגענומען, און דער טאטע האט מיך דערפאר זעהר געשלאגען. ווייטער, וואוהין מיינע עראינערונגען שטעלען זיך ניט אב, איז דלות, צרות און קלעפ.

מיין טאטע האט מיך פיעל, זעהר פיעל געשלאגען. דאס איז געווען דערפאר, ווייל ער איז געווען א מלמד און איך האב ביי איהם געלערנט אין חדר, פלעגט ער זיין גאנץ ביטער הארץ אויסלאזען צו מיר, און איך פלעג לייזען די קלעפ, וועלכע עס האבען בעדארפט בעקומען די איבריגע פופצעהן קינדער. אין לימוד בין איך געגאנגען גוט, איך האב געהאט אויסגעצייכענטע פעהיגקייטען, נור קיין חשק צום לערנען האב איך גאר ניט געהאט. איך האב מעהר ליעב געהאט די גאס איידער דעם חדר.

ווייטער געדענק איך, אז צו יעדען מאל, ווען די מאמע פלעגט דארפען איינמאכען ברויט, פלעגט זי ארומגעהן מיט פערוויינטע אויגען, ווייל עס פלעגט זעהר שווער אנקומען צו קריגען די געלד פאר וואס צו קויפען מעהל. איך וועל דא דערצעהלען איין קליינעם אינסידענט, און דאס וועט שילדערן ווי גוט אב מיר זיינען געווען.

עפעס אמאל, זומער, האט איינער געבראכט צו אונז אין שטעדטעל פערקויפען פיש. אימיצער האט גע'מוסר'ט, אז די פיש זיינען זעהר ניט קיין פרישע און דער איספראווניק פון אונזער שטעדטעל האט געארדערט,

אז מען זאָל אויסגראָבען אַ גרוב און די גאַנצע פיש פערשיטען. מען האָט אזוי געטהאָן, און ווען עס איז געקומען נאכט, איז מיין טאַטע אוועק נאָך מיט איינינע שכנים, מען האָט אויסגעגראָבען די פיש, און מיר אָרימע חברה האָבען אויף מאָרגען געהאַט אַ סעודה.

צו מיידלעך האָב איך געהאַט זעהר אַ ביטערען מזל, און זייט איך געדענק זיך בין איך פון זיי אויסגעשטאָנען געברענטע צרות, — זיי האָבען מיך ניט געגליכען די ימח־שמו׳ניצעס. ווען איך בין געווען אַ קליינער אינגעל, האָב איך געהאַט חברים, אבער ניט איין חבר׳טע. אַ בייטש האָב איך אָבער יא געהאַט איבער די מיידלעך. ווען מיינע חברים פלעגען זיך מיט זיי צוקריעגען פלעגט מען זיך ווענדען צו מיר, אז איך זאָל אויף די מיידלעך אויסטראַכטען „אלף בית׳ן", דאָס איז שוין געווען מיין „קאַניקאַ" ווי מען זאָגט. מיינע פערפאַסונגען פלעגען אויף זיי אָנוואַרפען אַן אימה, מיינע אויסגעטראַכטע „אלף בית׳ן" האָבען געפיקסט די מערכות פון פיעלע, פערצווייפעלטע ראָמאַנען. מיינע חבורים האָבען ניט איין האַרץ געוואונען, אָבער פאַר פערמדרע, איך האָב פון דעם גאָר ווייניג גענאָסען. נאָך אַ קראַפט האָב איך אין זיך פערמאָגט, מיט וועלכער איך פלעג צייטענווייז פעראינטערעסירען די שעהנינקע מיידעלעך, וועלכע איך האָב אזוי ליעב געהאַט. איך פלעג זיי דערצעהלען שעהנע מעשיות. די געשיכטען, וועלכע איך פלעג זיי דערצעהלען, פלעג איך אויסטראַכטען. הלואי וואָלט איך יעצט געקענט אויסטראַכטען אזעלכע מעשה׳לעך, וואָלט איך געקענט אָנשרייבען מיליאָנען העפטען, און איך וואָלט אפשר געמאַכט אַ „פאָרטשון". ווי אזוי איך פלעג אויסטראַכטען אָט די געשיכטעלעך, וועלכע פלעגען צייטענווייז פעראינטערעסירען אזעלכע מיידלעך, וועלכע האָבען אויף מיר אַ קוק טהון ניט געוואָלט, פון וואַנען מיין קינדערשע פאַנטאַזיע האָט גענומען שפּייז פאַר זיי, קען איך זיך יעצט זעלבסט קיין רעכענונג ניט געבען; אבער דאָס איז געווען אַ פאַקט אז איך פלעג קענען דערצעהלען אַ סך מעשיות. אבער וואָס? גאָר נישט! האָב איך געענדיגט די געשיכטע, האָב איך געסטאָפּט צו דערצעהלען די מעשה׳לעך, האָבען מיינע שעהנע טהייערע צוהערערינס ווייטער ניט געוואָלט וויסן פון מיר, פלעגען מיך אוועקלאָזען אויפ׳ן גרויזאַמסטען אָרט איינעם אליין, און פלעגען געהען האָבען אַ „גוד טאַים" מיט אנדערע... אַט אזא ביטערען מזל האָב איך שוין געהאַט פון קינדהוייז אָן: האָט מען נור אָנגעזעטיגט זיך מיט

די פרוכט פון מיין גייסט, פון מיין נשמה, האָט מען פון מיר מעהר ניט געוואָלט וויסען.

אַך וויפיעל איך האָב פון דעם געליטען; ווי מיין קינדערשע הערצעלע האָט וועה געטהאָן...

אויך שפּעטער, ווען איך בין עלטער געוואָרען, האָב איך געהאַט דעם זעלבען ביטערען מזל צו פּרויען. און אזוי ווי אויסטראַכטען אלף בית'ן און דערצעהלען שעהנע אויסגעטראַכטע מעשיה'לעך האָט שוין מעהר ניט געקענט אָנגעהן, בין איך נאָך געווען מעהר אויף צרות. איך האָב אין מיין לעבען אפשר דרייסיג מאָל געליעבט, און יעדען מאָל האָב איך געהאַט אַ ביטערע ענטטוישונג.

זאָגען וויצען, רעדען גלייכווערטלעך, אויף דעם בין איך געווען אַ פייער־דיגער בריה, און אין קאָמפּאַניע האָב איך געקענט מאַכען פרעהליך און לאַכעדיג אפילו אַ טויטען. מען האָט מיך ליעב געהאַט אין קאָמפּאַניע, אבער נור אין קאָמפּאַניע...

ווען איך בין אַלט געווען אַ יאהר דרייצעהן, בין איך אַרויס פון חדר. מיין ערשטע בילדונג האָב איך בעקומען פון מיין עלטערן ברודער, וועלכער האָט שטודירט אין אונזער האָרקער שקאָלע.

איך האָב זיך געלערנט נאָך ביי איינִיגע לעהרער, און נאַכהער האָב איך זיך גענומען אַליין לערנען אונטער דער קאָנטראָל פון מיין אייגענער השגחה.

מיט מיין לערנען זיך איז אויך געווען ווי מיט דעם חדר: פעהיגקייטען האָב איך געהאַט אויסגעצייכענטע, יעדער זאַך בענומען שנעל און טיעף, נור גלייך ווי איך האָב עפּעס דערגאַנגען, עפּעס דערוואוסט, האָט עס פאַר מיר פערלאָרען יעדען אינטערעס און איך האָב עס אַרויסגעלאָזט פון מח. אויך האָב איך גאַנץ ווענִיג חשק געהאַט צו לערנען זיך; איך האָב פיעל מעהר ליעב געהאַט צו „פערברענגען", שפּאַציערען, פאַנטאַזיערען, זאָגען וויצען, הערען וויצען, לאַכען, זינגען, איידער אַריינקוקען אין ביכער. איינִיגע פון מיינע לעהרער האָבען וועגען מיר נביאות געזאָגט, אַז פון מיר וועט גאָרניט אַרויסקומען, אַ ניכפּהה אויף זיי! זייער נביאות זאָגען איז מקוים געוואָרען, און פון מיר האָט זיך אויסגעאַרבייט אַ זשאַרגאָנישער שרייבער.

ווען איך בין אַלט געווען אַ יאהר זעכצעהן, בין איך אָנגעקומען אין אַן אַפּטעטשנעם מאַגאַזין. איך האָב דאָרט געטהאָן קאָמענע אַרבייט און

צו דערזעלבער צייט געלערנט זיך דעם „טרייד“, און ביי דיזען טרייד בין איך שוין פערבליעבען ביז דעם לעצטען טאָג פון מיין פערלאָזען מיין פאטערלאנד.

א יאָהר פאר מיין אוועקפאָהרען, האָב איך מיין פאטער פערלאָרען, און איך בין געוואָרען דער בעל מפרנס פון מיין פאמיליע, ווייל מיין עלטערער ברודער האָט צו דער צייט געשטודירט אין וויען.

די מאַניא פון ווערען א שרייבער האָב איך געהאַט נאָך אין רוסלאנד. איך פלעג שרייבען אין רוסיש. אייניגע ארטיקלען האָב איך אַריינגעשיקט אין „וואָסכאָד“ און מען האָט מיר געענטפערט פון דאָרטען: „ניקודאַ ניע גאָדיטסיאַ.“

געשריעבען האָב איך דאַן אַזעלכע זאכען, וועלכע עס האָבען אין לעבען נעוואַ פאסירט און געקענט פאסירען? פון דער ליטעראטור, וועלכע איך האָב דאַן געלעזען האָב איך קיין אנדער מיינונג וועגען שרייבען ניט געקענט ארויסנעהמען.

עס איז אונטערגעלאָפען מיין „פריזיוו“, און שטעלט זיך פאָר, אַזאַ שטיק צרה ווי איך בין געווען האָט מען דאָך אָבגעגעבען אין סאָלדאטען, און דאַן האָב איך רָאססיע פערלאָזען. איך בין אוועק נאָך לאָנדאָן.

ביי מיין אוועקפאָהרען האָבען פיעלע געוויינט מיט ביטערע טרעהרען: עס האָט געוויינט די אַלטע קראַנקע מאַמע, עס האָט געוויינט די שוועסטער, עס האָבען געוויינט מיינע פריינד, מיינע גוטע טהייערע „טאָווארישצס“. אייניגע פון מיינע „טאָווארישצעס“, צו וועלכע איך האָב זיך אין פער־שיעדענע צייטען ערקלערט אין ליעבע און האָב געקראָגען אַן ענטפער: „לא מיט אַן אלף“, האָבען שטילערהייט געוויינט ווען איך האָב זיך מיט זיי געשיידעט.

א גאנצען וועג, ביז סאַמע לאָנדאָן, האָט מיר נאָכגעיאָגט דער שלים־מזל. נעבען ווילנא, אויף דער סטאַנציע „ווילייקע“ האָט מען מיך אַרעסטירט. עס האָבען זיך אָבער געפונען א פּאָאר אידלעך, וועלכע האָבען פאר א פּאָאר דאָלאר מיך בעפרייט. ווען איך בין אריבער דעם גרענץ, האָב איך נור געהאַט די רייזע־טיקעטס, אָבער געלד האָב איך ניט געהאַט קיין איין פעני, קיין באַגאַזש אויך ניט, ווייל מיינע אַלע חפצים, וועלכע איך האָב מיט זיך געפיהרט, אַלע מתנות און אנדענקונגען, וועלכע מיינע פריינד האָבען מיר

געגעבען, איז איבערגעבליעבען אין די הענד פון מיינע בעפרייער אויף דער סטנאציע „ווילייקע". נו, אז מען איז אהן געלד, פערשטעהט איהר דאך שוין אז עס איז ניטא וואס צו עסען. וועלל, האב איך גוט געהונגערט.

דורך א געוויסען מיסטייק האב איך געמוזט פערבלייבען אין האמבורג אויף צעהן טעג. בין איך איינגעשטאנען קווארטיר אין פאליציי־הויז. דארטען אין פאליציי־הויז, וועלכע איז עקסטרא איינגעפיקסט געווארען פאר עמיגראנטען, שלאגען די בעאמטע יעדען אנקומענדען פרישען גאסט, נו, האב איך אויך געלייזט א פארציע קלעפ. דארטען הונגערן אלע, האב איך אויך געהונגערט, און איך וואלט אפשר גאר ניט דערלעבט צו שרייבען את די שורות, ווען איך וואלט דארטען ניט דורכגעמאכט א שטיקעל געשעפט.

צווישען די עמיגראנטען איז געווען איינע א פרוי, וועלכע האט מיט זיך געפיהרט א גרויסען זאק מיט „סוכארעס", האב איך מיט דער פרוי אבגעמאכט אזא מין שטיקעל ביזנעס: צו מיין פאלטא האב איך געהאט א גוטען טהייערען קאלנער, האב איך עס ארונטערגענומען און אבגעגעבען דער פרוי און זי האט מיר דערפאר יעדען טאג געגעבען עטליכע סוכארעס. אזוי בין איך געווען גערעטעט פון א זיכערען הונגער־טויט.

אין צעהן טעג ארום האב איך זיך אויפ'ן שיף געזעצט. צו אלע צרות איז דאס געווען א שיף, אויף וועלכען מען האט געפיהרט משא, און די עטליכע פאסאזשירען, וועלכע מען האט אנגענומען, האט מען עסען ניט געגעבען... און איך האב ווייטער געהונגערט.

געפאהרען בין איך אין לאנדאן צו מיינעם א פריינד, און די רייזע האט מיך אזוי פיעל אויסגעהונגערט, אז די גאנצע צייט פון מיין פאהרען האב איך אלץ פאנטאזירט, ווי אזוי איך וועל עס קומען אין לאנדאן און וועל גלייך אנעסען זיך מיט ברויט און פערבייסען מיט טהעע.

אין לאנדאן בין איך אבגעווען אונגעפעהר א זיעבען מאנאטען. פאר די זיעבען מאנאטען האב איך דורכגעמאכט זעהר פיעל צרות און איך וואלט פיעל, זעהר פיעל בעדארפט שרייבען ווען איך זאל וועלען בעשרייבען קלייניגקייטען. איך וועל נור זאגען קורץ און שארף: כמעט די גאנצע זיעבען חדשים האב איך ניט געגעסען... קיין זאטען מאהלצייט האב איך געוויס ניט געהאט.

אין זיעבען חדשים ארום נאך מיין קומען קיין לאנדאן, האבען מיר

פריינדע ארויסגעשיקט א שיפסקארטע פון ניו יאָרק, און איך בין אוועק־געפאָהרען נאָך אמעריקא.

אין ניו יאָרק האָב איך זיך גענומען פאר קאפּענמאכעריי, און דאָ האָב איך זיך בעקענט מיט דעם אידישען סוועטינג־שאפּ. דאָ האָב איך זיך בעקענט מיט דעם לעבען פון דעם אידישען ־ארבייטער, מיט זיינע שמחות; דאָ האָב איך גענומען שרייבען.

מיין ערשטע סקיצע האָט געטראָגען דעם נאָמען: „א זיפץ פון ארבייטער'ס ברוסט". ווי מיין לעצטע סקיצע וועט הייסען, ווייס איך ניט. אבער וואהרשיינליך וועט דאָס אויך זיין א זיפץ פון אן ארבייטער'ס ברוסט.

ווייל דער לעבען פון דעם אידישען ניו יאָרקער ארבייטער — איז דער לעבען, וועלכען איך ווייס אם בעסטען. דאָס איז דער לעבען, וועלכער האָט זיך פעסט צוזאמענגעגאָסען מיט מיין אייגענעם לעבען. אין פינסטערן סוועטינג שאפּ איז געבאָרען געוואָרען מיין מוזע, נעבען דער זינגער מאַשין האָט זיך דערהערט איהר ערשטער שמערצליכער אויסגעשריי; אין די פינסטערע טענעמענט־קברים האָט זי זיך ערצויגען. וואו זי וועט אויסגעהן, וואו זי וועט שטארבען, ווייס איך ניט; וואהרשיינליך אין א טענעמענט־קבר, אויב זי וועט פאר'ן רעכטען טויט ניט בעקומען קיין מוף־צעטעל. יעדענפאלס, איהר לעצטער זיפץ וועט זיין „א זיפץ פון אן ארבייטער ברוסט".

II.
בענדזשאמין'ס ראָמאַן

1.

אַ שלאָפלאָזע נאַכט.

עס איז געווען אַ שטילע ליכטיגע זומער־נאַכט; עס איז שוין געווען גאַנץ שפּעט און בענדזשאַמינען האָט זיך ניט געשלאָפען. ער האָט זיך געקעהרט אויף אַלע זייטען און האָט פערשאַפט גרויס טראָבעל זיין מיט־בּרודער, וועלכער איז געשלאָפען מיט איהם אין איין בעטעל.

— ליעג אויף אַן אָרט. — האָט סיימאָן זיין מיט־לאָזשער געזאָגט — וואָס שלאָפט זיך דיר דאָס היינט ניט?

— די וואַנצען, — האָט בענדזשאַמין געענטפערט — די וואַנצען אַ מגפה אויף זיי. זיי לאָזען מיך ניט רוהען.

— אַ, פערדרעה זיך דיין קאָפּ. די מיסים האָט היינט אויסגעבריהט די בעט און ווען ניט דו, וואָלט זיך היינט געשלאָפען ווי אין אַ גן־עדן.

— קוק נור, ברודער, וואָס פאַר אַ טהייערע נאַכט עס איז. — האָט בענדזשאַמין גערעדט.

— ביזט ניט אַנדערש ווי משוגע. — —האָט שוין סיימאָן געגעבען אַ געשריי, ווערענדיג אין כעס — מיר וועלען זעהען ווי שוין וועט דיר זיין שבת־נאַכט, ווען דו וועסט אהיים ניט ברענגען קיין דריי רעדער פון שאפּ. שלאָף און לאָז דעם צווייטען שלאָפען.

— זעה ווי די שטערען שיינען...

— וועסט נאָך אביסעל רעדען, שטעה איך אויף, נעהם אַן עמער וואַסער און גיס דיר אויפ'ן קאָפּ אַרויף; דו הערסט, פערריקטע חיה!

בענדזשאַמין איז געוואָרען רוהיגער און איז אַנשוויגען געוואָרען. באַלד האָט זיך דערהערט אַ כראָפּעריי איבער'ן צימער, דאָס איז געשלאָפען סיימאָן. בענדזשאַמינען האָט זיך דאָך ניט געשלאָפען.

ניט וואַנצען האָבען איהם געביסען, ניט שטערען האָט ער געזעהען מיט זיינע אויגען... און אפשר טאַקע שטערען. אבער דאָס זיינען געווען בלויז צוויי שטערען, צוויי פייערדיגע ברענענדיגע אויגען. דאָס זיינען געווען צוויי אויגען פון אַ יונגער שעהנער מיידעל מיט דעם נאָמען סאָפיע ווילנער.

אין צימער איז געווען פינסטער, אבער דאך איז פאר בענדזשאמינס אויגען געשטאנען סאפיע, און ער האט זי אזוי גוט געזעהן, גלייך ווי טויזענד זונען וואלטען זי בעלויכטען. גאנץ שטיל, פארזיכטיג איז בענדזשאמין ארוים פון בעטעל, זיין פנים האט געברענט, ער האט זיך אוועקגעזעצט נעבען פענסטער.

— א נעכטיגער, — האט ער פאר זיך געריידט — א נעכטיגער טאג! איך האב זיך דאס מעהר ניט ווי איינגעשמועסט... סאפיע! נו, ווער איז סאפיע? אזא מיידעל ווי אלע מיידלעך... און אז ניט איז וואס? זי מעג זיך זיין א מלכה, א גאט, וואס ארט עס מיך? דאס זיינען גאר ניט מיינע געשעפטען, איך בין קיין אינגעל, איך בין קיין בחור'ל ניט, איך טאר ניט... איך טאר ניט אזעלבע זאכען דערלאזען.. איך וועל פאהרען אהיים... צו מיין אלטינקער מאמעלען, צו מיין קינד, צו מיין... מיין ווייב.

בענדזשאמין האט זיך פערטראכט, און זיך ווי צו עפעס צוגעהערט.

— וואס? — האט ער ווייטער גענומען רעדען — וואס? ניט קיין שעהנע? א קורצע? א געפאקטע? א פרומע? א פראסטע? — פער־פאלען! חתונה געהאט! בעדארפט פריהער זעהען... און זי האט דאך מיך האלד מיט איהר גאנצער נשמה...

פאר בענדזשאמין'ס אויגען האט זיך גענומען פארשטעלען א לאנג־פערגאנגענע סצענע פון זיין לעבען. ער האט זיך גענומען לעבעדיג עראינערן א בילד ווי ער ליעגט קראנק אין בעטעל, און זיין ווייבעל, זיין יענטע, זיצט נעבען איהם א בלאסע, א פערוויינטע, ווי זי פלעגט אלע טאג, צוזאמען מיט זיין טאטען, לויפען וועקען זכות אבות, און פאסטען תעניתים, ווי זי איז נעכט ניט געשלאפען און געזעסען ביי זיין געלעגער. ער האט זיך עראינערט פריש, לעבעדיג, ווי זי פלעגט גאנצע נעכט האלטען זיין צוהיצטען קאפ אין איהרע הענד. ער האט זיך עראינערט ווי איין פריהמארגען, ווען ער איז בעסער געווארען, האט זיין יענטע גענומען איהם קושען און זי האט זיך צואויינט אויפ'ן קול...

— בנימין'ל מיינער... נשמה מיינע, דו ביזט בעסער... געלויבט איז גאט, האט זי געזאגט, און זי האט געוויינט און געקוואלען פון שמחה און גליק... לעבעדיג האט זיך געמאלען אט דיזער בילד פאר בענדזשמין'ס אויגען און זיין הארץ האט איהם גענומען וועה טהון, וועה טהון...

— יענטע... יענטעלע! — האָבען זיינע ליפּען גענומען שעפּצען — מיין גוטע, גוטע יענטע... איך פאָהר צו דיר באַלד...

פּלוצלונג האָט סאָפּיע'ס שמייכעל ווי א בליץ פאַרביינעשוועבט פאַר בענדזשאַמין'ס אויגען; זיינע געדאַנקען האָבען זיך גענומען טומלען, ער איז עפּעס ווי פערשעהמט געוואָרען. אבער דאָך האָט ער ברייט פערנאַנדער געעפענט זיינע אויגען און ער האָט געוואָלט נאָך א מינוט זעהען אין זיין מחשבה דעם שעהנעם זיסען שמייכעל סאָפּיע'ס... און די שעהנע סאָפּיע האָט זיך ווידער אוועקגעשטעלט פאַר איהם ווי א לעבעדיגע.

— דער שד זאָל עס נעהמען, ווי גוט זי איז! — האָט ער א מורמעל געגעבען. ער האָט ברייט געעפענט די הענד, עפּעס גלייך ווי ער האָט געוואָלט ארומנעהמען דעם געטרייען געשפּענסט און קושען איהם...

— סאָפּיע, סאָפּי'על... וואָס פאַר א מין חיות דו ביזט! — האָט ער כמעט הויך אויסגעשריען...

באַלד האָבען אָבער אנדערע פערשיעדענע שאָטענס גענומען לעבעדיג פאָרשטעלען זיך פאַר זיינע אויגען; ער האָט דערזעהן זיין אַלטינקע גוטע מאַמע, זיין איינציג גוט קינד... און ווייטער האָט זיך פאַר איהם אוועק־געשטעלט זיין יענטע... און עפּעס מיט אזא טרויעריגען, ווייכען בליק אין די אויגען...

— מאָרגען, מאָרגען, — האָט בענדזשאַמין גענומען רעדען שטיל, שטיל אבער עפּעס אזוי ווי מיט אן אכזריות — מאָרגען זאָג איך איהר, אז איך האָב א ווייב... א קינד, א מאַמען... זאָל זי וויסען, און עס וועט זיין א ברעג... זי וועט זיך געוויס אויפהערען אזוי צו רוקען זיך... זי וועט ווערען קאַלט... עס וועט זיין א ברעג. ווען איך וואָלט איהר דאָס לאַנג געזאָגט, וואָלט אפשר צו גאָרניט געקומען... איך וואָלט אפשר דאַן וועגען איהר אין מחשבה ניט גענומען... און זי אויך... אפשר האָט זי מיך גאָר ניט האָלד... דאָס איז אזוי, אבי א חתן; זאָל זי זיך נור דערוויסען, אז איך בין פערהייראַטה, וועט זי אָבטרייסלען די הענד... זאָל זיין אזוי, איך האָב ניט וואָס אָנצור־וועהרען, איך וועל פאָהרען אהיים.

מיט דיזען געדאַנק האָט זיך, דאכט זיך, בענדזשאַמין נור געטרייסט, אָבער דאָך האָט איהם אן אומעט גענומען שטיקען, ווען ער האָט ארויס־גערעדט די לעצטע ווערטער.

— וואָס וואָלט געזאָגט מיין אַלטע מאַמע? — האָט ער גענומען טרעפען, ווען זי וואָלט זיך דערוואוסט, אז איהר בנימין'קע, אז איהר טהייערער בנימין'קע האָט זי אוועקגעוואָרפען — זי, זיין ווייב, זיין קינד, און האָט גענומען עפּעס אַ מיידעל? זי וועט איהם שילטען?... ניין, זי וועט עס ניט טהון... זי וועט איהר בן־יחיד'ל ניט שילטען, נור זי וועט וויינען, וויינען. נו, און וואָס וועט טהון זיין ווייבעל? זיין יענטע? זי וועט אויך וויינען, זי וועט איהם אפשר שילטען? אבער אין הארצען וועט זי טראָגען אַן אייביגען וועהטאָג...

— מיין אָרימע! זי האָט דאָך מיך האָלד. — האָט ער געזאָגט צו זיך זעלבסט — און מיין קינד? מיין זיסער בערקע?...

— ניין, ניין, ניין... — האָט בענדזשאַמין גענומען שעפּטשען פיבעריש — ניין, מאָרגען געה איך צו איהר, מאָרגען זאָג איך איהר... אַ סוף!

פאַר בענדזשאַמין'ס אויגען האָט זיך אָבער באַלד גענומען פאָרשטעלען די סצענע, וועלכע איז פאָרגעקומען מיט איהם זעלבסט, די זעלבע נאַכט, בלויז מיט אייניגע שטונדען בעפאָר. ער האָט מיט זיין מחשבה, מיט זיינע גאַנצע געפיהלען גענומען נאָך אַמאָל איבערלעבען די זיסע, זיסע גוטע צייט, וועלכע איז אָט ערשט פארבייגעלאָפען, און וועלכע האָט איהם עפּעס אַזוי ווי צושלאָגען אין גאַנצען... אָט זיצט ער נעבען איהר, נעבען סאָפיע'ן, איהרע אויגען פלאַקערן, ברענען... זי קוקט אויף איהם אַזוי מילד... אַזוי ווייך... זי רעדט עפּעס אַזוי „מאָדנע", איהר קול ציטערט... זי רוקט זיך צו איהם אַלץ נעהנטער, זי נעהמט זיינע הענד אין איהרע זודיגע הענד, זי גלעט איהם זיין קאָפּ, זי ברענט איהם מיט איהר אָטהעם...

בענדזשאַמינען איז געוואָרען עפּעס ווייך, וואָרעם אויפ'ן הארצען ביי די זיסע, אנגענעהמע עראינערונגען... ער האָט וועגען דיזע גוטע, זיסע מינוטען נאָך געוואָלט טראַכטען, אבער זיין אייגענע מחשבה האָט איהם ניט געהערט, און איהם האָט זיך ווייטער גענומען עפּעס דרומלען, און ער האָט זיך ווייטער גענומען מוטשען...

איהם איז געוואָרען הייס, דושנע און ער האָט גענומען עפענען דעם פענסטער.

סיימאָן האָט זיך אַ כאַפּ געגעבען.

— בענדזשאַמין! — האָט ער אַ רוף געגעבען.

— יעס. — האָט בענדזשאַמין געענטפערט.

— וואָס שלאָפסטו ניט?

— אזוי... אזוי... עס שלאָפט זיך ניט... — בענדזשאַמינס קול האָט געציטערט.

סיימאָן האָט עס דערפיהלט, און ער האָט זיך דערשראָקען.

— וואָס איז מיט דיר? עפּעס רעדסטו אזוי ווי דו וואָלסט זיך געטרייסעלט פון קעלט. ביזט עפּעס ניט געזונד?

— ניט געזונד. — האָט בענדזשאַמין געענטפערט — די קאָפּ שפּאַלט זיך מיר אין שטיקער.

שנעל ווי א בליץ איז סיימאָן אויפגעשטאַנען פון בעט און האָט אָנגעצונדען דעם לאָמפּ.

בענדזשאַמין איז געזעסען נעבען פענסטער, און זיין פּנים האָט געפלאַקערט ווי מיט פייער.

— עהע, ברודער׳ל, — האָט סיימאָן געזאָגט — דו האָסט זיך געמוזט עפּעס טאַקע אנשלעפּען. דיין פּנים ברענט ווי צונטער, דו מוזט האָבען חיבש היץ.

סיימאָן איז גלייך אַרויס פון חדר און באַלד איז ער אריין צוריק מיט א שיסעל מיט קאַלטע וואסער. ניט רעדענדיג א וואָרט האָט ער גענומען א האַנדטוך, איינגענעצט אין די וואסער און צוגעטראָגען אום צוצולעגען דאָס צו בענדזשאַמין׳ס שטערען.

— לאָז מיך צורוה. — האָט בענדזשאַמין געזאָגט.

— מאַך ניט קיין מחזקות, — —האָט סיימאָן געענטפערט — ווען ניט בינד איך דיך. זעהסט ניט אַז דו ביזט קראַנק?

סיימאָן האָט אַרומגעלעגט דעם האַנדטוך אַרום בענדזשאַמין׳ס קאָפּ, נאָכהער האָט ער איהם אַריינגעלעגט אין בעט און האָט איהם איינגעדעקט מיט וואָס ער האָט נור געקענט.

בענדזשאַמין האָט דערפיהלט, אַז ער ווערט דערשטיקט.

— משוגענער, — האָט ער געזאָגט צו סיימאָנען — וואָס טהוסטו?

— שוויעצן מוזט דו. ווען זיך אויסשוויצען, וועסטו ווערען ווי ניי־געבאָרען.

— נאַרר, איך בין געזונד, נור איך בין משוגע.

— יעס, געזונד! — האָט סיימאָן געזאָגט — וואָס בין איך בלינד? איך זעה דען ניט, אז דו ביזט קראַנק?... ליעג און זיי א מענש...

— פערלעש די פייער טאָמער וועל איך שלאָפען, סיימאָן.

סיימאָן האָט אויסגעלאָשען דעם לאָמפּ, און האָט זיך שטיל געלעגט אין בעט.

בענדזשאמין האָט געשוויצט, אבער געשלאָפען איז ער ניט. איהם האָט זיך זעהר, זעהר געוואָלט אויפשטעהן און זאָגען סיימאָנען אַלעס וואָס מיט איהם קומט פאָר. מיט סיימאָנען איז ער געשטאַנען לאָזשי זייט ער איז אין לאַנד, ער האָט איהם ליעב געהאַט, און זיי ביידע זיינען אימער געווען ווי צוויי ברידער. בענדזשאמין האָט זעהר געוואָלט אויסרעדען זיין הארץ, אבער ער האָט עפּעס געשעהמט זיך מאכען א ליארעם פון דער מעשה און ער איז געבליעבען שטיל... כמעט א גאַנצע נאַכט איז ער ניט געשלאָפען, און אויף מאָרגען, ווען ער איז אוועק צו דער ארבייט, איז ער געווען טאַקע קראַנק און צובראָכען.

2.

ווער איז געווען בענדזשאמין.

בענדזשאמין, אָדער בנימין איז אַלט געווען א יאהר פינף און צוואַנציג, נור אויפ'ן פּנים האָט מען איהם מעהר ווי צוואַנציג ניט געקענט געבען. ער איז געווען הויך, שלאַנק און זעהר שעהן געבויט. זיין געזיכט איז אפילו געווען אביסעל פערגרעבט, אזוי ווי ביי א דאָרפישען פּויער, אָבער דאָך איז ער געווען שעהן און אַנציהענד. זיינע האָאר זיינען געווען געדיכט, שוואַרץ און נעגרייזעלט, זיינע אויגען שוואַרץ און גרויס, אין זייערע בליקען איז געלעגען א מין נאַאיווע, ווייכע גוטהערציגקייט. בנימין איז נאָך אמעריקא געקומען פון א קליין ליטווישער שטעדטעלע מיט דעם נאָמען פילופינסק. ער איז געווען איין־איינציגער זוהן ביי זיינע עלטערן, זיין טאַטע איז געווען אַן ארבייטער אין א וואַסער־מיהל, און ווען בנימין איז אַלט געווען זיעבצעהן יאהר איז זיין טאַטע געשטאָרבען פון שווינדזוכט. דאַן האָט בנימין פער־

נומען זיין שטעלע אין מיהל און האָט גענומען מפרנס זיין זיך און זיין איבערגעבליעבענע אַלטע קראַנקע מאַמע.

זיין גליק האָט אָבער לאַנג ניט געדויערט. עס איז אויסגעפאַלען א ווינטער זעהר א שנעע'איגער און נאכהער האָט „ווּעסנא“ (פריהלינג) פלוצלונג א קלאַפּ געגעבען עפּעס גאַר אונערוואַרטעטערהייט, די זון האָט א שטאַרקען פלאַקער געגעבען א פּאָר טעג, נאכהער האָט ביינאכט געגאָסען א גוס־רעגען. פּלוצלונג, ניט ערוואַטעטערהייט, האָט דער טייך אָבגעלאָזען, די וואַסערען מיט שטיקער אייז האָבען זיך מיט א שרעקליכער קראַפט א לאָז געטהאָן צום מיהל, דער מיהל האָט אָבגעטרונקען און בנימין מיט זיין מוטער זיינען געבליעבען אָהן ברויט.

אידען זיינען דאָך אָבער בני רחמנים, און שדכנים האָבען וועגען איהם גענומען ברעכען די קעפּ. מען האָט גערעכענט, אז דער יתום וועט חתונה האָבען, וועט נעהמען עפּעס נדן, וועט מאַכען עפּעס א קערמעל, און וועט, מיט גאָט'ס הילף, מפרנס זיין זיך, זיין מוטער און זיין זיווג.

יונה דעם סופר'ס טאָכטער איז אפילו ניט געווען קיין גרויסע פּאַרשוין: זי איז געווען קורץ, דאַר און סמנים פון פּאָקען האָבען געמאַכט איהר פּנים ווייט ניט צוציהענד; אויך איז יענטע שוין געווען אין עלטערע יאהרען, — אָבער זי האָט געהאַט הונדערט און פופציג אָבגעשפּאָרטע רובעל. שדכנים האָבען גענומען אַרבייטען און אין גיכען איז ביי בנימין'ען מיט יענטע'ן געווען חתונה כדת משה וישראל, דאָס הייסט, ניט ער פון איהר, ניט זי פון איהם האָבען געוואוסט, און פאַר דעם נדן האָט טאַקע יענטע א קרעמעל געמאַכט. איך זאָג יענטע, וואָרום ווי מען האָט נור געעפענט די קרעמעל, האָט זיך גלייך אַרויסגעצייגט אז בנימין איז אין געשעפט־זאַכען א גרויסער שלאָק, און יענטע האָט די גאַנצע קראָם געטראָגען אויף איהרע פּלייצעס. אָבער די קרעמעל איז ניט געגאַנגען אַם בעסטען. ערשטענס איז דעם סופר'ס טאָכטער אויך ניט געווען קיין פייערדיגע בריה און, צווייטענס, איז די שפּייז־קרעמעל געווען ניט קיין איינציגע אין פילופינסק, און עס איז געווען ניט אַזוי געראָטהען. דאָך האָט מען ווי־עס־איז געמוטשעט זיך.

גאָט'ס ברכה האָט ניט פערלאָזען די יונגע פּאָאר פאָלק, און אין גיכען איז יענטע געלעגען געוואָרען, און בנימין איז געוואָרען א טאַטע פון א זוהן, מיט דעם ליעבען נאָמען: „בער“.

ווען יענטע איז געוואָרען אַ מאַמע פון אַ קינד, האָט בנימין ווילענדיג ניט־ווילענדיג געמוזט מעהר אַנטהייל נעהמען אין קראָם. די ווייבער פון פילופינסק, די קויפערקעס, זיינען געווען אויסער זיך פון שמחה, עס איז געוואָרען אַ לעבעדיגע וועלט. הינד האָבען געשלעפּט גאַנצע קעפּ, ווי מען זאָגט.

עס איז דאָך אַ שפּאַס צו דערצעהלען... אַ מאָל האָט יענטע אוועק־געשטעלט אַ קעסטעל געטריקענטע פלוימען צום פערקויפען. זי האָט אויס־געלעגט די פלוימען מעשה געשעפטסמאַן. די ערגערע האָט זי אוועקגעלעגט פון אויבען, די בעסערע פון אונטען. אום אַז די ערגערע זאָלען זיך שנעלער פערקויפען, און מען זאָל חלילה ביי די פסולת ניט בלייבען. בנימין האָט עס בעמערקט, און ווען די ווייבער זיינען געקומען קויפען פלוימען און ער איז געווען אין קראָם, פלעגט ער צו יעדער איינציגער זאָגען:

— נעהמט, זייט מוחל, דאָרטען אונטען ליגען די בעסערע פלוימען.

נאכהער האָט די אָרימע יענטע דערזעהן וואָס איהר מאַן האָט אָנגעטהאָן.

— אַי, דו שלאַק מיינער. — האָט זי צו איהם געזאָגט, און האָט אויף איהם אַ בליק געטהאָן מיט פערדרוס.

דאָס איז געווען די גרעסטע שטראָף, וועלכע יענטע פלעגט געבען איהר מאַן, ווען ער האָט זיך פערזינדיגט. יענטע האָט אפילו געהאַט אַ מענה לשון, אבער געגען איהר מאַן פלעגט זי קיין מאָל ניט ציינען איהרע פעהיגקייטען. געגען איהר מאַן איז זי געווען שטום. זי האָט געמעגט אויף איהם טראָגען דעם גרעסטען האַס, נור פלעגט זי אויף איהם אַ בליק טהון, איז ביי איהר אָבגעגאַנגען דאָס האַרץ. וואָרום זי האָט איהם האָלד געהאַט, פּראָסט, איינפאַך, אבער האָלד געהאַט מיט איהר גאַנצען האַרצען.

די קרעמעל איז אוועק ערגער און ערגער. יענטע האָט געשוויגען. יענטע איז געווען מיט אַלעם צופריעדן, אבי זיין מיט איהר מאַן צוזאַמען. אבער בנימין האָט זיך פון דער קראָם אין גאַנצען אָבגעטרייסעלט, איהם איז געוואָרען צו אומעטיג, צו לאַנגווייליג זיצען מיט צונויפגעלעגטע הענד. ער איז געווען יונג, שטאַרק, ער איז אבער געוועהנט געווען צו האָרעווען, און ער האָט אַזוי ניט געקענט פערבלייבען.

איהם האָט גענומען ערגעץ ציהען, און ער האָט בעשלאָסען אוועק געהן זוכען עפּעס ארבייט פאַר זיך.

אָרשע איז געלעגען 40 וויאָרסט פון פּילופּינסק. אין אָרשע געהט דורך דער דניעפּער און עס געהען דאָרטען „פּאַראַכאָדען“. צוויי וויאָרסט פון אָרשע קומט דער אייזענבאהן. פון אָרשע אין פּילופּינסק פלעגט יעדע וואָך פאָהרען א גרויסע „בויד“ הין און צוריק, און אָרשע מיט פּילופּינסק זיינען געווען ווי א שטוב מיט א קאמער. אין פּילופּינסק האָט מען געוואוסט, אז אין אָרשע איז לייכט צו קריגען פּרנסה, און א סך פּילופּינסקער פלעגען זיך טאַקע אהין אוועקלאָזען.

אין אָרשע, אין דיזער פּרנסה־שטאדט, האָט אויך בנימין בעשלאָסען אוועקצוגעהען. יענטע איז געווען דאגעגען. זי האָט ניט געוואָלט, אז איהר מאן זאָל אוועקפאָהרען פון איהר. בנימין, פלעגט זי איהם זאָגען, א שטיקעל טרוקען ברויט עסען, אבי לאָמיר זיין צוזאמען; איך וועל נעהמען זעק נעהען, איך וועל טהון אַלע עבודת פּרך, אבי ניט פאָהר.

אָרימע, עפּעס אזוי ווי דאָס הארץ האָט איהר געזאָגט.

בנימין האָט גאָר ניט געהערט. ער האָט זיך צוזעגענט מיט זיין ווייב און קינד, מיט זיין מאמען, און איז אוועק נאָך אָרשע.

אין עטליכע וואָכען ארום האָט יענטע בעקומען א בריעף פון איהר מאַן, אז אין אָרשע האָט ער גאָר ניט געפונען, און אז ער האָט זיך אוועקגעלאָזען ווייטער... נאכהער איז אוועק העכער א יאהר און פון בנימין איז קיין שום ידיעה ניט געווען.

די מאמע האָט בעקלאָגט איהר זוהן, און יענטע האָט בעוויינט איהר מאַן. וואָס זי פלעגט ניט צוקלאָגען, פון איהר איז העלפט געוואָרען. אָפט פלעגט זי זיך שלאָגען קאָפּ אָן וואנד, אָפט פלעגט זי זיך רייסען די האָאר פון קאָפּ. יענטען האָט מען גערעכענט אַלס עגונה אין שטעדטעל, אבער יענטע אַליין האָט דאָך געהאָפט, זי האָט געקענט איהר מאַן, און איהר האָט זיך ניט געגלויבט אז ער האָט זי אוועקגעוואָרפען...

— סיידען ער איז געשטאָרבען. — פלעגט זי זאָגען. ברעכען די הענד און שלינגען די טרעהרען.

אין איין שעהנעם טאָג איז יענטע׳ן אָנגעקומען א בריעף פון איהר מאַן, פון איהר בנימין׳ען.

בנימין האָט געשריעבען אז ער האָט זיך דערשלעפּט אין אמעריקא, אז ער האָט ניט געשריעבען דערפאר, ווייל ער איז ניט געקומען צו א תכלית, נור

דאָ, האָפט ער, אז ער וועט זיך צו עפּעס צושלאָגען, און ער וועט שיקען אהיים געלד.

אין דיזען בריעף, וועלכען בנימין האָט אוועקגעשיקט אהיים, זיינען געווען זעהר פיעל טרעהרען. דאָרטען איז געווען פיעל ליעבע צו זיין מאַמען, ווייב און קינד.

ווען יענטע האָט בעקומען דיזען בריעף, איז זי שיער ניט משוגע געוואָרען. וואָס מיט איהר האָט זיך א ביסעל אָבגעטהאָן!

זי האָט געטאַנצט, געשפּרונגען, געוויינט, געקוואָלען. זי האָט ארומ־גענומען און געקושט איהר שוויגער, זי האָט שיער ניט דערשטיקט פאַר שמחה איהר ליעבען בערקע'ן.

שוויגער'ל, אבי אונזער בנימין'קע לעבט. — האָט זי ניט אויפגעהערט צו רעדען מיט טרעהרען אין די אויגען.

—זוהנוניו מיינער, בערקע מיינער, דער טאַטע לעבט...

ווען דער ערשטער איינדרוק איז אבער אריבער, ווען יענטע איז אביסעל ניכטער געוואָרען פון איהר פרייד, האָט עפּעס א טומפּער וועהטאָג צוזאַמענ־געדריקט איהר הארץ. עפּעס איז איהר געוואָרען קאַלט און אומעטיג.

בנימין איז דאָך ניטאָ דאָ, און וואו איז ער? ווער וויים וואו, אין אמעריקא אויף יענער זייט וועלט, אהינטער דעם ים. וועט ער ווען־עס־איז קומען? וואו איז ער? און וואָס איז מיט איהם? יענטע האָט זיך גענומען מוטשען אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער, און איהר הארץ איז איהר ווייטער געוואָרען פעראומערט און פערוואָגעלט.

אין פּילופּינסק האָט מען וועגען אמעריקא זעהר ווייניג געוואוסט. עפּעס זיינען דאָרטען יאָ ארומגעגאַנגען „סלוכען" וועגען דיזער ווייטער מדינה, אבער דיזע אַלע סלוכען זיינען אַלץ געווען אזעלכע שרעקליכע, אזעלכע טרויעריגע. עפּעס האָט מען דערצעהלט אין פּילופּינסק, אז דאָרטען הינטער דעם ים, ארבייט מען אום שבת, אום יום טוב, און מען ווערט דאָרטען עפּעס נאָר אין גאַנצען אויס איד. מען האָט דערצעהלט, אז דאָרטען קען מען ווערען זעהר לייכט א נגיד, אבער נאָך לייכטער קען מען שטאַרבען אין גאַס פון הונגער. עס האָבען זיך געטראָגען מעשיות, אז דאָרטען, ווען מען בעצאָהלט ניט איין טאָג קיין דירה־געלד, וואַרפט מען ארויס אויפ'ן גאַס, און אזוי ווייטער, און אזוי ווייטער.

יענטע'ס הארץ האָט גענומען קלעמען פאר דעם שיקזאַל פון איהר פער־וואַגעלטען, פערוואָרפענעם, אָרימען מאַן, און זי האָט איהם אוועקגעשיקט א בריעף אהין אין אַמעריקא. יענטע מיט דער שוויגער האָבען דאָרטען, אין דיזען בריעף, געבעטען זיך רחמים, מיט טרעהרען ביי בנימינען אז ער זאָל קומען אהיים. מען האָט איהם געשריעבען, אז ווען עס איז נויטיג וועלען זיי פערקויפען די ציעג, די בהמה, אפילו די קרעמעל, אפילו די אַלטע שטיבעל, וועלכע בנימין'ס טאַטע האָט איבערגעלאָזען בירושה. מען וועט פון זיך די העמד אויסטהון, און מען וועט איהם שיקען אויף הוצאות הדרך, און ער זאָל קומען אהיים צופאָהרען.

3.

בענדזשאַמין בעגעגענט זיך מיט סאַפיע'ן.

ווען בנימין איז שוין אין אַמעריקא, וועלען מיר איהם רופען אזוי ווי אַלע האָבען איהם גערופען, דאָס הייסט: ניט בנימין, נור טאַקע בענדזשאַמין.

האָט בענדזשאַמין ליעב געהאַט זיין יענטע? וועניגער פון אַלעמען האָט ער אליין וועגען דעם געוואוסט, אָדער זאָגאר געטראַכט. ער האָט מיט איהר חתונה געהאַט, געלעבט מיט איהר אַלס מאַן און ווייב, נו, און א סוף, זיין הארץ איז עפּעס דאַן געוואָרען ווי פערבונדען, ווי פערצאַמט און א סוף — חתונה געהאַט!

ווען בענדזשאַמין האָט זיך אָבער אוועקגעלאָזען אין דער וועלט, ווען ער האָט אָבגעטראָטען ווייטער אביסעל פון זיין ווייב'ס פּאַרטוך, האָט ווילענדיג, ניט־ווילענדיג עפּעס גענומען דרודלען זיך ביי איהם אין זיין יונגען קאָפּ. דאָס זיינען געווען געדאַנקען, וועלכע מען וואָלט קיינמאָל ניט געקענט פאָרמולירען מיט ווערטער. עפּעס האָט איהם גענומען בענקען זיין יונגעס הארץ, עפּעס האָט זיך איהם געפיהלט, אז איהם פעהלט עטוואָס. נור דאָך האָט ער ניט אויפגעהערט צו בענקען נאָך זיין היים און איהם האָט געצויגען צוריק אין זיין שטעדטעל.

ווען איינער וואָלט ביי איהם געפרעגט: „בענדזשאַמין, בייגקסטו נאָך

דיין היים?" וואָלט ער געווים געענטפערט: „יא, איך בייַנק שטאַרק." „בייַנקסטו נאָך דיין מאַמען?" — „זעהר און זעהר." „נאָך דיין קינד?" — איך גאָר איהם צו זעהען." „נאָך דיין ווייב, נאָך דיין יענטען?" ביי דיזער פראַגע וואָלט זיך בענדזשאַמין פערשטאַמלען און וואָלט ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן.

דאָך איז בענדזשאַמין'ס קאָפּ געווען דערוויילע נאָך ריין פון שלעכטע מחשבות. ווען ער איז געקומען קיין אַמעריקא, האָט ער זיך אויף אַ מינוט ניט געשיידעט מיט דעם געדאַנק, אַז קוים וועט ער קומען עטוואָס צו אַ תכלית, וועט ער ווייטער בשלום זעהען זיך מיט זיין מוטער, ווייב און קינד.

דער בריעף, וועלכען יענטע האָט אַרויסגעשיקט איהר מאַן האָט עררייכט זיין צוועק. בענדזשאַמין האָט איהם בעקומען. ווען בענדזשאַמין האָט בעקומען דיזען בריעף איז ער שוין געווען עטליכע מאָנאַטען אין דער גאָלדענע מדינה. ער איז שוין געוועזן מיט מזל אַ העמדעל־אָפּערייטאָר, און איז געשטאַנען לאָזשי מיט זיינעם אַ מיטאַרבייטער פון שאָפּ אין אַ „סעפּרעט רום", דאָס איז געווען טאַקע דערזעלבער חבר, וועלכען בענדזשאַמין האָט פערשאַפט פיעל טראַבעל אין דער בעשריעבענער שלאָפלאָזער נאַכט.

ווען בענדזשאַמין האָט איבערגעלעזען דעם בריעף, זיינען זיינע אויגען פערלאָפען מיט טרעהרען און ער האָט זיך שטילערהייט צוואויינט. עס האָט אויף איהם געמאַכט אַ שווערען, כאָטש אַנגענעהמען איינדרוק. עפּעס האָט עס איהם פערנאַנדערגערודערט דאָס גאַנצע האַרץ זיינס.

ער האָט זיך שוין פאַר דער צייט אָנגענומען אַ פיינע ביסעל צרות. ער איז געווען עלענד, און ער האָט עס געפיהלט. און די פריינדליכע ווערטער פון זיין ווייב האָבען איהם געמאַכט וויינען.

— יענטעלע... לעבען מיינער. — האָט ער פיליכט אַן ערשטען מאָל אויסגערעדט זיין ווייב'ס נאָמען מיט זודיגע ליעבעס־געפיהלען — יענטעלע... איך וועל עטוואָס געלד אָנקלייבען, וועל איך פאָהרען אהיים...

ווען בענדזשאַמין איז אָבגעווען אַ יאָהר צייט אין ניו יאָרק, האָט ער שטאַרק גענומען דענקען וועגען פאָהרען אהיים. ער האָט שוין פערדיענט זיינע אַכט דאָלאַר אַ וואָך, און ער האָט שוין געהאַט אַריבער געשיקט אהיים פיינע עטליכע רובעל.

יענטע פלעגט איהם שרייבען אָפטע בריעף. זי פלעגט שרייבען, אַז פון

יעדען רובעל, וועלכען זי בעקומט, שפּארט זי אָב צוויי רובעל, נור זי וויל שוין, אז ער זאָל קומען אהיים.

אמאָל, ווען ער איז געוואָרען גאַנץ ביזי, און בענדזשאַמין האָט עטליכע וואָכען כסדר געמאַכט זיינע דריייצעהן, פיערצעהן דאָלאר די וואָך, האָט ער אוועקגעשריעבען אַ בריעף אהיים, אז טאַמער איז אַ סברה, אז יענטע מיט זיין מאַמען זאָלען קומען צו איהם. יענטע האָט אָבער געענטפערט איהם, אז זי וועט בעסער לעבעדיגערהייט בעגראָבען זיך, איידער זי וועט זיך אוועק־לאָזען אין אַמעריקאַ... און זי האָט נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל געבעטען איהר מאַן, אז ער זאָל קומען אהיים. ביז וואַנען בענדזשאַמין האָט בעקומען זיין ווייב'ס ענטפער, איז דערווייל די ביזי אריבער, און ער איז איינשטימיג געוואָרען מיט זיין ווייב'ס מיינונג.

בענדזשאַמין האָט זיך גאָר געגרייט צו פאָהרען אהיים, נור דאַ האָט עטוואָס פּאַסירט, וואָס האָט איהם אָבגעשטעלט, און האָט אין גאַנצען צומישט זיינע פּלאַנען. און דאָס איז געווען זיין בעגעגנים מיט סאָפיע'ן.

דעם ערשטען מאָל האָט בענדזשאַמין דערזעהן סאָפיע'ן אין שאַפּ, וואו ער האָט געאַרבייט. אין איין שעהנעם טאָג איז סאָפיע אַרויף אַרבייטען אין דיזען שאַפּ, מען האָט איהר דערלאַנגט מאַכען עטליכע סאַמפּעלס, זי האָט הפּנים ניט געקענט די אַרבייט, וואָרום זי האָט עפּעס אַלץ ניט געקענט מאַכען די סאַמפּעלס... איין סעמפּעל האָט זי זאָגאר ניט געוואוסט ווי מען פאַנגט אָן און זי האָט גענומען קוקען אויף די אַרבייטער, וועלענדיג אימיצען פון זיי פרעגען וועגען דעם. זי האָט אויסגעקליבען בענדזאַמינען און זי איז צו איהם צוגעגאַנגען.

בענדזשאַמין האָט געסטאַפּט די אַרבייט און האָט איהר אַלעס געצייגט.

סאָפיע האָט צו איהם אַ נאַאיוועז שמייכעל געגעבען, אַ קוק געטהאָן איהם אין די אויגען, בעדאַנקט איהם, און איז אוועק צו איהר אַרבייט.

בענדזשאַמין האָט אויף גאָר ניט טראַכטענדיג בעגלייט זי מיט אַ לאַנג־זאַמען בליק, און איהם איז עפּעס געוואָרען ווי פרעהליך און וואַרם אויפ'ן הארצען.

צוועלף דעם זייגער איז בענדזשאַמין, אזוי ווי אַלע מאָל, אוועק עסען דינער, און די אָפּערייטאַרס פון שאַפּ האָבען בעמערקט, אז ער איז עפּעס לוסטיגער ווי אימער.

— בענעלע, — האָט איינער פון די אָפּערייטאָרס צו איהם געזאָגט — דו מוזט שוין האָבען אַ שעהן ביסעל אויפ'ן ביכעל; עפּעס ביזטו מיר זעהר צופריעדען. אַ יאָ?

— בעקומען געוויס אַ גוטען בריעף פון דער היים. — האָט אַ צווייטער אָפּערייטאָר געזאָגט.

דערהערענדיג דעם וואָרט היים, האָט עפּעס אַן אונבעדייטענדער אומעט פערקלעמט בענדזשאַמינס האַרץ.

ער האָט זיך גענומען צוהערען צו אַ געשפּרעך פון עטליכע אָפּערייטאָרס, עפּעס אַזוי ווי מורא־האָבענדיג צו בלייבען אַליין, אום עפּעס זאָל איהם ניט אַרויף אויפ'ן זינען.

ווען בענדזשאַמין איז געקומען פון דינער, האָט ער מעהר סאָפיע'ן ניט געטראָפען. ער האָט זיך נייגיעריג צוגעקוקט צו דער מאַשין, וואו זי איז געזעסען. די סעמפּעלס זיינען געלעגען אין מיטען דער אַרבייט, און סאָפיע איז ניט געווען.

עס האָט געוויסעלט איינס נאָך אַ האַלבען טאָג, און חברה האָבען גענומען יאָגען זייערע מאַשינקעס. בענדזשאַמין האָט אויך גענומען אַרבייטען, אבער עפּעס האָבען איהם די הענד ניט גענומען. ער פלעגט צייטענווייז קוקען אויף דער מאַשין, און פון מינוט צו מינוט איז איהם אַלץ געוואָרען אומעדיגער, אומעדיגער — סאָפיע איז ניט געקומען.

בענדזשאַמין האָט דאַכט זיך בלויז איין מאָל געזעהען סאָפיע'ן, דאָך האָט זיך איהר פיגור, איהר געשטאַלט פעסט איינגעשניטען אין זיין זכרון. זי איז געשטאַנען פאַר זיינע אויגען ווי אַ לעבעדיגע. ער האָט גוט געדענקט איהרע קאַרע לעבעדיגע אויגען, ער האָט געדענקט איהרע שוואַרצע לאַנגע האָאר ,ער האָט געדענקט איהר בלאַסען, אָבער לעבעדיגען, ערנסטען און נאַאיווען פּנים, ער האָט געדענקט איהר ניט רייכע, אבער פּראָווילנע און שעהנע פיגור, ער האָט געדענקט, ווי זי איז געווען געקליידעט, ער האָט געדענקט אפילו דעם קאָליר פון די בּאַנטענס פון איהר וויסט, אויך זייער צאָהל אפילו, ער האָט געדענקט דעם שמייכעל וואָס זי האָט צו איהם געגעבען, ער האָט ניט געקענט פערגעסען איהר בליק, ער האָט גוט, גוט געדענקט איהר יעדע האַוואַיעלע, וואָס זי האָט נור געמאַכט, ווען זי איז געשטאַנען נעבען איהם, — און יעצט האָט ער געוואַרט ביז וואַנען זי וועט

ווייטער קומען.

אין א שטונדע ארום איז ארויף דער באס און האט צוריקגענומען די סעמפעלס, וועלכע זיינען געלעגען ניט־געענדיגט אויפ'ן מאשין.

בענדזשאמין האט פערשטאנען, אז סאפיע וועט מעהר ניט קומען, און ער האט דערפיהלט גלייך, ווי ער האט פערלארען איינעם, וועלכער איז נאהענט און טריי צו זיין הארצען. איהם האט גענומען פערדריסען ווארום ער האט מיט איהר מעהר אביסעל ניט גערעדט, ווארום ער האט ניט דער־גאנגען ווער און וואס זי איז.

עס זיינען פאראיבער איייניגע טעג, בענדזשאמין האט מעהר זיך ניט געטראפען מיט סאפיע'ן און ער האט זיך אן איהר כמעט ווי פערגעסען. איין מאל געהענדיג פון דער ארבייט, האט ער זי דערזעהן. זי איז געווען צווישען א ים מיט געהענדע מענשען, דאך האט ער זי באלד דערקענט, זיין הארץ האט איהם גענומען שנעלער קלאפען. ניט געבענדיג זיך קיין שום רעכנונג, עפעס אזוי ווי א געהיימע קראפט, וואלט איהם פלוצלונג א ציה געגעבען, האט ער גענומען געהען מיט שנעלע גרויסע טריט, ער איז איהר פארביי־געגאנגען, האט איהר א קוק געגעבען אין פנים, זי האט איהם דערקענט.

— האלא! — האט סאפיע צו איהם א שמייכעל געגעבען.

—איהר זייט דאן אוועק, — האט בענדזשאמין געזאגט, און זיינע ווערטער האבען געציטערט — ווארום?

— איך האב ניט געקענט די ארבייט.

— וואו ארבייט איהר יעצט?

סאפיע האט אנגערופען דעם שאפ וואו זי ארבייט.

— נו, און דארטען?

— דארטען איז פראסטערע ארבייט.

— און פרייזעס?

— בעסערע. גוד נייט. — האט זי איהם פלוצלונג א זאג געטהאן, און זי האט זיך פערקעהרט אין א געוויסער סטריט.

בענדזשאמינען איז ווייטער געווארען אומעטיג און פערדראסיג. איהם האט לייד געטהאן ווארום ער האט איהר ניט געזאגט, אז ער געהט אויך דעם זעלבען וועג, איהם האט פערדראסען ווארום ער האט מיט איהר מעהר ניט

פערבראַכט; ער האָט ווייטער דערפיהלט, גלייך ווי ער האָט עטוואָס גוטעס און טהייערעס פערלאָרען.

געהענדיג אהיים איז איהם אַרויף אויפ׳ן זינען זיין היים, זיין אַלטע מאַמע, זיין ווייב און קינד... אַ שאַרפער וועהטאָג האָט איהם אַזוי ווי דורכ־געדרונגען... איהם איז געוואָרען נאָך אומעטיגער...

— מען דאַרף פאָהרען... — האָט ער צו זיך זעלבסט געזאָגט, אבער מיט אַזאַ טאָן גלייך ווי ער וואָלט זיך פאַר אימיצען פערענטפערט — מען מוז פאָהרען אהיים.

אין עטליכע טעג אַרום האָט בענדזשאַמין ווייטער בעגעגענט סאָפּיע׳ן. ער האָט זי נאָך אַמאָל אָבגעשטעלט, איהם איז דיזען מאָל אויסגעקומען מיט איהר צוזאַמען צו געהן אַ ווייטערען מהלך ווי פאָריגען מאָל, און ער האָט מיט איהר מעהר גערעדט. זי איז צו איהם אויך געווען זעהר פריינדליך, און ווען ער איז אַוועק בעזונדער, איז איהם געווען גוט אויפ׳ן הארצען.

ער האָט זיך מיט איהר ווייטער און ווייטער בעגעגענט, איין מאָל האָט ער איהר בעגלייט אַ היים, און איין מאָל האָט זי איהם פעררופען צו זיך. ער האָט צו איהר גענומען אָפטער אַריינגעהן.

בענדזשאַמין האָט זיך קיין מאָל ניט געשעהמט צו דערצעהלען, אַז ער האָט אין דער היים אַ ווייב מיט אַ קינד, ער האָט עס געזאָגט פראַנק און פריי, וואָרום ער האָט ניט געוואוסט צו וואָס ער זאָל זיך מיט דעם בעהאַלטען. סאָפּיע׳ן האָט ער אָבער דאָס ניט דערצעהלט, ער האָט אבער דערביי פאַרלויפיג קיין שלעכטס געמיינט, ער האָט עס אַליין געוואָלט איהר זאָגען, ביי איהם איז דאָס אימער געלעגען אויפ׳ן שפּיץ פון צונג, אבער ער האָט אַליין ניט געוואוסט וואָרום ביי איהם כאַפּט ניט קיין מוטה צו זאָגען איהר ווער, ווען און וואָס ער איז. אבער דער געדאַנק וועגען פאָהרען אהיים האָט איהם דאָך ניט פערלאָזען. און עס איז וואַהרשיינליך, ווען סאָפּיע וואָלט צו איהם געהאַלטען זיך אַזוי ווי צו יעדען איינציגען, אָהנע אויסנאַהמע, וואָלט זיך די געשיכטע מיט גאָר ניט געענדיגט.

סאָפּיע איז אָבער צו איהם געוואָרען טאָג טעגליך פריינדליך, פריינדלי־כער און נעהענטער... אין איין שעהנעם אבענד, ווען בענדזשאַמין איז ביי איהר געזעסען, איז זי צו איהם געווען שוין צו נאָהענט, זי האָט זיך מיט

איהם געהאַלטען אַזוי, ווי מען קען זיך נור האַלטען מיט איינעם וועמען מען האָט ליעב מיט'ן גאַנצען הארצען.

בענדזשאַמין האָט עס געפיהלט... בענדזשאַמין איז געװוען גליקליך... אָבער נאָכהער ווען ער איז אַוועק פון איהר האָט איהם געמוטשעט דער געדאַנק וועגען זיין היים, וועגען זיין מאַמען, וועגען זיין ווייב און קינד, און דאָס איז געווען זיין אויבענדערמאַנטע שלאָפלאָזע, אונרוהיגע נאַכט.

4.

בענדזשאַמין געהט ווייטער.

נאָך דיזער נאַכט האָט בענדזשאַמין עפּעס ווי אַ כאַפּ געטהאָן זיך, אַז ער פערקריכט דאָ צו ווייט, און ער האָט ביי זיך אין הארצען פעסט בעשלאָסען סטאָפּען צו געהן צו סאָפיע'ן. זיין געוויסען האָט איהם גענומען זאָגען, אַז ער טהוט דאָ אַ שרעקליכען פערברעכען, און ער איז פערציטערט געוואָרען. ער האָט זיך אַ כאַפּ געטהאָן פאַר'ן קאָפּ...

— אהא, — האָט ער צו זיך זעלבסט ניט איין מאָל גערעדט — יעצט, יעצט חלום'ן זיך מיר מיידלעך, יעצט... אין דער צייט ווען מיר איז געווען שלעכט... דאַן איז יענטע אויך גוט געווען... ווען זי האָט געהאָרעוועט און איך מיט מיין מאַמען האָבען געגעסען און געטרונקען, דאַן האָב איך גאָר אין מחשבה ניט גענומען וועגען אַן אַנדערע, איך האָב איהר פערבונדען איהרע יונגע טעג... זי וועט שטענדיג אַוועקגעבען איהר נשמה, איהר לעבען... און איך? כאַ־כאַ! מיר ווילט זיך לעבען אַ גוטען טאָג... און מיין קינד? און מיין מאַמע? און מיין ווייב? ניין, צעהן מאָל ניין? איך פאָהר אהיים! בענדזשאַמין האָט בעשלאָסען מעהר ניט צו געהן צו סאָפיע'ן, אָבער ער האָט ניט געקענט אויסהאַלטען לענגער ווי דריי טעג. ער האָט דערפיהלט, אַז ער קען אָהן סאָפיע'ן ניט לעבען... ער איז אַרומגעגאַנגען ווי אַ צוטומעלטער, ווי אַ פערריקטער, איהם איז געווען די גאַנצע וועלט ניט ניחא, און ער האָט אַליין ניט געוואוסט וואָס צו טהון.

ער האָט זיין בעשלוס געביטען.

— איך וועל צו איהר געהן, — האָט ער צו זיך געזאָגט — איך וועל געהן, איך וועל איהר זאָגען אז איך האָב א ווייב... אז איך דענק פאָהרען אהיים. און זאָל זיין א סוף.

דאָס איז געווען שוין דער פיערטער טאָג זייט בענדזשאַמין איז ניט געווען ביי סאָפיע'ן. פארנאכט, ווען ער איז געקומען פון דער ארבייט, האָט ער אויסגעקוקט זעהר צוטראָגען און צופיהרט. זיין מיט־באָרדער איז נאָך ניט געווען געקומען פון דער ארבייט. בענדזשאַמין האָט זיך איינגעוואשען, איבערגעטהאָן זיך, אבער אַלעס האָט ער געטהאָן אזוי שנעל, פיעבעריש — און ער איז אוועק צו סאָפיע'ן מיט דעם געדאנק, צו זאָגען איהר אז ער האָט א ווייב און פאָהרט אהיים.

— ווען איך וועל איהר דאָס זאָגען, — האָט ער געטראַכט אין וועג — וועט זי פון מיר נעהמען ווייכען, און איך וועל זיך שוין אַליין ניט קענען העלפען... אפשר דאַרף מען ניט? — האָט ער גערעדט מיט די ליפּען — אָט לעב איך דאָך, ווען איך בין צו איהר ניט געאַנגען פיער טעג... גאָרנישט... איך וועל דארפען, וועל איך פאָהרען... עט, דאָס איז מעהר ניט ווי אַן איינדרומלענים.

בענדזשאַמין האָט דיזע ווערטער גערעדט מיט די ליפּען; אין הארצען האָט ער דאָס אבער ניט געקענט טראַכטען, וואָרום אין דערזעלבער צייט האָט ער געפיהלט, ווי איהם ציהט, ווי איהם שלעפּט צו סאָפיע'ן, ווי ער קען אָהן איהר ניט לעבען..

— ניין, — האָט ער פעסט געזאָגט — ניין, מען דאַרף דאָס ענדיגען!

סאָפיע איז שוין געווען לאַנג פון דער ארבייט. זי איז געזעסען און גענעהט א ווייסטעל. איהר צימער איז געווען א קליינער, אבער דאָרטען איז געווען מערקווירדיג אנגענעהם און ציכטיג: א קלאָרע ליילעך, ווייס ווי שנעע האָט בעדעקט די בעט, א קלאָרע טישטוך אויף דעם קליינעם טישעל, אַלעס איז געווען איינפאַך, אבער ריין.

ווען סאָפיע האָט דערהערט בענדזשאַמין'ס טריט, האָבען ביי איהר די אויגען א פלאַקער געגעבען, עפּעס אזוי ווי זי וואָלט עטוואָס ערנסטעס בעשלאָסען צו טהון, און זי האָט שנעל אראָבגעלאָזען די ווינדאָו־בלייגד איבער דעם איינציגען פענסטער פון איהר צימער.

בענדזשאַמין איז אריינגעקומען.

— אן אורח ביי מיר. — האט סאפיע געזאגט ברוגז׳דיג — זעצט זיך. פיער טעג די אויגען ניט געצייגט...

סאפיע׳ס פנים איז געווען בלאס, אבער שעהן און צוציהענד, און איהרע אויגען האבען געפלאקערט. בענדזשאמין האט זיך פערגעסען צו וואס ער איז געקומען.

— האט איהר זיך אבגעגעסען דאס הארץ נאך מיר... האט איהר געבענגט? — האט בענדזשאמין געפרעגט. און זעהענדיג, אז איהר פער־דריסט ווירקליך, איז איהם געווארען גוט אויפ׳ן הארצען.

— וואס איז, וואס זאל מיך עפעס פערדריסען... — האט סאפיע געזאגט, און האט א שמייכעל געגעבען.

ביי בעדזשאמינען איז א שוידערליכע קעלט אריבער איבער׳ן גאנצען קערפער פון סאפיע׳ס עטליכע קאלטע ווערטער. דער געפיהל פון אייפערזוכט צו „אימיצען" האט איהם א שניט געגעבען ביים הארצען, זיין פנים איז געווארען בלאס ווי קאלך.. בענדזשאמין האט זיך עפעס גאר ניט ווילענדיג דערמאנט נאך וואס ער איז געקומען. ער האט א שווערען זיפץ געטהאן און דורכגעפיהרט מיט׳ן האנד איבער׳ן שטערן. סאפיע האט אויף איהם א לאנגען בליק געגעבען. איהר בליק איז געווען פול מיט ליעבע, ווייך, צוציהענד און גוט. בענדזשאמין איז לעבעדיגער געווארען.

— וואס זיפצט איהר? — האט סאפיע געפרעגט — ארבייט איהר דאך.

— מען דארף פאהרען אהיים צו דער ווייב! — האט בענדזשאמין געוואלט זאגען. ער האט אבער ניט געזאגט.

— אומעטיג איז מיר... איך ווייס אליין ניט ווארום... מיין הארץ טהוט מיר וועה...

סאפיע האט געקוקט אויף בענדזשאמינען, ער האט זיך איהר געדאכט שעהן ווי א מלאך און ער איז ווירקליך געווען שעהן. איהרע אויגען האבען געברענט.

— ווארום זייט איהר ניט געקומען? — האט זי עפעס אין איין אטהעם א פרעג געטהאן.

בענדזשאמין האט ניט געוואוסט וואס צו ענטפערן.

— איך ווייס אויך ניט. — האט ער דורכגעשטאמעלט.

— האט איהר אן מיר פערגעסען... בענדזשאמין?

סאפיע׳ס שטימע האט געציטערט.

— ניין... סאָפיע.

סאָפיע האָט גענומען בענדזשאַמינס הענד אין איהרע. זי האָט גענומען ציטערן אזוי ווי פון קעלט, אזוי ווי פון פיעבער.

— בענדזשאַמין... — האָט זי געזאָגט שטיל — בענדזשאַמין...

סאָפיע האָט איהם שנעל, פיעבעריש ארומגענומען, און האָט איהם א קוש געגעבען אין שטערן.

בענדזשאַמין האָט זיך אָן אַלעם פערגעסען. ער איז געוואָרען ווי שיכור. זין פנים האָט זיך אָנגעצונדען. ער האָט ארומגענומען סאָפיע׳ן... ער האָט זי געהאַלזט, געקושט אָהן א ברעג.

סאָפיע, סאָפיע, — האָט ער גערעדט צו איהר — מיין לעבען.... סאָפיע, מאַמעלע מיינע.

ווען צוועלף דער זייגער האָט געשלאָגען האָט סאָפיע צו בענדזשאַמינען געזאָגט.

— עס איז שוין שפעט, בענדזשאַמינקע, עס איז ניט גוט... שפעט... דארפסט מאָרגען דאָך ארבייטען... געה אהיים.

בענדזשאַמין איז ארויס אויף דרויסען. די נאַכט איז געווען א ליכטיגע, גוטע זומער־נאַכט; דער הימעל איז געווען אויסגעשטערנט, עס האָט געוועהט א לייכטער, ליעבליכער ווינטעלע.

בענדזשאַמינען איז אין קאָפּ געשטאַנען עפּעס א טומאַן, ער האָט געוואָלט געהן אהיים, אבער ער איז אוועק גאָר אין אַן אנדער זייט.

— א גט... — האָט ער גערעדט צו זיך — א גט... איך וועל איהר שיקען א גט, איך וועל איהר שיקען געלד... זי וועט חתונה האָבען מיט אַנאַנדערען.

— א ליגען! — האָט עפּעס ווי אימיצער צו איהם געשריען — א ליגען! זי וועט גיכער שטאַרבען, איידער זי וועט חתונה אָבען פאַר אַן אַנדערן.

— זאָל איך מיין גאַנצען לעבען אָבגעבען? — האָט בענדזשאַמין עפּעס ווי מיט כעס געענטפערט אויף דיזער שטימע.

— נו, און דאָס קינד? — האָט עפּעס ווייטער ווי אימיצער געפרעגט.

— איך וועל שיקען געלד.. איך וועל אַכטונג געבען פון ווייטען.

— א ליגען! דיין יענטע וועט דיך אייביג בעוויינען. דיין קינד וועט קיין טאַטען ניט האָבען. ער וועט זיין אַן אייביגער יתום. מען וועט פון איהם לאַכען... מען וועט פרעגען: וואו איז דיין טאַטע...

בענדזשאמינס הארץ האט גענומען שרעקליך וועה טהון...

— א גט, א גט, א גט... — האט ער דאך גערעדט צו זיך.

ווען בענדזשאמין איז געקומען אהיים, איז זיין מיט־באָרדער מיסטער סיימאָן שוין געווען אין בעט.

— וואוהין לויפסטו דאס ארום, שלים־מזל? — האט סיימאָן געפרעגט.

בענדזשאמין האט זיך גענומען אויסטהון.

— סעי, צרה, — האט סיימאָן ווייטער געזאָגט — איך האב זיך גאָר פערגעסען, איך קען דיר זאָגען א שמחה, פאר דיר איז דאָ א בריעף פון דער היים.

בענדזשאמין האט דערפיהלט, אז די פיס האקען זיך איהם אונטער.

— וואו? — האט ער געפרעגט צוטומעלט.

— דאָרטען אויפ'ן טיש.

בענדזשאמין איז צוגעלאָפען צום טיש, ער האט גרעסער געמאכט דעם פייער פון לאָמפּ, ער האט גענומען דעם בריעף און ווי אַן אונטערגעבראָכענער האט ער זיך אוועקגעזעצט אויף א שטוהל. ווען ער האט אויפגעריסען דעם קאָנווערט האבען זיינע הענד געציטערט... ער האט גענומען לעזען און זיין פּנים איז געוואָרען אלץ בלאסער און בלאסער.

5.

בענדזשאמין דערצעהלט זיין טראָבעל.

„לאישי יקירי מהורר בנימין פּעוויזנער, נ"י. — האט איהם יענטע געשריעבען — ערשטענס טהו איך דיר געריסען, אז איך, דיין בערקעלע און דיין מאמע זיינען, גלויבט איז זיין נאָמען, געזונד, גיב גאָט דאס זעלבע פון דיר צו הערען, מיין טרייער מאן. ווייטער, מיין בנימינ'קע, טהו איך דיר מעלדען, אז אנשטאט שבועות איז ביי אונז געווען יום־כפור; די גאנצע שטעדטעל האט זיך צוגעפּוצט יום־טוב'דיג, און איך בין געזעסען אין דער חיים. איך האב אלץ געטראכט, וואס איז מיר מיין יום־טוב אָהן דיר, מיין טהייערער בנימין.

„שבועות ביינאַכט זיינען מיר געזעסען ביים טיש. עס האָבען געברענט פיער סטעארינאָווע ליכט און צוויי חלב'נע ליכט און אַ לאָמפּ. פון דעסט־וועגען איז מיר געווען פינסטער אין מיינע אויגען. איך האָב עפּעס קיין אָרט ניט געהאַט. איך האָב זיך דערמאָנט, אַז פאַר דריי יאָהרען שבועות ביזטו מיט אונז געזעסען ביים טיש, און אצינד ווער ווייס, וואו דו ביזט, מיין טהייערער מאַן. ביזט אַליין, ביזט עלענד, ביזט צווישען פרעמדע לייט, ווער ניט אויף דיר דאַרטען אַכטונג... אפשר ביזטו גאָר קראַנק. איך האָב אַזוי נעטראַכט און האָב ניט געקענט עסען. מיך האָבען טרעהרען געוואָרגען... בערקע אונזערער איז אויך געזעסען ביים טיש, איך האָב איהם אויף יום־טוב אויפגענעהט אַ נייעם קאַסטיומעלע און עס איז אויף איהם אַ פערגניגען אַ קוק צו געבען! הערסטו, וואָס איך זאָג דיר, אונזער קינד, זאָל לעבען, איז שעהן ווי גאָלד. ווייטער, מיין מאַן, שרייב איך דיר, אַז איך בעט דיך, און די מאַמע בעט דיך אויך, אַז דו זאָלסט שוין קומען אַהיים. מיר קענען זיך די גוטע שעה ניט דערוואַרטען, איך האָב שוין פון דער קראַם געמאַכט אַ פעלד; קום צופאָהרען, מיין טהייערער מאַן, איך וועל האָרעווען, מיר וועט גאָר ניט שווער זיין, אבי לאָמיר זיין צוזאַמען — עס איז קיין לעבען ניט: דאָס קינד איז אָהן אַ טאַטען, איך לעב אויך בלויז מיט דער האָפנונג דיך צו זעהען... ווייטער, מיין מאַן, טהו איך דיר מעלדען, אַז איך האָב פאָריגע וואָך גוט אויסגעוויינט זיך: שמואל בן'ס טאָכטער איז פאַר עפּעס אויף מיר ברוגז געוואָרען און האָט מיר „אופיקעט", אַז דו האָסט מיך אוועקגעוואָרפען, אַז דו וועסט קיין מאָל ניט קומען, איך האָב געמיינט אַז איך וועל דאָס ניט אויסהאַלטען. אַז דו וואָלסט וויסען וויפיעל בלוט זי האָט מיר פערגאָסען! ווייטער, מיין מאַן, שרייב איך דיר, אַז ווען איך האָב נור אַ לעדיגע מינוט מאַך איך דיר זאָקען. איך האָב דיר שוין אָנגעגרייט צוועלף פּאָר זאָקען, זאָלסטו זיי געזונטערהייט צוטראָגען. קום צופאָהרען אַהיים, בנימין, גענוג זיין אי מיר אי דיר פערוואָגעלט. קום, לעבער מיר ניט מיין האַרץ און זיי ניט מקצר דעם לעבען דיין מאַמען, וואָרום זי וויינט נאָך דיר טאָג אַזוי ווי נאַכט. פאָהר ארויס וואָס גיכער, עס מאַכט ניט אויב דו האָסט געלד אָדער ניט. וועסט האָבען פון וואַנען צו לעבען.

„פון מיר, דיין ווייב, וועלכע גאַרט זיך זעהען מיט דיר אין פריעדען און גליק — יענטע פעווזנער."

ווען בענדזשאמין האט איבערגעלעזן דעם בריעף, האט ער בעהאלטען דעם קאפ אין די הענד, האט גענומען וויינען שטיל; נור באלד האט ער גענומען כליפען גאנץ הויך.

סיימאן, וועלכער האט שוין גאר געשלאפען, האט זיך אויפגעכאפט און איז אראבגעלאפען פון בעט, ניט טויט ניט לעבעדיג.

— וואס איז דיר, בענדזשאמין? —האט ער געפרעגט פערוואונדערט— וואס האט געטראפען.

בענדזשאמין האט געשוויגען.

— בענדזשאמין, וואס איז דארטען? זיי נים קיין קינד!

בענדזשאמין האט אויפגעהויבען זיין קאפ, און האט מיט זיינע פערוויינטע אויגען א טרויעריגען בליק געגעבען אויף סיימאנען.

— סיימאן, — האט ער געזאגט — סיימאן, דו האסט מיך אימער גערעכנט פאר אן ערענטליכען מאן?

— נו, איז וואס? האט איהם סיימאן אנגעקוקט פערוואונדערט.

— א כאלעריע בין איך... א געמיינע כאלעריע... איין מנפה איז פאר מיר א לעקעביל.

סיימאן האט א בליק געגעבען אויף בענדזשאמינען, פול מיט שרעק.

— וואס איז מיר דיר, בענדזשאמין, וואס רעדסטו?

— וואונדער זיך נים, — האט בענדזשאמין געענטפערט — איך זאג דיר אן אמת.

בענדזשאמין איז געבליעבען אייניגע מינוטען שטיל.

— קום אהער. — האט ער ווייטער געזאגט — סיימאן, דו ביזט דאך מיר א ריכטיגער פריינד, אמת?

— נו, נו, איז וואס?

— הער־זשע. איך האב דיר לאנג געוואלט דערצעהלען, וואס מיט מיר טהוט זיך... נור איך האב עפעס אלץ ניט געוואלט רעדען. איך האב אלץ געדאכט, אז די מעשה וועט זיך ענדיגען מיט גאר נישט; אבער יעצט מוז איך רעדען... איך מוז, מיין הארץ ווערט צושפאלטען... קום, הער זיך נור צו.

סיימאן האט זיך אוועקגעזעצט נעבען בענדזשאמינען.

— הער, — האט בענדזשאמין אנגעפאנגען — וואס וואלסטו געזאגט אויף א יונגען מאן, וועלכער האט געלאזט צו הויז א ווייב, אן ערענטליכע, א

גוטע ווייב, אַן אַלטע מאַמע, אַן אייגען קינד, לאָזט זיך פּלוצלונג אַריין אין שלעכטע מחשבות, נעהמט זיך אַרויף אַ מיידעל אויפ'ן זינען, לויפט נאָך איהר נאָך, שטאַרבט נאָך איהרע טריט, און... און וויל אוועקוואַרפען די ווייב, די מאַמען... די קינד, זאָג סיימאָן, איך בעט דיך.

סיימאָנס געזיכט איז געוואָרען שטרענג, אויף זיין שטערן האָבען זיך געצייגט קנייטשען. אייניגע מינוטען איז ער אויך געבליעבען שווייגען.

— איך פערשטעה בענדזשאַמין. — האָט ער דאַן געזאָגט — דיר זיינען פערשפּאַרט ווייטערע דבורים. דו האָסט האַלד בעקומען אַ מיידעל... יעס, ברודער?

— יעס. — האָט געענטפערט בענדזשאַמין.

— וועלל, — האָט סיימאָן ווייטער גערעדט — איך ווייס, אַז דאָס איז אַ שלעכטע מעשה, אַ פערשלעפּענים, אַ קרענק, אַ קלעפּעדיגע קרענק. איך בין שוין אַ געשטראָפטער. איך האָב דיר ניט דערצעהלט, ווייל עס האָט זיך ניט געמאַכט ווען און צו וואָס. אין אַזאַ זאַך איז מען גאָר ווענינ שולדיג, אַזוי ווי מען איז שולדיג ווען מען לעגט זיך אין אַ געלעגער. דאָס איז ניט קיין רעיון, בענדזשאַמין, דאָס קען אַראָבפיהרען אַ מענשען פון זינען. איך ווייס, איך האָב אַמאָל, ווען איך בין נאָך געווען אין דער היים, האָב איך האַלד בעקומען דער בעל־הבית'טעס טאָכטער. איך האָב געוואוסט, אַז איך קום צו איהר אַזוי ווי צו דעם קייזערס אַ טאָכטער, נור איך האָב מיט זיך גאָר נישט געקענט מאַכען. איך האָב וויפיעל מאָל געוויינט ווי אַ קינד, איך בין אַרומגעגאַנגען אָהן אַ קאָפּ, אָהן אַ נשמה, איך האָב די האָאַר פון זיך געריסען... איך האָב גענומען טרינקען און איך האָב זיך ניט געקענט העלפען. אַן אַנדערס מאָל, ווען דער כשוף פלעגט אַביסעל אָבלאָזען, פלעג איך זיך אויסלאַכען, און פלעג זאָגען צו זיך אַליין: נו, וואָס איז רחל? אַ מיידעל ווי אַלע מיידלעך, נעהם אַן אַנדערע, און אַ סוף, אַלע זיינען די זעלבע מגפה... אבער פלעג איך נור דערזעהען רחל'ען, בין איך ווייטער געווען משוגע... קורץ, עס איז שוין אַ מעשה פון פינף יאָהר, און איך קען זי נאָך עד היום ניט פערגעסען. עס טרעפט נאָך יעצט, אַז רחל קומט מיר אַרויף אויפ'ן זינען און מיר ווערט דאָס לעבען ניט ניחה... דאָס איז עפּעס ווי אַ מין כשוף.

—א רעגעלער כשוף. — האָט אונטערגעכאַפּט בענדזשאַמין, און זיין פּנים איז געוואָרען לעבעדיגער.

— אבער ווער איז זי? ווער איז דאָס? — האָט סיימאָן געפרעגט.

בענדזשאַמין האָט דערצעהלט, ווי אזוי ער האָט זיך בעגעגענט מיט סאָפּיע׳ן, און ווי אזוי ער האָט זי יעצט האָלד. סיימאָן האָט איהם צוגעהערט, און ווען ער האָט געענדיגט, האָט ער צו איהם געזאָגט:

— הער וואָס איך וועל ביי דיר פרעגען, בענדזשאַמין.

— יעס... פרעג... זעהסט דאָך, אז איך רעד פאַר דיר אָפען.

— פערשטעהסטו מיך. — האָט סיימאָן גערעדט — אָן אנדערם מאָל קען זיך בלויז אויסדאַכטען, אז מען האָט האָלד א מיידעל; נור קוים זאָל זי דיר נאָכגעבען, קוים קריעגסט דו זי, איז קאַפּוט מיט דעם גאַנצען געשעפט, און דער גאַנצער האָלד האָבען ווערט פערפאַלען... אזוי האָלד האָבען, פערשטעהסטו מיך, איז מעהר ניט ווי א יצר הרע זאַך. אזא מין ליעבע איז ניט ווערטה א צובראָכענעם באָטען.

— רעכענסט דו, אז מיין האָלד האָבען איז אויך אזוי? — האָט בענדזשאַמין געפרעגט.

— עס זיינען דאָ שוין גוטע סמנים, און דאָס איז וואָס איך וויל ביי דיר טאַקע יעצט פרעגען.

— וואָס? פרעג!

— זאָג מיר, בענדזשאַמין, ווען דו זעהסט זי, דיין סאָפּיע׳ן וואָס פיהלסטו? פיהלסטו אז דיר ווילט זיך שפּיעלען מיט איהר, קושען זי, ארומנעהמען, האָבען פערגניגען, שטילען דיינע יונגע בלוטען, און מעהר גאָר ניט?

—ניין, ניין, ניין! דאָס פיהל איך ניט. — האָט בענדזשאַמין געענטפערט — ווען איך דערזעה זי, פיהל איך א מין פחד, עפּעס אזוי ווי א מאָל יום־כפור צו כל נדרי, איך פיהל עפּעס אזוי ווי א גאָט וואָלט נעבען מיר געשטאַנען... טראַכטען? איך וויים אליין ניט, וואָס איך טראַכט וועגען איהר; איך טראַכט גאָר, דאַכט זיך, גאָרניט. מעהר ניט, ווען זי רעדט מיט מיר, וואָלט איך איהר דערשלינגען, וואָלט איך איהר צוקושען די גליעדער, אָבער טראַכטען?... איך טראַכט גאָר ניט... איך פיהל אזוי ווי איינער וואָלט צוגעבונדען מיין הארץ צו איהר.

— אוהו, — האָט סיימאָן געזאָגט — נו דאָס איז טאַקע דער ביטערער

סימן, פערשטעהסטו מיך. איך ווייס שוין, איך בין אמאל נעווען א פרעהליכער חבר. ווען איך בין נאך געווען אין דער היים א קירזשנער, האב איך געהאט גאנצע לאטס מיט מיידלעך. קיין מיאוס׳ער בין איך ניט, און זיי גלייבען עס טאקע. געווען צווישען זיי שעהנע, רעלעגע דאלס, נו, איז וואס? גאר־נישט! אן אנדערס מאל פלעגט זיך מיר דארכטען אז אט די און די וועט שוין זיין מיינע, ווארום איך פלעג ווענגען איהר פיהלען אט דאס, וואס איך האב ביי דיר געפרעגט. וואס פלעגט זיך אויסלאזען? א נעכטיגער טאג! אין א וואך ארום דערזעהן אן אנדערע, א שעהנערע, נו, איז זאל זיין שוין די א כלה, שוין אוים דאבע און ראזע... דאבע, ראזע; ראזע דאבע; שאשע, באשע; באשע, שאשע, הו־הא, עס איז געווען א לעבעדיגע וועלט. איך פלעג מיט זיי שפיעלען, הוליען, לאכען, טאנצען... אבער אין הארצען פלעגט עפעס זיין פוסט און וויסט, עס פלעגט פון דער שמחה בלויז א טומאן בלייבען אין קאפ. מיידלע! און דאס איז אלעס!!

אבער ווען איך האב דערזעהן רחל׳ען... אך, וואס זאל איך דיר אפילו רעדען; זי איז שוין ביי מיר ניט געווען ווי אלע. אפילו אויף איין ברעט ניט געשטעלט אין געדאנק מיט דער גאנצער חברה מיידלעך.

— הפנים — האט בענדזשאמין געזאגט — אלע האבען האלד אויף דעמזעלבען אופן. אבער פונקט ווי איך! איך האב דאך אויך געזעהן געגנוג מיידלעך, נו, איז וואס? קיינער האט מיך ניט אזוי פערשלעפט ווי סאפיע. גאר ניט... מאנכעס מאל פלעגט ארויפגעהן א מחשבה אויפ׳ן זינען, אבער דערביי פלעגט עס בלייבען... אבער סאפיע, זי האט ביי מיר צוגענומען מיין נשמה.

— זאג מיר. — האט סיימאן ווייטער גענומען רעדען — איך וועל ביי דיר נאך עפעס פרעגען.

— וואס?

— האסטו ווען־עס־איז געהאט א חשד אויף איהר וועגען אן אנדערען. פערשטעהסט דאך וואס איך מיין: אויב זי האט האלד אנאנדערען?

— קיין חשד האב איך ניט געהאט. — אבער איינמאל האט זיך מיר יא גע׳חלום׳ט עטוואס.

— נו, האסטו ניט געפיהלט עפעס אזוי ווי א קאטער וואלט געגעבען א שניט דיין הארץ?

— איך האָב געמיינט איך ווער אין גאַנצען משוגע... ניט ווי איין קאַטער, נור ווי הונדערט האָבען געשניטען דאָס האַרץ.

— עס האָט געברענט ווי מיט אַ בינעל־אייזען ?

— ערגער,. ערגער...

— נו, ברודער, — האָט סיימאָן געזאָגט — דו האָסט זיך גוט אַריינ־געזעצט. דאָס איז אַ ביטערע מעשה.

ביידע זיינען געבליעבען שטיל שווייגען אויף אייניגע מינוטען.

— נו, און וואָס איז ווייטער ? — האָט סיימאָן גענומען רעדען.

— ביזטו שוין מיט איהר פערקראָכען אין ווייטע דרכים ?...

— ניין. — האָט בענדזשאַמין געענטפערט — איך פערשטעה וואָס דו מיינסט. אזוי ווייט בין איך נאָך ניט אוועק... אבער... וואָס זאָגסטו, ווי איז דיין עצה, וואָס זאָל איך טהון ?

—— קיין ריכטיגע עצה קען איך דיר דאָ ניט געבען... עס איז אַ ביטערע מעשה. — האָט סיימאָן געזאָגט — ווען דו זאָלסט נור קענען ברעכען דיין האַרץ, וואָלט געווען פיעל בעסער. עס איז עפּעס אַ צו גרויסע עולה צו וואַרפען אַ ווייב און קינד.

בענדזשאַמינס פּנים איז געוואָרען בלאַס.

— מיין קינד װעל איך דאָך ניט וואַרפען... איך וועל שיקען אַהיים געלד פאַר איהם, און ווען ער וועט ווערען עלטער, וואָלט איך איהם נעהמען צו זיך.

— נו, און דיין ווייב, כאָפּט ביי דיר האַרץ צו וואַרפען ?

בענדזשאַמין האָט זיך אויף אייניגע מינוטען פערטראַכט.

— ניין, ניין. — האָט ער כמעט אויסגעשריען הויך — איך קען ניט. ווען איך טראַכט וועגען איהר, ערגערט מיר מיין מיין האַרץ. איך האָב איהר פערבונדען איהרע יונגע טעג, זי האָט מיך אזוי האָלד, זי וועט צו יעדער צייט אוועקגעבען פאַר מיר די נשמה... ווען איך וואָלט זי וואַרפען, וואָלט איך איהר מאַכען אַן אייביגע וואונד אין הארצען ; זי וועט מיך אייביג בעקלאָ־גען... יענטעלע מיינע... זי האָט דאָך מיך האָלד מיט איהר גאַנצער נשמה... און מיין קינד ? עס קלעמט מיר מיין האַרץ אויף מיין זוהן. און מיין אַלטע מאַמע... וויפיעל וואָלט זי צוקלאָגען... סיימאָן, איך ווייס ניט אויף וואָס פאַר אַ וועלט איך בין, סיימאָן... דו ווייסט, פריהער מיט עטליכע שטונדען

האָב איך שוין געטראַכט אהיים שיקען אַ גט... איך וואָלט דאָס אפשר איהר ניט געטהאָן, אבער געטראַכט האָב איך... נו, זעהסטו יעצט דעם בריעף — דאָס איז פון איהר, פון מיין ווייב, נעהם לייען איבער, און זאָג, ווי קען איך זי ווארפען! ניין, ביי מיר כאַפּט ניט קיין הארץ צו טהון אזא זאַך.

סיימאָן האָט איבערגעלעזען יענטע'ס בריעף.

— נו, וואָס זאָגסטו? — האָט בענדזשאַמין געפרעגט.

— וואָס זאָל איך זאָגען? עס איז אויף איהר אַ גרויסער רחמנות!

— מיינסטו דאָך, אז איך וועל זי ווארפען, סיימאָן? ניין, קיין מאָל ניט! און דענקסטו וואָס שטעלט מיך דערהויפּט אָב פון דעם?

— וואָס? זאָג.

— מיינסט אפשר, ווייל איך האָב מיט איהר חתונה געהאַט; ווייל עס איז געווען חופּה וקדושין?

— ניין? ניט דאָס?

— הייבט זיך ניט אָן! אויף דעם איז דאָ אַ גט און פּטור. ניין, ניט דאָס. וואָס מיר קומט אָבער ארויף אויפ'ן געדאַנק איז, אז זי וועט טראַכטען: ווען איהם איז געוואָרען גוט אויפ'ן הארצען און ברייטער אין קעשענע, האָט ער גענומען זוכען אַנדערע ווייבער; ווען מיר קומט ארויף אויפ'ן זינען וואָס פאַר אַ וואונד איך וועל איהר מאַכען אין הארצען; ווען מיר קומט ארויף אויפ'ן זינען, אז ווען איך וועל זי גט'ן איז זי דאָך שוין ניט יענע סחורה וועלכע זי איז געווען ווען אַ מיידעל; ווען מיר קומט ארויף אויף דעם געדאַנק, אז איך האָב ביי איהר צוגענומען איהרע יונגע טעג; ווען איך טראַכט, אז מען וועט איהר פּילייכט „אופּיקען" אז איך האָב זי געוואָרפען; ווייטער ווען איך טראַכט וועגען מיין קינד, וועגען מיין אייגען בלוט, מיר דאַכט זיך, אז ער וועט בלייבען אַן אייביגער יתומ'ל אין דער צייט, ווען איך וועל דאָ לעבען אַ גוטען טאָג... — אָט דאָס, זעהסטו, אָט אַזעלכע מחשבות שלעפּען מיך אהיים.

— נו, ועסטו פאָהרען? — האָט סיימאָן געפרעגט.

— פאָהרען?... יעס, איך וועל פאָהרען.

בענדזשאַמין איז עטליכע מינוטען געבליעבען שטיל פערטראַכט.

— אָבער סיימאָן, — האָט ער גענומען רעדען אויפגערעגט — סיידען איך זאָל לויפען... איך זאָל פליהען... איך זאָל צו איהר נאָך אַמאָל ניט

קומען... ווען ניט, ווען ניט, ווייס איך ניט, סיימאָן. דו וואָלסט נור וויסען וואָס פאַר אַ מין גאָלד, וואָס פאַר אַ מין שעהנהייט די סאָפּיע איז.

בענדזשאַמין איז ווייטער געבליעבען שטיל אויף אייניגע מינוטען.

— אַך, ווי מיך פערדריסט יעצט — האָט ער געזאָגט — וואָס איך האָב געאיילט, וואָס איך האָב אַזוי גענומען, ניט גערעדט און ניט געטראַכט, און חתונה געהאַט... ווי וואָלט דאָס מיר יעצט געווען גוט... אבער ניטאָ וואָס צו רעדען... פערפאַלען.. איך וועל פאָהרען... וואָס דענקסטו, סיימאָן?

— איך זאָג דאָך דיר, — האָט סיימאָן געענטפערט — אַז עס איז שווער צו זאָגען דיר דאָ עטוואָס אבער איין זאַך וועל איך דיך יאָ ראַטהען, און דאָס איז: אויב דו ווילסט נור פאָהרען אהיים, טאָ פאָהר וואָס שנעלער, ווען ניט, וועסטו אַלץ ווייטער און ווייטער פערקריכען.

— ביזט גערעכט. — האָט בענדזשאַמין געענטפערט — איך פאָהר... און ווייסטו וואָס איך קלער? איך וועל מאָרגען מאַכען צו אַלעם אַ סוף... וואָרום איך האָב פאַר זיך אַליין מורא... איך זאָל זי זעהען נאָך איין מאָל — ווייס איך ניט... איך שטאַרב נאָך איהר...

בענדזשאַמין האָט אַזוי אָבגערעדט מיט זיין חבר, ביז וואַנען מען האָט שוין בעדאַרפט אַוועקגעהן צו דער אַרבייט. דער סוף פון דיזען געשפּרעך איז געווען, דאָס ער האָט פעסט בעשלאָסען אין דעם זעלבען טאָג אין גאַנצען צוגרייטען זיך צום וועג, און צו פערלאָזען זיין סאָפּיע'ן אויף אימער.

.6

בענדזשאַמין פאָהרט אהיים.

סיימאָן איז זיך אַוועק אַרבייטען, און בענדזשאַמין איז פערבליעבען אין צימער. ווען ער איז פערבליעבען אַליין, איז ער געבליעבען אייניגע מינוטען שטעהען עפּעס אַזוי ווי בעוואוסטלאָז. באַלד האָט ער זיך אַוועק־געלעגט אין בעט, ער איז אָבער ניט געשלאָפען.

אָבליעגענדיג ביי אַ האַלבע שטונדע האָט ער זיך פּלוצלונג אַ כאַפּ געגעבען, אַזוי ווי מען וואָלט אַ געשריי געגעבען אַז דאָס הויז ברענט.

ער איז ווייטער געבליעבען שטהן, ניט וויסענדיג אייגענטליך צו וואָס ער האָט זיך דאָס אזוי א כאַפּ געגעבען. בענדזשאמין האָט א קוק געגעבען אויף דעם בריעף פון דער היים, ער האָט איהם גענומען ווייטער לעזען.

ווען ער האָט דורכגעלעזען דעם בריעף איז זיין פּנים געוואָרען פרעהליכער און רוהיגער. ער האָט א זיפץ געגעבען, גלייך ווי ער וואָלט אריבערגעגאנגען א לאַנגען שווערען וועג. באַלד האָט ער געעפענט א שטרויענע קאסטען און האָט גענומען פערפּאקען זיינע זאכען. בענדזשאמין האָט געטהאָן זיין ארבייט שנעל, פיעבעריש. ווען איינער וואָלט געזעהן ווי ער פּאקט זיך, וואָלט ער געוויס וואָרפען אויף בענדזשאמינען א פערדאכט, אז ער האָט עפּעס בעגאַנגען א פערבעכען, און ער איילט זיך צו פערלאָזען דאָס לאַנד.

ווען בענדזשאמין האָט פערפּאַקט זיינע זאכען, האָט ער זיך פיין צוגעפּוצט אין זיינע בעסטע יום־טוב'דיגע קליידער, און ער איז אַרויס פון צימער. אין א פּאָאר שטונדען ארום איז ער ווייטער געקומען, און האָט מיט זיך געבראַכט פערשיעדענע באַנדלעך. דאָס האָט ער אין חזיר־מארק איינגעקויפט זאכען, וועלכע ער האָט בעדאַרפט מיט זיך נעהמען. ער האָט מיט דעם גרעסטען אינטערעס בעטראַכט די ניי־געקויפטע ארטיקלען און האָט זיי גענומען פּאקען. ער איז געוואָרען אזוי פערליעבט אין זיין מלאכה, אז עס האָט זיך געקענט דוכטען דאָס ער האָט אין גאַנצען פערגעסען די אורזאַכע פון זיין פּלוצליכען אָבפאָהרען. ווען ער איז אין גאַנצען געווען פאַרטיג מיט זיין ארבייט, איז ער ווייטער אוועק. דאָס איז ער געגאַנגען אין די ביינק און ער האָט ארויסגענומען זיינע עטליכע דאָלאַר. נאכהער איז ער אוועק צו א בעקאַנטער קאַנטאָר פון שיפסקארטען. ווען ער איז צוגעגאַנגען צו דער קאַנטאָר, האָט איהם עפּעס זיין הארץ גענומען קלאַפּען — ער האָט ניט געקענט אריינגעהן. ער איז עטליכע מאָל פאַרבייגעגאַנגען די קאַנטאָר, ביז וואַנען ער איז דאָך אריין. אין א האַלבע שטונדע איז ער ארויס פון דאָרטען, אין האַנד האָט ער געהאַלטען א שיפסקארטע. ער האָט אויסגעקוקט צוטומעלט און צוטראָגען. אבגעהענדיג עטליכע בלאָק, האָט ער זיך אָבגעשטעלט... אין הארץ האָט איהם א שטאָך געגעבען ווי מיט א מעסער, ער האָט דערקענט דעם פּלאַץ וואו ער האָט דעם ערשטען מאָל אָבגעשטעלט סאַפּיע'ן...

— פערבלייבען... אבגעגעבען צוריק די קארטע... — איז ביי איהם ארויף א געדאנק. אבער ער האט איהם זעלבסט אונטערדריקט, און ער איז מיט שנעלע טריט ווייטער אוועק. בענדזשאמין איז דאס יעצט געגאנגען צו זיך אין שאפ אבנעהמען די עטליכע דאלאר וואס עס קומט און צוזעגנען זיך מיט די ארבייטער.

ווען בענדזשאמין האט דערצעהלט די העמדעל-נעהער, אז ער פאהרט אהיים צו זיין ווייב און קינד, האבען אלע א ווילע געסטאפט פון דער ארבייט, און יעדער איינציגער האט איהם געזאגט א גוטען ברידערליכען ווארט אויפ'ן וועג.

— טהוסט זעהר גלייך. — האט איינער, אן עלטערער אפערייטאר געזאגט — הלואי וואלט איך אהער מיין פעקעלע צרות נים געבראכט, ווי איך וואלט געלאפען יעדע מינוט אהיים.

— אי, בענדזשאמין, וועסטו דאס זיין א גאסט!

— האסט א מאמען אויך אין דער היים? — האט נאך איינער געפרעגט.

— יעס. — האט בענדזשאמין געענטפערט.

— נו, וועט שוין דארטען זיין גענוג טרעהרען פון שמחה.

— און די ווייבעל דיינע, — האט ווייטער איינער געזאגט — וועט זיך וועניג דערפעהען? אן אנדער ווייב איז בעסער איידער א מאמע.

— אבער וואס איז דאס עפעס מיט אמאל? — האבען איינינע געפרעגט.

— איך ווייס? — האט בענדזשאמין געענטפערט — גארנים. עס האט מיר דערעסען דא צו זיין.

בענדזשאמין הא זיך צושיידט מיט די אפערייטארס און איז אוועק אין אפיס נאך זיין „פעי". ער האט געקראגען און איז ארוים פון שאפ. אויפ'ן וועג האט ער זיך געוואלט פערקעהרען אין דעם שאפ, וואו סיימאן האט געארבייט ((סיימאן האט שוין יעצט נעהאט געארבייט אין אן אנדער שאפ) נור ער האט פאר עפעס חרטה געהאט, און ער איז געגאנגען אהיים.

בענדזשאמין איז געקומען אהיים און ער האט זיך געזעצט שרייבען א בריעף צו זיין ווייב: אז ער פאהרט ארוים, און אז אין צוויי וואכען ארום וועט ער שוין זיין אין פילופינסק. ווען בענדזשאמין האט געענדיגט דעם בריעף, האט ער א קוק געגעבען אויפ'ן זייגער. עס איז שוין געווען אבענד־צייט, נאך זעקס.

— סאַפּיע איז שוין יעצט אין דער היים. — האָט ער צו זיך זעלבסט געזאָגט. און איהם האָט גענומען ציהען צו איהר... ער האָט זיך גענומען פאָרשטעלען ווי אזוי ער וועט אריינקומען... ווי אזוי ער וועט איהר אַלעס זאָגען... ער האָט אָנגעגרייט ווערטער ווי צו רעדען און איז האַסטיג ארויס פון צימער.

ווען בענדזשאמין איז צוריקגעקומען, איז שוין סיימאָן געווען פון דער ארבייט. בענדזשאמין האָט אויסגעקוקט מיעד און צובראָכען.

— ביזטו שוין פארטיג? — האָט סיימאָן געפרעגט.

— פארטיג.

— האָסט שוין אַ שיפסקארטע געקויפט?

— יעס... אַלעס, אַלעס.

— ווען געהט אָב די שיף?

—מאָרגען, צוועלף אוהר אין דער פריה.

— וועלל, זיי נור אַ מענש. — האָט סיימאָן אַ קוק געגעבען אויף בענדזשאמינען מיט רחמנות און מיט ליעבע — פאָהר געזונד צו דיין מאַמען, צו דיין ווייב, צו דיין היים, צו דיין קינד.

בענדזשאמין האָט אַ שווערען זיפץ געגעבען.

— ווייסטו פון וואַנען איך בין דאָס יעצט געקומען? — האָט ער פּלוצלונג אַ פרעג געגעבען.

— פון וואַנען?

— איך האָב געוואָלט אריינגעהן צו סאַפּיע'ן... זעגענען זיך... דער צעהלען איהר וועגען אַלעס...

— נו?...

— איך האָב ניט געקענט. איך בין פינף מאָל צוגעגאַנגען צום הויז... און איך קען ניט. ביי מיר כאַפּט קיין הארץ ניט. און — און איך וואָלט זי אזוי וועלען זעהען... כאָטש נאָך איין מאָל אַ קוק געבען אויף איהר... זאָל איך גאָר אזוי אוועקפאָהרען?... איהר אַ וואָרט ניט זאָגען? פאַר וואָס? פאַר ווען?... וואָס וועט זי וועגען מיר דענקען?

— דאָס איז טאַקע ניט זעהר פיין. — האָט סיימאָן געענטפערט.

— נו, אז איך קען אָבער ניט... איך האָב עפּעס ווי מורא...

— וויסטו וואָס ? — האָט סיימאָן געזאָגט — שרייב איהר אַן א בריעף, דערצעהל איהר אַלעס און בעט זי, זי זאָל קומען צום שיף זעגענען זיך. וועט זי וועלען, וועט זי קומען.

— אֵי, נאַרעלע, — האָט בענדזשאַמין געענטפערט — זי וועט קומען, זי וועט קומען צופליהען ; זי האָט מיך זעהר, זעהר האָלד...

בענדזשאַמין האָט איהר אָנגעשריעבען א בריעף. ווען ער האָט געענדיגט, האָט ער גענומען לעזען פאַר סיימאָנען.

„סאָפיע טהייערע. — האָט בענדזשאַמין געלעזען — איך האָב דיך האָלד ווי מיין נשמה. איך קען אָבער מיט דיר ניט פערבלייבען צוזאַמען, ווייל צווישען אונז שטעהט אַן אנדער פרוי. דאָס איז מיין ווייב, וועלכע איך האָב איבערגעלאָזען אין דער היים... איך האָב דאָס אימער געוואָלט דיר זאָגען, נור ערשטענס פלעג איך עפּעס דאָס ניט קענען אויסרעדען און, צווייטענס... האָב איך שוין נאכהער געטראכט גט'ן זי פון דיינטוועגען. אבער איך קען עס ניט טהון, מיין הארץ דערלאָזט מיר ניט. איך האָב ביי יענער פרוי אָבגענומען מעהר איידער ביי דיר... דו ביזט נאָך יונג, שעהן... דו וועסט קריגען אַן אנדערען... ווען דו ווילסט מיך זעהען, קום צום שיף, זי געהט אָב צוועלף אוהר מיטאגצייט. דער נאָמען פון דער שיף איז „אַטאַמאַן“, דער האַפען איז אין וואָטער סטריט. קום, סאָפיעלע... איך וויל דיך אזוי זעהן... איך וועל דיך קיין מאָל ניט פערגעסען !... איך קען אָבער צו דיר ניט קומען, ביי מיר כאַפּט קיין הארץ ניט... דיין בענדזשאַמין פּעוזנער.““

בענדזשאַמין האָט פער'חתמ'עט דעם בריעף.

— אבער אויף וואָס פאַר אַן אַדרעס זאָל איך עס שיקען ? — האָט ער געפרעגט ביי סיימאָנען — ווען וועט עס איהר אָנקומען ?

— איך דענק, אז מאָרגען פריה.

— נו, טאָ שרייב אויף דעם אַדרעס פון שאַפּ. ווייסט דאָך וואו זי אַרבייט. און טאָמער וועט זי מאָרגען ניט אַרבייטען...

— ווייס איך טאָקע ניט.

בענדזשאַמין איז געפאַלען אויף א פּלאַן, נעמליך : ער האָט אָנגעשריעבען צוויי בריעף, איינעם אויף דעם אַדרעס פון איהר דירה, און דעם צווייטען אויף דעם אַדרעס פון איהר שאַפּ, און ער האָט זיי ביידע אַוועקגעשיקט.

אויף מאָרגען פריה האָט בענדזשאַמין זיך צוזעגענט מיט דער מיסים.

ער האָט איהר בעצאָהלט וואָס איהר קומט, זי האָט איהם געוואונשען א גליקליכען וועג. נאָכהער האָט זיך בענדזשאַמין גענומען זעגענען זיך מיט סיימאָנען.

— נו, סיימאָן, — האָט בענדזשאַמין געזאָגט מיט א ציטערנדיגע שטימע — לאָמיר זיך צושיידען...

— משוגענער, — האָט סיימאָן געענטפערט, און טרעהרען האָבען זיך איהם פּלוצלונג געשטעלט אין האלז — משוגענער, איך וועל דאָך מיט דיר געהן צום שיף.

— א שאדען, וועסט צורייבען צייט.

— עט, מען האָט עס אין דר׳ערד. — האָט סיימאָן זיך בעליידיגט.

— ווי דענקסטו ? — האָט בענדזשאַמין פּלוצים א פרעג געגעבען — וועט סאָפיע קומען צום שיף ?

— איך דענק, אז יא.

דער פריהמאָרגען איז געווען א רעגענדיגער און דער וועטער איז אויסגעפּאַלען ניט קיין אנגענהמער.

— נו, וואוהין וועסטו זיך שלעפּען ? — האָט בענדזשאַמין ווייטער געזאָגט צו זיין חבר — עס רעגענט אזוי. לאָמיר זיך צוקושען, און א סוף, וואָס מאכט דאָס אויס ?

— אז איך פרעג גאָר ביי דיר ניט. — האָט סיימאָן געענטפערט.

— נו, טאָ לאָמיר שוין געהן, וואָרום עס זיצט זיך מיר ניט איין. קום, איך וויל שוין זיין אויפ׳ן שיף...

בענדזשאַמין מיט זיין מיטבאָרדער סיימאָן זיינען אוועק צום שיף.

עס איז געווען א זייגער צוועלף מיטאָג דעם זעלבען טאָג. דער רעגען האָט געסטאָפּט צו גיסען, אבער דער הימעל איז נאָך אלץ געווען פערוואָלקענט. די שיף „אטאמאן" האָט געהאַלטען ביים אָבשווימען פון זיין האפען.

די מאַטראָזען האָבען פונאנדערגעטהיילט די בעגלייטער פון די פּאַסאַזשירען... און דערביי זיינען פאָרגעקומען די געוועהנליכע הערצרייסענדע סצענען: מען האָט זיך געזעגענט, געקושט, געהאַלזט און געוויינט, און געוויינט... די בעגלייטער זיינען געבליעבען שטעהן אויפ׳ן דאָק, אום צו וואַרפען א לעצטען בליק אויף די, וועלכע עס זיינען טהייער צו זייערע

הערצער, און די פאסאזשירען האבען זיך אלע צוזאמענגעקליבען אויפ'ן „פאלובע". יעדער איינציגער האט זיך געשטופט אין פראנט, יעדען איינעם האט זיך געוואלט וואס בעסער, וואס לענגער אנקוקען דאס, וואס ער פערלאזט יעצט פיעלייכט אויף אייביג.

צווישען די פאסאזשירען אויפ'ן פאלובע איז אויך געשטאנען אונזער בעקאנטער בענדזשאמין. ער האט אויסגעקוקט בלאס ווי קאלך, נור זיינע אויגען האבען געברענט. ער האט אלץ געקוקט אויפ'ן דאק... זיינע ברענענדע בליקען האבען „געבלאנדזשעט" צווישען די מאסע בעגלייטער. ער האט דארטען געזוכט זיין סאפיען... אבער סאפיע איז ניט געווען דארט.

— אהא, — האט ער שטיל, אבער מיט הארץ א מורמעל געגעבען — וואס וועט זי יעצט קומען, ווען זי קען מיך ניט קריגען פאר א מאן... און אפשר האט זי די בריעף ניט ערהאלטען, האט בענדזשאמין געטראכט, און איהם האט גענומען אויסרייסען זיין הארץ, ווארום ער איז צו איהר אליין ניט געגאנגען.

— און אפשר פוילט זי זיך... דער וועטער איז שלעכט. — האט ער צו זיך גערעדט, און א ביטערער שמייכעל האט זיך געצייגט אויף זיינע ליפען. די שיף האט ארויסגעלאזען א לאנגזאמען, יאמערליכען זיפץ. עס האט זיך דערהערט ווי אונטען אין די וואסער האבען זיך גענומען בעוועגען די רודערס, די שיף האט גענומען אבשווימען. בענדזשאמינס הארץ האט דורכגעדרונגען א שארפער וועהטאג... נור פלוצלונג האט ער דערזעהן ווי די מענשען, וועלכע זיינען נאך אלץ געשטאנען אויפ'ן דאק, האבען גענומען פאנאנדערטהיילען זיך, עפעס אזוי ווי וועלענדיג דורכלאזען אימיצען א וועג — און באלד האט זיך טאקע בעוויעזען סאפיע. זייערע בליקען האבען זיך בעגעגענט.

— בענדזשאמין!!! — האט סאפיע ארויסגעלאזען א שרעקליכען געשריי — בענדזשאמין!

בענדזשאמין האט דערהערט סאפיע'ס אויסגעשריי, זיינע אויגען זיינען פערלאפען מיט טרעהרען, די הארץ איז איהם פערשטארבען. ער האט געוואלט צו איהר א שפרונג געבען... נור ער האט זיך א כאפ געגעבען. ווי א וואהנזיניגער האט ער גענומען ארומלויפען איבער'ן פאלובע... ער איז אראבגעשפרונגען אונטען אויפ'ן דעק... באלד איז ער געווען צוריק אויפ'ן פאלובע... בענדזשאמין האט זיך אין גאנצען פערלארען. ער האט פערגעסען

אז די שיף האָלט שוין אין שווימען, און ער האָט געזוכט אַן ארויסגאַנג... אַ מאַטראָז האָט איהם אָבער אָבגעשטעלט, און דאַן האָט ער זיך ווי אַ פייל פון בוינגען צוריק אַ וואָרף געגעבען צום ברעג כון פּאַלובע... ער האָט געוואָלט זעהען סאָפּיע... די שיף איז שוין אָבגעשוואומען מיילען, בענדזשאַמין האָט גענומען מיט זיינע ברענענדע בליקען זוכען סאָפּיען... ער האָט זי געפונען, ער האָט צו איהר גענומען מאַכען מיט די הענד, מיט'ן העט, זי האָט איהם אָבער, הפּנים, שוין ניט געזעהען, וואָרום זי איז געשטאַנען בעוועגונגסלאָז, אזוי ווי אַ פערגליווערטע סטאַטוע...

די שיף איז געגאַנגען... באַלד איז סאָפּיע פערשוואונדען געוואָרען פון בענדזשאַמין'ס אויגען... און באַלד איז פערשוואונדען געוואָרען דער גאַנצער דאָק. בענדזשאַמין האָט דערפיהלט אזוי ווי זיין גאַנצער לעבען איז אַוועקגענומען, ער האָט דערפיהלט אז זיין האַרץ איז פערבליעבען דאָרטען אויפ'ן דאָק. איהם איז געוואָרען קאַלט, עלענד און אומעטיג. נאָך אייניגע מינוטען האָט ער געהאַלטען זיינע בליקען אַנגעשטרענגט אהין, וואו ער האָט פערלאָרען סאָפּיע'ן... באַלד האָט ער זיך אומגעקעהרט, האָט אַ שווערען, פערשטיקטען זיפץ געטהאָן... ער האָט דערפיהלט אז ער ווערט דערשטיקט... ער האָט גענומען זוכען אַן איינזאַמען ווינקעלע, ער האָט איהם אויסגעפונען און האָט זיך דאָרטען פערבאָרגען... בענדזשאַמין האָט זיך אַוועקגעזעצט און האָט גענומען דעם קאָפּ אין די הענד...

— סאָפּיעלע, לעבען מיינער... — האָט ער ארויסגערעדט. און ער האָט זיך צוואויינט ווי אַ קינד...

III.

אאור דיער קאַנטרי.

בראַטיאַ, יאַ וויראַס
נאַ טשוזביניע חאַלאָדנאַי
סינאַם ניעוואַלי
אי סקארבי נאַראָדנאַי.

ש. פרוג.

ווען די קליינע אכט־יעהריגע דאָרעלע איז פון סקוהל אהיים געקומען, האָבען איהרע אויגעלאך געפלאַמט מיט בעגייסטערונג און איבער איהר גאַנ־צען קינדערשען פנים׳ל זיינען געווען ווי צוגאָסען שטראַהלען פון צופריע־דענהייט און גליק.

נחום שיינען, דאָרעלע׳ס פאָטער, ארבייט מחמת דעם קריזיס נור האַל־בע טעג. קומט ער אהיים פאַר־פריה. און ווען דאָס קינד איז אין הויז אריין, איז שיינען געזעסען פערטיעפט אין אַ אידישער צייטונג.

שיינען האָט געלעזען די נייעס פון רוסלאַנד.

יעדעס מאָל, ווען שיינען נעהמט ארײנקוקען אין אַ צייטונג, זוכט ער אוים די ערשטע זאַך די נייעס פון רוסלאַנד, די נייעס פון „דער־היים", און ווען ער ווערט פארטיג מיט דיזער אבטהיילונג, ערשט דאַן נעהמט ער קוקען וואָס עס טהוט זיך עפּעס דאַ אין ניו יאָרק.

שיינען האָט פערלאָזען זיין היימאַטה אזוי ווי אַלע אידען טהוען דאָס. פינסטערע גזרות אויף אידען, די שוועריגקייט צו פערדיענען דעם שטיקעל ברויט, האָבען איהם געצוואונגען אויסצוואנדערען נאָך אַמעריקאַ.

שיינען איז אין ניו יאָרק שוין ניין יאָהר צייט. ער האָט דאָ געהיי־ראַטה, געוואָרען פאר דער צייט אַ פאַמיליען־פאָטער פון פיער קינדער, ער מאכט דאָ אַ נישט־קשה׳דיגען לעבען, אַללענפאַלס אַ בעסערען לעבען איידער אין דערהיים, איידער דאָרטען אין ארשע, פון וואַנען ער איז געקומען.

פונדעסטוועגען פיהלט זיך שיינען פרעמד אין ניו יאָרק, און רוסלאַנד, די לאַנד, וואו ער האָט געליטען פון ביטערע גזרות, אינטערעסירט איהם מעהר איידער די לאַנד וואו ער האָט געפונען אַ שטיקעל מנוחה פאַר זיך.

און זעהר אָפט, אין אַ פרייער שטונדע, ווען דער קאָפּ איז אויף אַ ווײלע

ארויסגעטהאָן פון דער שטענדיגער קלעגליכער יאָגענעש נאָך פּרנסה, דער־פיהלט שיינען א טיפּען, טיפען בייגקען נאָך זיין פערלאָרענער היים, עס גלוסט זיך נאָך אין אזעלכע מינוטען אנטלויפען פון ניו יאָרק, פערלאָזען דעם פראָנט־רום מיט דעם קארפּעט, מיט דער פּארלאָר־סעט, מיט דעם הויז־קיפּער, מיט דעם לענדלאָרד, מיט דער עוויגער יאָגענעש נאָך פּרנסה, מיט דעם שאָפּ, מיט דעם באָס, אוועקוואַרפען אין טייך אריין די יוניאָן־קארד, די סאָסייעטי־קארדס, די אינשורענס פּאָליסיס, אוועקוואַרפען דעם גאנצען טאַראַראַם, כאַפּען די ווייב מיט די פּיער דיעטקעס און מאַרש! נאָך אָרשע!

און טיעף, טיעף אין א ווייטען פערבאָרגענעם ווינקעלע פון הארצען צערטעלט דער מאַן א פאַנטאַזיע.

די פאַנטאַזיע שילדערט ווי ער און זיין פאַמיליע זיינען צוריק אין אָרשע, אין דער אייגענער גאַס, צווישען אייגענע מענשען און אָט שפּאַציערט ער ארום אהינטער׳ן שטאָדט איבער׳ן „שאָסיי“; אָט געהט ער ארום מיט די קינדער אין אָרשער בולוואַר.... אָט זיצט ער גאָר אין דער גרויסער איינ־פאָכער, אָבער גראַמער שטוב ביים גרויסען טיש. אויפ׳ן טיש קאָכט דער סאַמאָוואַר און ער מיט זיין פאַמיליע זיצען ביים טיש און עס קומען אריין די אמאָליגע פריינד, די אמאָליגע פערוואַנדטע און עס פיהלט זיך אזוי היימ־ליך, אזוי גוט...

אָבער זעהר אָפּט ווערט שיינען׳ס ליכטיגע פאַנטאַזיע מיט א שווערען וואָלקען פערצויגען און ער דערפיהלט, אז די היים, וועגען וועלכער ער טרוימט, איז גאָר קיין היים ניט און וועט פאַר איהם נעווער, נעווער זיין א היים.

און פּאַסירען פּאַסירט עס גראַדע דאַן, ווען ער קוקט דורך די נייעס פון דער היים, וועלכע ער כאַפּט לעזען מיט אזא דורשט.

ווען שיינען זעהט, וואָס עס טהוט זיך אביסעל אָפּ אין דער היים, ווי מען שלאָגט דאָרט דעם אידען, ווי מען רודף׳ט, ווי מען יאָגט, ווי מען שטיקט, ווען ער לעזט די פינסטערע, פינסטערע נייעס פון רוסלאַנד, דער־פיהלט ער, אז זיי פאַנטאַזיע איז פאַלש; ער האָט ניט קיין היים און וועט נעווער א היים האָבען. ער בעגרייפט, אז אין דער ווייטער מדינה, נאָך וועלכער ער בייגקט אזוי, וועט ער קיין מאָל ניט וואַגען אומצוקעהרען זיך, אז איהם ערוואַרטעט דאָרטען נור עלענד, נור שרעק און דאַן נעהמט

זיך שיינען פיהלען שטארק ענטמוישט.... ער דערפיהלט זיך עפּעס אזוי ווי ער וואָלט געהאט געהאנגען אין דער לופטען צווישען הימעל און ערד.

דאָך יעדעס מאָל, ווען שיינען נעהמט לעזען א צייטונג, כאפּט ער די ערשטע זאך ארייננקוקען אין די נייעס פון דער היים.

און אויך יעצט, ווען שיינען'ס עלטערע טאָכטער איז געקומען פון סקוהל אזא גליקליכע, אזא צופריעדענע, איז דער ארבייטער געזעסען און איז געווען פערטיעפט אין די נייעס פון רוסלאנד.

קיין גוטע נייעס קומען ניט פון רוסלאנד. דערהויבט פאר אידען זיי־נען דאָ געווים זעהר ווייניג גוטע בשורות צו הערען. לעזט שיינען ווי דאָ און דאָ הרג'עט מען אידען, ווי דאָ און דאָ יאָגט מען אידען... בלוט־פערגי־סונגען, אכזריות, רציחות, אונגליק און אונגליק אָהן א סוף און אָהן א ברעג.

און עס ווערט שיינען'ען אלץ שווערער אויפ'ן הארצען און זיין פּנים בעדעקט זיך מיט א וואָלקען.

נור אָט דערהערט ער זיין קינד'ס פריילינע שטימע ; ער קוקט זיך ארום, ער דערזעהט דאָרעלען. ער בעמערקט גלייך ווי זיין קינד איז צופריעדען, און די פערקלעמטע הארץ פון דעם אימיגראנט ווערט פרייער און ער טהוט א פרעג זיין קינד :

— וואָס איז, דאָרוניו ? וואָס ביזטו אזוי צופריעדען ?

אנשטאט אן ענטפער צו געבען גיט דאָרעלע א בליק אויף איהר פאטער מיט איהרע קלוגע דורכדרינגענדע אויגען און זי שטעלט פון איהר זייט א פראגע :

— פּאפּא, ווייסטו גאָר נישט וואָס מאָרגען איז ?

— וואָס איז מאָרגען ?

— ווייסט ניט ?

— איך וויים ניט.

— שיים אן יו — מוסר'ט דאָרעלע איהר פאָטער — מאָרגען איז דאָך וואשינגטאָן'ס בווירטה־דיי.

— איז וואָס איז מיט דיר די שמחה, מיין טאָכטער ? — קוקט דער פאָ־טער אָן זיין קינד מיט נייגעריגקייט און ליעבע.

— איך האָב ליעב וואשינגטאָנען און איך האָב ליעב אייברעהעם לינ־

קאָלן — זאָגט דאָס קינד און אין איהרע אויגעלעך שיינט אָפּ אַ גאַנצער ים פון קינדערשע התלהבות.

— פאַר וואָס האָסטו זיי אַזוי ליעב? — פרעגט דער פאָטער.

— אָה, פּאַפּאַ — נעהמט דאָרעלע ריידען מיט גרויס התפּעלות — אונזער טיטשערין האָט אונז דערצעהלט אַזוי פיעל שעהנע סטאָריס וועגען לינקאָלן און וואשינגטאָן. זיי האָבען געטהאָן אַ סך גוטע זאַכען פאַר „אַאור דיער קאָונטרי“.

די פּאָאַר ווערטער: „אַאור דיער קאָונטרי“ טהוען אַזוי ווי מיט אַ שאַרפען מעסרע אַ שניט אין שיינען'ס סאַמע האַרצען.

ער ווייס, אַז זיין מיידעלע איז נאָך ניט קיין בעוואוסטע פּאַטריאָטקע; ער ווייס, אַז זי פּלאַפּעלט נור דאָס, וואָס די לעהרערין אין סקוהל האָט איהר געזאָגט... דאָך פיהלט ער גלייך, אַז צווישען איהם און זיין קליינער אַכט־יאָהריגער מיידעלע ליגט אַ ברייטער, ווייטער ים, אַ ים, וועלכען ער וועט שוין ניט אַריבערפאָהרען ביז זיין רעכטען קבר.

עס איז שוין ניין יאָהר, אַז ער איז אין לאַנד און די שפּראַך איז קוים, קוים, וואָס ער צוקייט; די שפּראַך, וועלכע פערבלייבט פאַר איהם אויף אייביג פרעמד, וועט זיין זיין קינד'ס מוטער־שפּראַך.

ער איז אַ נאַטוראַליזירטער אַמעריקאַנער בירגער. מיט צוויי יאָהר צוריק האָט ער אַרויסגענומען זיינע בירגער־פּאַפּיערען, פון דעסטוועגען ווען מאַנכעס מאָל קומט איהם אויס אין אַ געשפּרעך צו זאָגען וועגען אַמעריקא „אַאור קאָונטרי“, פיהלט ער אַזוי ווי שטיינער אויפ'ן צונג, און איהם דאַכט זיך, אַז ער בעגעהט עפּעס אַ גנבה... ער פיהלט, אַז ער זאָגט אַ ליעגען... עס איז נישט אמת, עס איז ניט „אַאור קאָונטרי“, כאָטש ער האָט אַרויסגע־קראָגען אַ כתב, אַז ער האָט שוין יע אַ שטיקעל שייכות צו דער היעגער מדינה.

זיין קינד וועט שוין אַזאַ ליגען ניט פיהלען.

דער גרויסער, רוישענדער ניו יאָרק, אין וועלכען ער פיהלט אַזוי עלענד, אַזוי פרעמד, איז דער געבורטס־פּלאַץ פון זיין קינד.

זיין מיידעלע וועט נישט טראַכטען וועגען רוסלאַנד, איהר האַרץ וועט ניט אויסגעהן פון יענעם טיעפען בייניקען, וועלכער עס עסט דעם אימיגראַנט'ס נשמה ביז'ן רעכטען קבר.

און טראכטענדיג וועגען זיך און וועגען זיין קינד, האט דער פאטער מקנא געווען זיין אכט יאהריגער מיידעלע.

— און פאר וואס ביסטו אזוי אומעטיג? — פרעגט דארעלע איהר פאטער.

— אזוי, גאר נישט — האט דער פאטער געענטפערט פערטראכט.

באלד האט שיינען גענומען זיין קינד צו זיך אויף די קניע.

— דארעלע, זאג נאך א מאל!

— וואס? — האט דארעלע אנגעקוקט איהר פאטער.

— זאג „אאור דיער קאונטרי."

— „אאור דיער קאונטרי" — האט דארא געזאגט און האט זיך פריילעך צולאכט.

און דער איממיגראנט האט גענומען שטארק און מיט'ן גאנצען הארצען קושען זיין קליינע מיידעלע.

IV.

די צוויי שכנים.

צוויי שכנים זיינען זיי...

איינער איז א קריסט, א דייטש, א דיקער, א געזונטער ערל מיט א פעטען, רויטען, בייזען פנים, מיט א פאאר לאנגע, געדיכטע, שטעכיגע וואנצעס.

דער צווייטער שכן איז א איד פון א גאנצער וואך, א קליין דאר מענ־שעלע, מיט א מאגערען פערוואגעלטען פנים, א פאאר ברענענדע שווארצע, אונרוהיגע אויגען, א קליין שווארץ בערדעל.

דער דייטש הייסט מיסטער שמידט; זיין ווייב, א דיקע, קורצע ערל'טע און זייער הונד, וועלכער הייסט דראגאן — דאס איז דעם דייטש'ס גע־זינדעל.

דער איד הייסט מנחם מענדעל; זיין ווייב, א הויכע דארע אידענע מיט אגוטמוטהיגען פנים, אן אודושליווע און א הוסטערין; זיינע פינף קינדער־

לעך, פון וועלכע דאָס עלטסטע איז אַ מיידעלע פון אַ יאָהר אכט — דאָס איז דעם אידען'ס געזינדעל.

און דער קאַפּריזנער שיקזאַל האָט אַזוי געוואָלט, אַז דער איד זאָל דערהויבען ווערען איבער דעם קריסט, ד. ה., דער דייטש וואוינט אויפ'ן צווייטען פּלאָאַר און דער איד אויפ'ן דריטען פּלאָאַר, פּונקט איבער דעם דייטש'ס קאָפּ.

שמידט האָט זעהר נישט ליעב אַ אידען, נור מעהר פון אַלע אידען האָט דער ערל פיינד זיין אידישען שכן פון אַפּסטערז. און דאָס איז דערפאַר, ווייל דער פּלאָאַר פון דעם אידען'ס וואוינונג איז צו דער זעלבער צייט דער סיללינג פון דעם דייטש'ס רומס און ווען מנחם מענדעל'ס קינדערלעך שפּיעלען זיך אַפּסטערז, דערפיהלט דאָס גלייך דער דייטש דאַון־סטערזש און ביי יעדען טרייסעל פון סיללינג טרייסעלט און וואַרפט דעם ערל פון האַס און צאָרן.

דער דייטש האָט שוין פיינע עטליכע מאָל פּער'מסר'ט פּאַר'ן לענדלאָרד זיין אַפּ־סטערז'יגען שכן, נור אַזוי ווי מיסטער שמידט צאָהלט די רענט זעהר ניט רעגעלמעסיג און דער איד ציטערט פאַר די רענט ווי פאַר פייער, איז מנחם מענדעל ביי דעם לענדלאָרד פיעל חשוב'ער פון דעם דייטש און דעם ערל'ס מסירות האָבען קיין שום ממשות ניט.

אי מנחם מענדעל, אי מיסטער שמידט ווייסען גאַנץ גוט די בעציהונגען פון דעם לענדלאָרד צו זיי ביידען. דער איד האָט פון דעם הנאה און דעם קריסט'ס שנאה ווערט דאדורך גיפטיגער און ביטערער.

און ביי יעדער געלעגענהייט ציינט אַרויס דער דייטש די ביטערע שנאה צו זיין שכן אַפּ־סטערז.

מנחם מענדעל האָט אַ רגילות אין זיינע פרייע שטונדען זינגען אויפ'ן קול פערשיעדענע סקאַרבאָווע אידישע נגונים'לאַך, און תמיד ווען מנחם מענדעל צוזינגט זיך אויף אַלע כלים, און נעהמט אַריינגעהן אין גרויסע התלהבות, דערהערט זיך דאַון־סטערז אַן אָפּלאָכענדער געלעכטער פון דעם דייטש און דער פּעטער דייטשקע. אַן אַנדערס מאָל קומט צו הילף די דאַון־סטערזיגע שכנים זייער הונד; דראַגנאַן צובילעט זיך אויפ'ן בעל הבית'ישען אופן; די ערלים הויבען אָן צו כאַכאָטשען נאָך העכער, נאָך שפּאָטישער, נאָך שענדליכער; דעם אָרעמען אידען גיסט אָפּ ווי מיט קאַלטע וואַסער...

אוים התלהבות! אוים עקקסטאז! און א בעליידיגטער, א פערשעהמטער בלייבט דער איד שטילשווייגען.

אָבער באלד דערמאָנט זיך מנחם מענדעל, אז ביי דעם לענדלאָרד איז ער דאָך מעהר תקיף פון זיין ביטערען שכן; ער בעגרייפט ווי זיין שכן איז הילפלאָז אין זיין טרפה׳נעם כעס... און ער נעהמט ווידער זינגען...

מנחם מענדעל זינגט, אָבער יעצט אָהן נשמה, אָהן הארץ, זיין איינענער זינגען גרילצט איהם אין די אויערען. נור ער שרייט משונה׳דיג הויך — דאָס נעהמט דער איד נקמה פון זיין שכן דעם קריסט.

און דאון־סטערז לאַכען די ערלים אַלץ פרעכער און הילכינגער, שפּאָטי־שער, שוידערליכער... דעם הונד׳ס בילען געהט איבער אין אַן אימה׳דיגען וואָיען.

און אפּסטערז רייסט זיך אויף די קישקעס דער אָרעמער מנחם מענדעל; דער פרעכער געלעכטער נעהמט אָבער ביסלעכווייז זיין מוטה אוועק; א פער־מאַטערטער, א בעליידיגטער מיט א הארץ, וועלכע איז ווי אין צוואַנגען צו־זאַמענגעדריקט פון שמערצליכען פערדרוס, בלייבט דער איד אנשווייגען לאַנג, לאַנג בעפאַר עס הערט אויף דער געלעכטער פון די ערלים און דער בילען פון׳ם הונד.

ווען מנחם מענדעל׳ס קינדער נעהמען ארומלויפען איבער די רומס, נעהמט מען פון דאון־סטערז ארויפקלאַפּען דורכ׳ן סילינג.

אויף דער ערשטער מינוט הייסט מנחם מענדעל זיינע קינדער צו סטאַפּען ארומלויפען... די קינדערלעך דערשרעקען זיך און מען בלייבט זיצען שטילערהייד יעדערער אין זיין ווינקעלע.

נור באלד כאַפּט ארום דעם אידען׳ס הארץ א גאַנצע נעץ פון קשיות און שאלות:

„פאר וואָס זאָלען זיינע קינדער זיצען ווי די בעגראָבענע? אָט וואָוינען מענשען איבער איהם אויפ׳ן פיערטען פלאָאר, אויך דאָ קינדער, מען לויפט ארום, מען קלאַפּט איבער׳ן פלאָאר, מען טאַנצט, מען שפּיעלט, פונדעסטוועגען צי פאלט איהם איין גאָר זאָגען א וואָרט? פאר וואָס זאָל זיינע קינדער זיין פערוועהרט ביי זיך אין דער היים צו שפּיעלען זיך? ווארום? ווייל דאון־סטערז וואָוינט א דייטש א שונא ישראל? ווארום זאָל דער גוי אומעטום האָבען אזא טרפה׳נע גבורה?“

און מנחם מנעדעל דערזעהט אין זיינע רעיונות דעם פרעכען אָפּלאַכענ־דען פּנים פון דעם דייטש, עס דערמאָנט זיך איהם, ווי אזוי דער דייטש גיט אויף איהם א בליק ווען זיי טרעפען זיך אין האָלל, אָדערביים הויז... אזא שפּאָטישער געלעכטערעל צושפּיעלט זיך אויף דעם ערל׳ס ליפּען... א שמייכעלע, פון וועלכען ער, מנחם מענדעל, פיהלט זיך אימער טיעף געטראָפען, ערנידעריגט און בעליידיגט...

— סיי, קינדער — גיט מנחם מענדעל ראַפּטאָם א קאָמאַנדעווע, — סיי, קינדער, גאָ־עהעד! שפּיעלט זיך, לויפט, טאַנצט זיך וויפיעל איהר ווילט.....

און די קינדער נעהמען זיך גלייך בענוצען מיט דעם טאַטען׳ס „אַמ־נעסטיע“, עס ווערט אין הויז א שרעקליכער גערודער... פון דאַון־סטערז פאנגט מען אָן צו טראַסקענען דעם סילינג...

די קינדערלעך דערשרעקען זיך ווייטער, נור מנחם מענדעל געהט שוין יעצט אריין אין אזא מין אזאַרט... זיין פּנים פּלאַמט אויף... די אויגען צינדען זיך אָן און ער שרייט צו די קינדער:

— נעוועד מיינד, וואָס מען קלאַפּט! לויפט ארום וויפיעל איהר ווילט! און די קינדערלעך לויפען ארום....

און דעם דייטש׳ס קלאַפּען אין סיללינג ווערט אלץ שטארקער און בייזער....

און אויך דיזער שטרייט געדויערט נישט לאַנג...

מנחם מענדעל לייגט אוועק דער ערשטער די כלי זיין, דער צו׳להכים־געפיהל האַלט לאַנג ניט אָן. דער איד נעהמט זיך פיהלען שוואַך און אָב־הענדיג... דעם דייטש׳ס קלעפּ אין סיללינג צורייצען איהם, און צו דער־זעלבער צייט ווארפען זיי אויף איהם אַן אימה... ער הייסט די קינדער זיצען שטיל... און כאָטש זיין הארץ פּלאַגט און מאַרטערט א שמערצליכער פּראָטעסט, פונדעסטוועגען ווען עס קומט איהם אוים אריבערגעהן פון איין רום אין דער צווייטער, סטאַרעט ער זיך נישט צו געבען א צו שטאַרקען טריט....

V.

אין א קריסטליכער נאכבארשאפט.

און אלטע אבער אימער נייע געשיכטע.

די קינדער זיינען נאך אמעריקא אוועק און די עלטערן זיינען אין דער היים פערבליעבען...

עס זיינען איבערגעלאפען איינינע יאהר און די קינדער אין אמעריקא האבען בעקומען א ידיעה, אז זייער מוטער איז געשטארבען.

די קינדער האבען געליעבט זייער מוטער, האבען זיך גוט אויסגעוויינט, נאכהער האבען זיי אוועקגעשיקט דעם פאטער א בריעף, אין וועלכען זיי האבען איהם געבעטען קומען צו זיי.

דער אלטער מאן האט אויף דער גאנצער וועלט קיינעם ניט פערמעגט חוץ זיינע צוויי קינדער אין אמעריקא, זיין גיטעלען און זיין זלמנ'קען, וועלכע ער האט אזוי הייס, אזוי ברענענד ליעב געהאט.

דאך איז דעם אלטען שווער געווען צו שיידען זיך מיט זיין שטעדטעלע, וואו ער האט זיין גאנץ לעבען אבגעלעבט, וואו עס איז אריבער זיין יוגענד, וואו טויזענדער זכרונות זיסע און ביטערע האבען איהם געהאלטען שטארק צוגעבונדען.

דער אלטער איד האט זיך ניט געקענט שיידען מיט זיין קליינער אלטער שטיבעלע, מיט זיין שוהל, מיט זיין בית עולם, און ער איז אין דער היים געבליעבען.

זיינען אנגעקומען שוידערליכע צייטען...

אימיצער האט אנגערייצט א בייזע בלוטדורשטיגע חיה אויף דעם אונגליקליכען אידען... און אידישעס בלוט האט זיך גענומען גיסען אין יעדען ווינקעלע פון רוסלאנד, וואו דעם אידען איז געווען ערלויבט צו אטהעמען ! ! !

מען האט קיינעם ניט געשאנעוועט... מען האט געקוילעט זויג־קינדער, מען האט צושפאלטען קעפ וועלכע עס זיינען בעדעקט געווען מיט דעם ווייסען שנעע פון עלטער.

און מען האט חרוב געמאכט די קליינע שטיבעלע פון דעם אלטען, עלענדען פאטער...

זיין שטיבעל האָט מען צובראָכען, די שוהל האָט מען פערבענט און אפילו דעם בית עולם האָט די בייזע חיה ניט געשאָנעוועט. מצבות האָט מען צובראָכען, קברים האָט מען אויפגעגראָבען, די טויטע האָט מען געשענדעט.

שוידערליכע בילדער האָט דער אַלטער געזעהען. בילדער וועלכע עס האָבען געקיהלט די בלוטען אין זיינע אָדערן. בילדער, וועלכע עס האָבען זיינע ווייסע האָאר נאָך ווייסער געמאכט. בילדער, וועלכע עס האָבען דעם אַלטען גרייז געמאכט צום ווייגען אזוי ווי עס ווייגט אַ קליין קינד.

און די קינדער אין אמעריקא האָבען זיך דערוואוסט וואָס עס האָט פּאסירט אין זייער שטעדטעלע, וואָס עס איז צו זייער אַלטען פאטער געשעהען.

די קינדער האָבען גלייך אװעקגעשיקט דעם אַלטען אַ שיפסקארטע, געלד צו פאָהרען, זיי האָבען געשריעבען דעם פאטער: „דאָ אין אמעריקא איז ניטאָ קיין אונטערשיעד צווישען איד און קריסט, אַלע מענשען זיינען דאָ גלייך", און זיי האָבען געבעטען דעם פאטער ער זאָל קומען צו זיי וואָס שנעלער.

און דער אַלטער האָט זיך געזעגענט מיט זיין חרב'ע שטעדטעלע, מיט זיין צוראבירטער היים, מיט דעם פּלאַץ וואו די שוהל איז געשטאַנען, מיט דעם בית עולם, מיט די קברים... גענומען דעם אַלטבעקאַנטען אידישען וואַנדערשטעקען אין די ציטערנדע הענד, אָבגעזאָגט תפילת הדרך, און דער פאטער איז צו זיינע קינדער אוועק...

אין אַ שעהנעם זומער פריהמאָרגען האָט דער אַלטער וואַנדערער דערזעהען די שעהנע גרינע ברעגען פון דער פרעמדער אונבעוואוסטער מדינה, וואו זיינע קינדער האָבען זיך געפונען.

דער אַלטער האָט „שהחיינו" געמאכט...

און אָט איז דער אינזעל פון טרעהרען... אָט זיינען זיינע קינדער, ער האַלזט זיי, ער קושט זיי... און אַלע דריי בעגיסען זיך מיט טרעהרען...

גיטעל און זלמן, אָדער ווי זיי הייסען דאָ אין ניו יאָרק קייטי און סעם, פערמאָגען אַ טאבאַק און סטיישאָנערי סטאָר.

דער סטאָר טראָגט אריין פיינע געלד, דער ברודער און די שוועסטער מאַכען אַן אַנשטענדיגען לעבען, מען לעגט אוועק גאַנץ אָפט אין די בייאַנק אַן איבריגען דאָלאַר.

דער סטאָר געפינט זיך אין אַ קריסטליכען געגענד... אין אַ געגענד וואו

מען האָט זעהר ניט ליעב אַ אידען. אבער קייטי און סעם זיינען שוין נישט־קשה׳דיג אַמעריקאַניזירט, עס איז קוים צו בעמערקען אז זיי זיינען מזרע היהודים, אַלענפאַלס די אויגען שטעכען זיי ניט, און עס געהט מיט...

פון עללים אײלענד האָבען די קינדער ניט גענומען דעם אַלטען גלייך אַהיים, נור מען האָט איהם פערפיהרט דאַון־טאַון צו זייערען אַ בעקאַנטען.

— פאַר וואָס פאָהרען מיר ניט, קינדערלעך, צו אייך אהיים? — האָט דער אַלטער געפרעגט.

— מען קען ניט, טאַטע, מען קען ניט. — האָבען די קינדער ערקלערט — מיר וואוינען אין אַ קריסטליכע נאָכבארשאַפט, מען מוז דיך אביסעל איבער־טהאָן. מען קען אזוי ניט...

און די קינדער האָבען איבערגעטהאָן דעם פאַטער אין די נייע גלות־קליידער.

ווען עס איז געוואָרען אביסעל פינסטערלעך, האָבען די קינדער דעם טאַטען אהיים אוועקגעפיהרט.

דער אַלטער איז געוועזען ניט קיין נארישער איד, און ער האָט בעמערקט, אז די קינדער היטען זיך מיט איהם עפּעס צו פיעל... מען ווייכט אויס פארבייגעהערס, מען לאָזט איהם פון אויג ניט, און ווען דער פאַטער האָט אריינגעקוקט זיינע קינדער אין די אויגען אריין, האָט ער דערזעהן בעקאַנטע בליקען... — אזוי האָבען זיך אַלע אידען אין דער היים, אין זיין שטעדטעלע, אַרומגעקוקט אויף מאָרגען נאָכ׳ן פּאָגראָם, ווען עס פלעגט אויסקומען אַ גאַס דורכצוגעהען.

אַ געפיהל פון אונרוה האָט ארומגעכאַפּט דעם אַלטענס הארץ.

נור אָט איז שוין דער פאַטער אין דער היים ביי זיינע קינדער. ער בעמערקט, אז די קינדער רעדען צו איהם זעהר שטיל, עפּעס אזוי ווי זיי וואָלטען זיך גע׳סוד׳עט.

— וואָס האָט איהר מורא צו רעדן אביסעל העכער? — פרעגט דער אַלטער.

— מען קען ניט, טאַטע... עס זיינען ארום און ארום קריסטען... זיי וועלען דערהערען מען רעדט אידיש, ניט אנגענעהם.

דער אַלטער נעהמט אויך רעדען שטילער, פּונקט אזוי ווי זיינע קינדער רעדען... ער דערמאָנט זיך אז אזוי האָט מען גערעדט אין דער היים בשעת׳ן

פּאָגראָם, ווען מען איז געזעסען בעהאַלטען פערשטיקט אויף בוידעמס און אין קעלערס, און א געפיהל פון שרעק דריקט צוזאַמען זיין האַרץ אַזוי ווי מיט צוואַנגען... און איהם נעהמט זיך דאַכטען אַז אָט, אָט, וועלען נעהמען פליהען שטיינער אין פענסטער... עס וועלען נעהמען קלינגען די צובראָכענע שויבען, און עס וועלען זיך ציינען יענע שרעקליכע מערדערישע פּנים'ער, וועלכע ער האָט געזעהן אין דער היים, ווען דער פּאָגראָם האָט געבושעוועט.

דרויסען האָבען זיך דערהערט עפּעס שכור'ע קולות. דער אַלטער האָט זיך ערשראָקען ארומגעקוקט און געפרעגט מיט א דערשטיקט קול:

— ווער שרייט עס דרויסען?

— עס איז דאָ א שיינק דאַביי. — האָבען די קינדער ערקלערט זייער פאטער — ליאַרעמען שיכורים.

— אידען? גוים?

— אידען זיינען דאָ ניטאָ... עס איז א קריסטליכע נאַכבאַרשאַפט...

דער אַלטער האָט געוואַשען זיינע הענד און געפרעגט ביי זיינע קינדער

— וואו איז מזרח?

— וואָס ווילסטו טהון, טאַטע?

— דאַוונען מעריב.

— דאַווען, טאַטוניו, נאָכהער וועלען מיר עסען... אָבער דאַווען שטיל. אָט דאָ דאַביי, די צווייטע טהיר וואוינען קריסטען... און שלעכטע מענשען... מען וועט זעהר אָבלאַכען...

און דער אַלטער האָט געדאַוונט שטיל, נאָך שטילער ווי די קינדער האָבען געוואָלט... און ביים דאַוונען האָט ער געוויינט מיט שטילע טרעהרען, פערשטיקטע טרעהרען, אַזוי ווי עס פּאַסט זיך פאַר א קריסטליכער נאַכבאַרשאַפט...

VI.

א אידישע נקמה.

דער צייטונגס־מאַן איז געווען א איד און געהייסען האָט ער איזערסאָן; דער אַפּטייקער איז געווען א דייטש, א קריסט, א ביטערער אַנטיסעמיט, און געהייסען האָט ער מיסטער שטעקער.

און צו יענער צייט איז שטעקער געווען איזערסאָן'ס אַ קאָסטאָמער, און דער אָרימער צייטונגס־מאַן איז פון דעם דראָגיסט אויסגעשטאַנען ביטערע צרות.

זיין צייטונגס־געשעפט האָט איזערסאָן אָבגעהאַנדעלט פון אַן אַלטען דייטש. דער גאַנצער קווארטאַל, וואו עס איז געלאָפען איזערסאָן'ס „צייטונגס־רונדע" איז געווען פערבויט פון קליינע הילצערנע פּריוואַט־הייזקעס, בעוואָהנט פון דייטשען, שוועדען און נאָרוועגער — אַלץ אַזעלכע לייטע, וועלכע האָבען אַ אידען שטארק ניט געגליכען.

ווען איזערסאָן האָט שוין געהאַט דאָס געשעפט אָבגעקויפט, פערבליעבען אַליין אָהן דעם אַלטען דייטש, ביי וועמען ער האָט די מציאה געהאַנדעלט, און גענומען בעקאַנט ווערען מיט זיינע קאָסטאָמערס, האָט ער שוין גוט פערשטאַנען, אַז ער איז אַריינגעפאַלען צווישען שונאים. עס איז שוין אבער געווען אחר המעשה. זיינע פּאָאר בלוטיגע דאָלאַר, אָן וועלכע עס איז אָבגעהאַנגען זיין גאַנצע עקזיסטענץ, דיזע פּאָאר דאָלאַר זיינען שוין געווען ביים אַלטען דייטש, און איזערסאָנען איז פערבליעבען נור איין ברירה — צו ליידען און צו שווייגען.

געלד פאַר די צייטונגען פלעגט איזערסאָן קאָלעקטען ביי זיינע קאָסטאָמערס נור איין מאָל אַ חודש, און ווען עס פלעגט אָנקומען די גוטע צייט פון זיין מאָנאַטליכען קאָלעקשאָן, פלעגט דאַן דער צייטונגס־מאַן זיין דער אונגליקליכסטער מענש אויף דער וועלט.

צוויי הונדערט קאָסטאָמערס האָט איזערסאָן פערמאָגט, און צוויי הונדערט מאָל פלעגט איהר אויסקומען צו זיין בעליידיגט און ערניעדריגט.

עס האָט געמעגט דרויסען זיין דער ערגסטער וועטער, עס האָט געמעגט שנעען, רעגנענען, האָגלען, האָט מען דעם צייטונגס־מאַן נעווער אינוועניג אין אַ הויז אַריינגעלאָזען, אימער דרויסען געלאָזט שטעהן; פון דעם אנדערן זייט טהיר, אין דרויסען, אַרויסגעטראָגען די עטליכע פענים, די שוועַר פערהאָרעוועטע עטליכע פענים, אַזוי ווי פאַר אַ בעטלער אַ נדבה.

אָט עפענט דער צייטונגס־מאַן די גייט, קומט אַריין אין הייפעל, געהט אַרום די הויז צום הינטער־טהיר, רינגט אָן מיט אַ פערציטערטער האַרץ די בעלל פון קיך, — עס ציינגט זיך די דיענסט.

— גוטען אבענד. — זאָגט דער ניוס־דילער אונטערטהעניג און פריינדליך.

די דיענסט ענטפערט גאָר נישט; נעהמט צו דעם ביל בײַ דעם צייטונגס־מאַן און שווייגענדיג מאַכט זי צו די טהיר, איבערלאָזענדיג דעם ניוס־דילער דרויסען.

און איזערסאָן שטעהט נעבען טהיר, וואַרט... און וואַרט, ביז מען טראָגט ארויס די עטליכע פעניס...

און איזערסאָן בעמערקט אָפט ווען די דיענסט גיט איהם דאָס געלד, היט זי זיך צוצוריהרען זיך צו זיין האַנד, עפּעס אזוי ווי ער וואָלט געווען אונריין אָדער קרעציג.

— טהענק יו, — זאָגט איזערסאָן — טהענק יו!

קיין ענטפער. און מען פערהאַקט די טהיר אויפ'ן רעכטען נאָז.

און אזוי איז אין יעדער הויז, בײַ יעדען קאַסטאָמער.

א טיעפע פעראַכטונג צו דעם אידען.

און אויף פעראַכטונג ענטפערט דער צייטונגס־מאַן מיט פעראַכטונג. און ער האַסט זיינע קאַסטאָמערס. ער פעראַכטעט זיי אַלעמען.

נור ערגער פון אַלעמען האָט דעם צייטונגס־מאַן בעהאַנדעלט דער דראָגיסט, מיסטער שטעקער.

אין אַפּטייק פלעגט מען איזערסאָנען שוין גראַדע ניט לאָזען דרויסען שטעהן, אינוועניג אין סטאָר פלעגט ער מוזען אריינקומען, און דער אַפּטייקער פלעגט איהם אבזיכטליך פערהאַלטען וואָס לענגער, אום וואָס מעהר אָבשפּאָטען פון איהם.

רופען פלעגט מען דעם צייטונגס־מאַן אין אַפּטייק ניט איזערסאָן, נור „אייזיק“, און ווען דער אַפּטייקער פלעגט א זאָג טהון דעם „אייזיק“, פלעגט ער זיין פּנים דאַביי פּאַסקודנע און העסליך אויסקרימען, און דעם אָרימען איזערסאָנען פלעגט זיך דוכטען אז דאָס גרעסטע שימפּפוואָרט אויף דער וועלט איז דער נאָמען „אייזיק“.

נעדאַרפט האָט דער צייטונגסמאַן קאָלעקטען פאַר זיינע צייטונגען אין אַפּטייק גראַדע אזוי ווי בײַ אַלע קאַסטאָמערס, דאָס הייסט, איין מאָל אין מאָנאַט; דעם אַפּטייקער איז אבער זעהר געפעלען געוואָרען דער מאַכען שפּאַס פון דעם אידישען צייטונגס־טרעגער, און ער האָט געאָרדערט איזערסאָן זאָל קומען קאָלעקטען יעדע וואָך פאַר די צייטונגען.

און יעדעס מאָל ווען איזערסאָן פלעגט אריינקומען אין אַפּטייק נאָך

זיינע פּאָר פּענים, פלעגט ער פיהלען אזוי ווי ער וואָלט אין גיהנום אריינגעקומען.

— וועלל, מיסטער אייזיק! — פלעגט דער אפּטייקער בעגעגנען דעם ניוס־דילער מיט א שפּאָטישען געלעכטעריל.

און עס פלעגט זיך צולאַכען דעם אפּטייקער'ס קלוירק, עס פלעגט לאַכען די קעש־גוירל ביים קאָנטער; עס פלעגט לאַכען דער יונגע, וועלכער פלעגט אין סטאָר ארבייטען. און אויב אין אפּטייק זיינען דערביי עטליכע קאַסטאָמערס געווען, פלעגען אלע צוזאַמען לאַכען.

— טהוירטי סיקס סענט. — פלעגט אייזערסאָן ענטפערן קאַלט און טרוקען.

— „דאָירטי סיקס סענט." — פלעגט דער אפּטייקער איבערקרימען דעם צייטונגס־טרעגער.

און אלע פלעגען זיך ווייטער צולאַכען.

— גיוו טו אייזיק דאָירטי סיקס סענט, — פלעגט דער אפּטייקער זאָגען צו זיין קלוירק. און עס פלעגט זיך ווידער דערהערען א לוסטיגער געלעכטער פון אלע אנוועזענדע.

— סאָטש איי העדאייק! — פלעגט זיך א קרים טהון דער יונגע פון סטאָר, און אלע פלעגען ווידער אויסשיסען אין א געלעכטער.

אויפהערען צו טראָגען די צייטונגען אין אפּטייק האָט אייזערסאָן ניט געוואָנט; מיט עטליכע בלאָק ווייטער טראָגט פערנאַנדער צייטונגען א קריסט, א דייטש. פאַר דיזען גוטען שכן זיינעם האָט דער אידישער ניוס־דילער זעהר מורא געהאַט, זאָל נור אָט דער דייטש קריעגען איין קאַסטאָמער אין דעם קווארטאַל וואו ער דעליווערט די צייטונגען, איז שוין זיין גאַנצע פּרנסה אין סכנה... שטעקט נור דאָ אריין א קריסט א פוס, וועט איהם, דעם אידען, גאָר אונגערן אויסקומען צו מופען. און דער ניוס־דילער האָט ניט געוואָגט צו דערלאָזען זיינער א קאַסטאָמער זאָל מוזען זוכען צייטונגען פון אַן אנדערען...

האָט אייזערסאָן געליטען. נור טיעף ביי זיך אין הארצען האָט ער זיך נור געוואונשען אז דער אפּטייק מיט דעם אפּטייקער, מיט דעם קלוירק, מיט אלעמען מיט אנאַנדער — אז אלעס זאָל פערזונקען ווערען צעהן טויזענד קלאַפטער אין דער ערד אריין.

איין מאָל האָט פּאַסירט, אַז איזערסאָן׳ס געדולד האָט געפּלאַצט; אין דעם ציימונגס־מאַן האָט דער בעלײדיגטער מענש גענומען די אויבערמאַכט איבער יעדע מעגליכע אויסרעכנונג. און דער מאַן האָט אויף דעם אַפּטייקער׳ס בעלײדיגונג געענטפערט מיט דעם, וואָס ער האָט געסטאָפּט צו טראָגן ציימונגען.

אין איין שעהנעם פריהמאָרגען האָט איזערסאָן דערזעהען ווי זיין שכן, דער קריסטליכער ציימונגס־טרעגער טראָגט דעם אַפּטייקער ציימונגען.

דער אַפּטייקער האָט אַ גוטען אָנפאַנג געמאַכט. פון איזערסאָן׳ס ראָוד האָבען גענומען אָבפאַלען קאָסטאָמער נאָך קאָסטאָמער, און אַ רואינירטער, אַ פערזונגליקטער האָט דער איד געמוזט אַנטלויפען פון דעם אַנטיסעמיטישען קוואַרטאַל...

ציימען בייטען זיך. ניו יאָרק האַלט אין איין וואַקסען; דער קאָבערדי־נער לעבען רייסט זיך אריין אין אַלע שטילע, ווייטע, פערוואָרפענע ווינקעלעך, און גאַנצע געגענדען, גאַנצע קוואַרטאַלען האַלטען אין איין בייטען זייער פּנים.

און דער פערוואָרפענער אַנטיסעמיטישער קוואַרטאַל האָט אויך געביטען זיך אין גאַנצען.

אַ דייטש האָט פערהאַנדעלט אַ אידישען ריעל־עסטייטניק זיין הייזקע. און אויף דעם פּלאַץ פון דער שטילער, רוהיגער שטיבעלע, מיט דעם אַרומיגען שעהנעם גאָרטען, איז פּלוצלונג אויסגעוואַקסען אַ הויכע טענעמענט־הויז מיט פייער־עסקייפּס, מיט פּראָנטס, בעקס... און ביליגע רענט... אין דעם קוואַרטאַל האָבען זיך גענומען אידען ציינען.

דער קריסטליכער שטילער גן־עדן איז פערשוועכט געוואָרען... די דייטשען האָבען גענומען לויפען פון דעם געגענד. עס האָבען גענומען אויס־וואַקסען איין טענעמענט הויז נאָך דער צווייטער, און עס איז געקומען אַזוי ווייט, ביז מיסטער שטעקער, דער אַפּטייקער, איז פערבליעבען דער איין־איינציגער פון דער אַמאָליגער קריסטליכער נאָכבאַרשאַפט.

און עס האָט זיך געמאַכט אַזוי, אַז איזערסאָן האָט זיך ווייטער פער־קליבען אין דעם קוואַרטאַל פון וואַנען ער האָט אַמאָל געמוזט לויפען. אַ גראָסערי האָט ער יעצט געעפענט, אַ אידישע גראָסערי אין אַ אידישען געגענד.

איזערסאָן האָט א פרוי און קינדער; גאַנץ אָפט געברויכט ער א דאָקטאָר און גאַנץ אָפט בעזוכט ער אויך יעצט שטעקער׳ס אפטייק.

דעם ערשטען מאָל, ווען איזערסאָן איז אַריין אין שטעקער׳ס אפטייק, האָט איהם דאָס הארץ גענומען קלאַפּען. אמת, ער האָט געוואוסט, אז יעצט איז ער דער קאָסטימער, אז יעצט איז ער ווייט ניט עלענד דאָ, און ער האָט גאָר ניט וואָס צו שרעקען זיך פאר דעם אפטייקער. אריין איז ער אין אפטייק טאקע מיט א שטאָלץ אויפגעהויבענעם קאָפּ, עפּעס אזוי ווי ער וואָלט געזאָגט: „יעצט בין איך תקיף". נור פון דעסטוועגען האָט איהם דאָס הארץ גענומען קלאַפּען.. און איהם האָט זיך געדוכט, אז אָט, אָט וועט ער דערהערען דעם אמאָליגען געלעכטער...

אבער, אָט איז שטעקער.. וועה, ווי דער מענש האָט זיך געביטען... ווי פריינדליך ער איז צו זיינע אידישע קאָסטאָמערס... ווי פריינדליך ער האָט בעגעגנט דעם אמאָליגען ניוס־דילער..

— אָה, העללאָו! וואָס איז יור ניים, פּליז? — האָט שטעקער פריינדליך בעגריסט דעם אידען.

— מאַי ניים איז איזערסאָן! — האָט געענטפערט דער געוועזענער ציימונגס־טרעגער מיט שטאָלץ און בריימקייט — איזערסאָן, דאָנט יו רעמעמבער?

— אָה, יעס, מר. איזערסאָן! — האָט זיך דער דראָגיסט עראינערט... און אויף דעם ער׳ל׳ס פּנים האָט זיך צוגאָסען א ליעבליכער שמייכעל.

און איזערסאָן האָט דערפיהלט טיעף אין הארצען א מאָדנעם פערגניגען. עפּעס אזוי ווי ער וואָלט דורכגעמאכט א גרויסען נצחון איבער זיינעם א בלוטיגען שונא.

יעצט בעזוכט איזערסאָן גאַנץ אָפט דעם אפטייק... ווען עס מאכט זיך נור אז מען מוז נעהמען עפּעס א מעדיצין, מעג איזערסאָן זיין ווי ביזי, וואַרפט ער אוועק אַלע זיינע געשעפטען און ער אַליין לויפט אין דראָג סטאָר... ניט זיין פרוי, ניט זיינע קינדער לאָזט ער געהן. נור ער אליין מוז געהן...

און יעדעס מאָל ווען ער גיט צו ליזען אין אפטייק, און יעדעס מאָל ווען דער אפטייקער פערנייגט זיך פאר איהם מיט א חניפה־שמייכעלע, פיהלט איזערסאָן אזוי ווי עס וואָלט איהם צוגעקומען א שטיק געזונד, א שטיק לעבען.

דאָס נעהמט נקמה דער געוועזענער צייטונגס־טרעגער פון זיינע א געוועזענעם שונא.

א אידישע נקמה!

VII.

א גרייז אין ווערטערבוך.

ווען די קליינע זיעבען־יעהריגע טעססי האָט צום ערשטען מאָל פער־פעהלט א טאָג אין סקוהל געהן און געבעטען איהר פאָטער ער זאָל איהר אויף מאָרגען צוגרייטען א „נאָוט“ פאַר דער טיטשערין, איז דאָס געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס טעססי'ס פאָטער האָט דערפיהלט די נויטווענדיגקייט צו קענען שרייבען און ספּעלען ענגליש.

פיער יאָהר איז טעססי'ס פאָטער אין אמעריקא, און קיינמאָל בעפאָר איז איהם ניט אויסגעקומען צו נויטיגען זיך אין דער לאַנד־שפּראַך.

וואָהנען וואָהנט מען דאון־טאון צווישען אידען. מען רעדט אידיש, מען לעזט אידישע צייטונגען. מען פערהאַנדעלט אַלע געשעפטען פון דעם טעגליכען לעבען אויף דעם היימישען אידישען לשון, איז וואָס אנבעטרעפט די שפּראַך האָט טעססי'ס פאָטער קוים געקענט מערקען, אז ער געפינט זיך אין א פרעמד לאַנד און ניט אין דער היים אין זיין ליטווישער שטעדטעל.

מאָררים גאָלדמאַן, אזוי האָט געהייסען טעססי'ס פאָטער, איז גריינער־הייט ביי דריי חדשים געגאַנגען אין נייט־סקוהל. פאַר דיזער קורצער צייט האָט ער זיך אויסגעלערענט לעזען ענגליש, א ביסעל שרייבען, נור מיט'ן ספּעלען און ריכטיג גראַמאַטיש געברויכען די ווערטער איז ער געבליעבען הינטערשטעליג. פאַר די פיער יאָהר צייט וואָס ער געפינט זיך אין לאַנד האָט ער עפּעס אזוי גאָר ניט געלערענטערהייט אויסגעלערענט זיך לעזען און פערשטעהען א ענגליש בוך, נור מיט זיין ספּעלען און ריכטיג שרייבען האָט ער גאָר ניט פּראָגרעסירט.

ניט אין שאָפּ ביי דער מאַשין, ניט אין הויז ביי דעם אַלטעגליכען לע־בען איז גאָלדמאַן'ען ווען עס איז אויסגעקומען צו געברויכען זיינע קענטניסי

אין ענגליש שרייבען, און טעססי'ס „נאָוט" האָט צום ערשטען מאָל עראי־נערט דעם איממיגראַנט, אז מען דאַרף קענען שרייבען און ספעללען די שפּראַך פון דער לאַנד, וואו מען געפינט זיך.

טעססי'ס פאָטער האָט געוואוסט וואָס עס הייסט ערציהען א קינד; ניט אכטענדיג אויף דעם וואָס ער האָט זיין קליינע טעססי'לען געליעבט ביז משוגעת, האָט ער דאָך אויפגעפּאַסט זיינע סענטימענטאַלע געפיהלען צו קאָנטראָלירען, און געוואָהנט דאָס קינד צו בעטראַכטען איהרע עלטערן מיט רעספּעקט און עהרפורכט.

און די קליינע טעססי'לע האָט געוואוסט, אז איהר פאָטער'ס וואָרט איז הייליג, אז פּאַפּאַ זאָגט עפּעס, מוז דאָס אזוי זיין — אנדערש האָט די קליינע מיידעלע גאָרנישט געקענט בעגרייפען.

עס פלעגט אָפט טרעפען ווען טעססי פלעגט דעם פאָטער שטעלען אזעל־כע פראַגען, אויף וועלכע ער האָט ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערען, האָט אָבער גאָלדמאַן קיין מאָל ניט געזאָגט פאַר דעם קינד, אז ער ווייס ניט. אימער האָט ער שוין ווי עס איז אויסגעזוכט א וועג ווי אזוי די מיידעלע'ס פראַגען רעכט צו מאַכען און טעססי זאָל חלילה ניט קריגען א פערדאַכט, אז אויף דער וועלט קענען עקזיסטירען זאַכען, פון וועלכע פּאַפּאַ ווייס ניט.

ווען טעססי האָט צום ערשטען מאָל פערלאַנגט, אז איהר פּאַפּאַ זאָל צו־שיקען מיט איהר א „נאָוט" פאַר דער טיטשערין, וואו ער האָט געהאַט צו ערקלערען וואָרום די מיידעלע האָט פערפעהלט א טאָג אין סקוהל געהן, האָט זיך גאָלדמאַן גענומען פיהלען שטאַרק אונרוהיג.

ערשטענס האָט ער מורא געהאַט, אז ער וועט אָנשרייבען דעם „נאָוט" מיט גרייזען, צווייטענס האָט ער זיך געשראָקען — אז זיין קליינע מיידעלע, וועלכע האָט שוין געקענט לעזען און געקענט פיעלע ווערטער ספּעללען, זאָל איהם ניט כאַפּען אין א גרייז.

אום צו פערמיידען אזא געשעהעניס, האָט גאָלדמאַן גענומען א ווער־טער־בוך, פאָרזיכטיג און אויפמערקזאַם דורכגעקוקט יעדען וואָרט, וועלכען ער האָט געדאַרפט געברויכען פאַר זיין „נאָוט", און געטהאָן האָט ער עס בעהאַלטענערהייט, אזוי, אז זיין טעססי זאָל דאָס ניט בעמערקען און די מיידעלע זאָל ניט קריגען א פערדאַכט, אז פּאַפּאַ ווייס ניט ווי צו ספּעללען.

אזוי האָט גאָלדמאַן געטהאָן שרייבענדיג דאָס ערשטע „נאָוט" פאַר

זיין קינד און אזוי האָט ער געטהאָן נאָכהער יעדעס מאָל, ווען עס איז איהם נור אויסגעקומען אזא „נאָוט" צו שרייבען.

איין מאָל ווען די קליינע טעססי'לע איז געקומען פון סקוהל, האָט די מיידעלע געבראַכט מיט זיך א שטיקעל פּאַפּיער און מיט א פרעהליכער קלינ־גענדער שטימע האָט דאָס קינד געזאָגט צו איהר פאָטער:

— לוק, פּאַפּאַ, איך וועל מאָרגען דארפען זאָגען א „פּים". היער איט איז!

און טעססי דערלאַנגט איהר פאָטער דעם שטיקעל פּייפּער, וועלכען זי האָט געהאַלטען אין האַנד.

די „פּים" איז בעשטאַנען פון עטליכע ארויסגענומענע פערזען פון א געוויסען געדיכט. די פערזען האָבען געהאַט פיעלע שווערע ווערטער, עס איז אויך געווען געשריעבען אין א שווערע האַנדשריפט און גאָלדמאַן האָט זיין קינד'ס „פּים" ניט געקענט איבערלעזען.

— האַו דו יו לייק איט, פּאַפּאַ? — האָט טעססי אונשולדיג געפרעגט.

— אָלל־רייט — האָט גאָלדמאַן געענטפערט און האָט אימער ארייג־געקוקט אין פּייפּער.

— באַט דאָ זיינען אזעלכע שווערע ווערטער, ווּעסט מיר העלפּען, פּאַ־פּעלע, אויסלערנען מיין פּים? — האָט טעססי געזאָגט צו איהר פאָטער מיט קינדערשען געבעט.

גאָלדמאַן האָט צום ערשטען מאָל דערפיהלט ווי ביטער און ווי ניט שעהן עס איז ניט צו קענען עטוואָס וואָס א קינד בעט צו ערקלערען; איהם האָט זיך געדאַכט, אז זיין קינד וועט אָן זיינע אויגען בעגרייפען זיין לאַגע און ער האָט מורא געקראָגען א בליק צו טהאָן אויף זיין קליינער קלוגער מיידעלע.

— וועלל, פּאַפּאַ, ווּעסט מיר העלפּען?

— יעס, יעס, מיין דארלינג — האָט דער פאָטער געשטאַמעלט.

דאָס קינד זאָל נור ניט בעמערקען וואָס ער טהוט, האָט ער גענומען די אָנגעשריעבענע פערזען, גענומען א ווערטער־בוך, פערשפּאַרט זיך ביי זיך אין צימער און האָט גענומען שטודירען די האַנדשריפט.

לאַנגזאַם, מיט ביטערע שוועריקייט, וואָרט פאַר וואָרט האָט גאָלדמאַן אויסגעפונען אַלע ווערטער פון זיין קינד'ס לעסאָן. די פערזען זיינען איהם

געוואָרען פערשטענדליך און א גליקליכער, א צופריעדענער איז ער ארויס פון זיין צימער.

— קאָם, טעסעלע — האָט גאָלדמאַן געזאָגט צו זיין קינד — קום, דאַר־לינג, איך וועל דיר איבערלעזען דיין פּיס און פּאַפּאַ וועט דיר אַלעס עקס־פּליינען.

און דער פאָטער האָט גענומען לעזען די פערזען און עקספּליינען זיי פאַר דער מיידעלע.

ביי א געוויסען וואָרט, וועלכען גאָלדמאַן האָט אויף א געוויסען אַרט אויסגעטייטשט, האָט טעססי עפּעס אַזוי ווי אונגערן אויסגעשריען:

— אָה, פּאַפּאַ!

גאָלדמאַן האָט זיך אָפּגעשטעלט און אונרוהיג געפרעגט:

— וואָס איז, טעסעלע?

עס איז געווען צו מערקען, אַז דאָס קינד האָט עפּעס וואָס צו זאָגען, נור עס וואַגט ניט צו רעדען.

גאָלדמאַן האָט פערשטאַנען, אַז ער האָט געמוזט מאַכען א פעהלער און ער האָט געפרעגט:

— וואָס איז, טעססיניו, עפּעס ניט ריכטיג?

— אי דאָנט נאָו — האָט טעססי אבהענדיג געשטאַמעלט. אַט דאָס וואָרט, דאַכט מיר, האָב די טיטשערין געזאָגט עפּעס אַנדערש...

— וואָס? — האָט גאָלדמאַן געפרעגט — ווי אַזוי האָט די טיטשערין געזאָגט?

— איך ווייס ניט, איך קען ניט געדענקען — האָט נאָך מעהר אַבהענגיג גערעדט דאָס קינד — באַט עס איז ניט אַזוי.

— אָלל־רייט, מיין קינד, עס קען זיין, אַז פּאַפּאַ מאַכט א מיסטייק — האָט גאָלדמאַן צום ערשטען מאָל אין זיין לעבען געפיהלט זיך געצוואונגען א זאָג צו טהאָן פאַר דעם קינד, אַז עס איז מעגליך, דאָס ער זאָל אויך א פעהלער מאַכען — באַלד וועלען מיר זעהן, מיין טאָכטער.

דער פאָטער האָט גענומען דעם ווערטערבוך, אויסגעפונען דאָס וואָרט; זיין פערטייטשונג איז געווען ריכטיג און ער האָט טריאומפירענד געזאָגט צו זיין קינד:

— זעהסט, מיין טאָכטעריל, פּאַפּאַ איז גערעכט. אַט דאָ אין בוך,

זעהסטו, אַז איז עס דאָס זעלבע וואָרט און עס זאָגט זיך אויך אַזוי ווי איך זאָג.

דאָס קינד האָט נייגעריג אין בוך אַריינגעקוקט. אָבער הפּנים ניט דער פאָטער און ניט דער ווערטערבוך האָבען געקענט איהר קינדערשע הער־צעלע בעפרייען פון צווייפעל און מען האָט געקענט נאָך איהר אומעטיג פּנים׳ל זעהן, אַז זי געפינט זיך אין אַ פערלעגענהייט.

גאָלדמאַן האָט בעגריעפען זיין קינד׳ס צווייפעל. דאָס האָט איהם גע־נומען ערגערען און טהיילווייז בעליידיגען און ער האָט אַ זאָג געטהאָן צו זיין קינד מיט אַ האַרטער טרוקענער שטימע:

— נו, וואָס זשע האָט די טיטשערין געזאָגט?

— איך געדענקט ניט. האָט דאָס קינד געענטפערט דורך טרעהרען.

— וועלל — האָט דער פאָטער געענטפערט צורייצט — אַז דו געדענקסט ניט, דאַרפסטו גלויבען פּאַפּען וואָס ער זאָגט....

טעססי האָט גענומען לערנען איהר לעסאָן און ווען דער פאָטער האָט זיך צוגעהערט, האָט ער בעמערקט, אַז דאָס וואָרט וועגען וועלכעס ביי דער קינד איז פערבליבען אַ צווייפעל, היפּט זי אַריבער...

אַ געפיהל פון שמערצליכען פערדרוס פאַר זיין קינד׳ס ניט גלויבען איהם האָט צוזאַמענגעדריקט גאָלדמאַן׳ס האַרץ און ער האָט מיט אַ פער־שטיקט קול אַ פרעג געטהאָן:

— טעססי, דו גלויבסט אַלץ ניט פּאַפּען?

— יעס, אַי דו — האָט די מיידעלע געענטפערט מיט אַ שוואַכער שטימע, קוים צו הערען.

— וואָרום זשע היפּסטו דורך דאָס וואָרט?

די מיידעלע האָט זיך פערלאָרען און פערשעהמט און ווען זי האָט עפּעס געוואָלט זאָגען, האָט איהר דער פאָטער איבערגעשלאָגען:

— געה אוועק פון מיר, טעססי, איך האָב דיך מעהר נישט ליעב...

אַ גאַנצען טאָג איז גאָלדמאַן אַרומגעגאַנגען אַ צורייצטער, אַ נערווע־זער און ביי נאַכט ווען טעססי איז שוין געשלאָפען, איז איהם אַרויף אויף די געדאַנקען אַ פערדאַכט וועגען אַ מעגליכען גרייז אין דעם ווערטערבוך.

ביי די גאָלדמאַן׳ס אַ שכן צו די פראַנט האָט זיך געפונען אַ „סטענ־דערד ענציקלאָפּעדיא־דיקשיאָנערי“. גאָלדמאַן האָט דאָס געוואוסט, האָט

ער אַנגעקלאַפּט צום שכן אין טהיר און ווען ער האָט אריינגעקוקט אין דעם שכן'ס דיקשיאָנערי און האָט אויסגעפונען דאָס בעטרעפענדע וואָרט, האָט ער דערזעהען, אז זיין פערדאכט איז ריכטיג... אין זיין ווערטערבוך איז געווען א גרייז אין דער ערקלעהרונג וועגען דאָס וואָרט וואָס האָט איהם פערשאַפט אזוי פיעל טראָבעל.

א געפיהל פון שאנדע, וועהטאָג און פאָרוואורף פאר זיין בעליידיגטעם קינד האָט ארומגעכאַפּט דעם פאָטער'ס הארץ; האסטיג איז גאָלדמאַן ארויס־געלאָפען פון זיין שכן'ס הויז, אריין צו זיך אין הויז און צוגעלאָפען צו זיין קינד'ס בעטעלע.

טעססי איז שוין געשלאָפען און אויף איהרע בעקעלעך אונטער די אויגען האָבען זיך געזעהען שפּורען פון פערטריקענטע טרעהרען.

— טעססעלע, קינד מיינס, מיידעלע מיינע — האָט דער פאָטער, עפּעס אזוי ווי אליין ניט וויסענדיג וואָס ער טהוט, אָפּגערופען זיין קינד....

טעססי האָט זיך אויפגעכאַפּט....

— וועהאט'ס מעטעטער, פאַפּאַ? — האָט דאָס פערשלאָפענעם קינד פער־וואונדערט אָנגעקוקט איהר פאָטער.

— ביסט געשלאָפען, טעססעלע? — האָט דער פאָטער געפרעגט מיט א צארטער, אונענדליך צארטער שטימע.

— אי דאָנט נאָו — האָט טעססי פערשלאָפען געענטפערט.

— דו ווייסט, טעסעניו, — האָט גאָלדמאַן גענומען רעדען מיט א פער־ציטערט קול — דו ווייסט, מיין טעכטעריל, פאַפּאַ האָט טאקע פריהער גע־מאכט א מיסטייק...

— וועהאט, פאַפּאַ? — האָט טעססי נייגעריג אָנגעקוקט איהר פאָטער.

גאָלדמאַן האָט דערצעהלט זיין קינד וועגען זיין מיסטייק און דאביי האָט ער געזאָגט די ריכטיגע ערקלעהרונג פון דעם וואָרט....

— יעס, יעס, פאַפּאַ. — האָט אויפגעשיינט פאר פרייד דעם קינד'ס גאנצער פּנים'ל — יעס, יעס... אזוי האָט די טיטשערין אויך געזאָגט!

גאָלדמאַן האָט געכאַפּט פיבעריש קושען זיין קליינע טעסעלען... און ער האָט געפיהלט, ווי טרעהרען קומען איהם צו צום האלז און שטיקען איהם......

VIII.

דער גרינער וואַטשמאַן.

יעצט איז אויף זיין אָרט אַנגעשטעלט אַן איירישער וואַטשמאַן... א געזונדער קערל, וועלכער האַלט אין איין קייען טשר־טאַבעקאַ און אין איין שפּייען אויף דער גאַנצער וועלט — אַז ווי גוט און ווי וואויל איז צו איהם!

נור מיט איין חודש צוריק האָט די בילדינג געהיט אַ איד, וועלכער איז נים לאַנג אין לאַנד אריבערגעקומען, אַ גרינער איד.

דעם גרינעם וואַטשמאַן האָבען אין אַ שעהנעם זומער אבענד איירישע לויפערס אזוי שטאַרק געשלאָגען, ביז זיי האָבען דעם שוואַכען אידען צום טוידט דער׳הרג׳עט.

עס זאָל וויעדער אַזאַ מין טראָבעל ניט געשעהן, האָט דער אידישער לענדלאָרד אַנגעשטעלט אַן איירישען וואַטשמאַן. און יעצט איז רוהיג, קיין טראָבעל, און דער דער׳הרג׳עטער גרינער אידעל איז אין גאַנצען פערגעסען.

דריי טעג נאָך דעם, ווי דער מאָרד איז געשעהן, בין איך פאַרבייגעגאַנגען די בילדינג. אבענד, די ארבייטער זיינען שוין צוגאַנגען, שטיל, רוהיג. לעבעןביידעל, דאָרטען וואו דער גרינער איד פלעגט שטעהן, שטעהט אַן איירישמאַן. איך האָב זיך צוגעקוקט צו דער ביידעל, האָב איך בעמערקט עטליכע בלוט־פלעקען, וואהרשיינליך דעם גרינעם אידעל׳ס... אַ שפּריץ געטהאָן.... ווען מען האָט איהם גע׳הרג׳עט, ווען ער האָט זיך געראַנגעלט. אונטער׳ן ביידעל האָב איך דערזעהען ליעגט אַ שטיקעל פּייפּער אין אידיש פערשריעבען. דער ווינד האָט דעם שטיקעל פּייפּער ארויסגעשלעפּט, איך האָב עס אויפגעהויבען, עס איז געווען צוריסען, פערבלוטיגט, שווער געווען צו לעזען, נור עטליכע ווערטער האָב איך יע איבערגעלעזען.

„אויך געריסען דיר די קינדערלאך.... זיי וויינען, ווען זיי געהען שלאָפען, ווייל דער טאַטע איז ניטאָ לעבען זיי; זיי וויינען, ווען זיי שטעהען אויף, ווייל דער טאַטע פעהלט זיי“...

נאָך אין אַן אָרט לעז איך:

„גיב, גאָט, מיר זאָלען זיך זעהען אַלע אין פריידען...“

מיין האַרץ איז מיט בלוט בעגאָסען געוואָרען, און מיינע ליפּען האָבען

געמורמעלט עפּעס אזוי ווי אָהן מיין דעה, עפּעס אזוי ווי פון זייער אייגענעם ווילען:

„גאָט וועט ניט געבען, און איהר וועט זיך אין פריידען ניט זעהען.... אייער פּאָטרע, אייער שפּייזער, אייער האָפנונג איז מעהר נישטאָ; אין דער פרייער, גוטער אמעריקא האָט מען איהם דער׳הרג׳עט... פאַר־וואָס?!“

פון בילדינג איז ארויסגעקומען דער לענדלאָרד, א הויכער, דארער איד מיט א פּאָאר אויגען פון א יאָטרעב... רוהיג האָט אויסגעקוקט דער לענדלאָרד, רוהיג און געלאַסען, נור ווען דער נפש האָט מיך דערזעהן, האָב איך בעמערקט אויף זיין פּנים א געפיהל פון אונרוה. מיר האָט זיך גערדאכט, אז איך לעז אין זיינע אויגען, אז ער האָט ווייטער מורא פאר א טראָבעל; דער טראָבעל זאָל חלילה מיט מיר ניט געשעהן. איך האָב געוואָלט דעם לענדלאָרד עפּעס פרעגען. ער האָט הפּנים פערשטאַנען, אז איך וויל מיט איהם ריידען און ער איז שנעל אזוי ווי א מויז ארייגעקראָכען צוריק אין זיין הויז, וועלכע עס האָט זיך געהאַלטען אין בויען... און אויף דעם אייךישען וואַטשמאַן׳ס געזיכט האָט זיך צוגאָסען א שמייכעל, אזא שמייכעל, וועלכער עס האָט שטאַרק בעליידיגט.

איך בין מיין וועג אוועקגעגאַנגען.

יעצט איז שוין א חודש פאָראיבער, זינט דער מאָרד איז געשעהן. איין חודש און אלעס איז פערגעסען.

מיינעם א בעקאַנטען טרעף איך אָן און איך טהו צו איהם א זאָג:

— וועגען דעם גרינעם וואַטשמאַן רעדט מען שוין מעהר ניט.

— וועלכער וואַטשמאַן? קוקט מיך אָן מיין בעקאַנטער.

— דעם גרינעם אידען, וועלכען מען האָט דער׳הרג׳עט — עראינער איך מיין בעקאַנטען.

און מיין צוהערער טאַראַשצעט אויף מיר אויגען און הויבט ניט אָן צו וויסען וועגען וואָס איך רייד.

— געדענקסט ניט — עראינער איך איהם — אין ברוקלין דעם אידישען וואַטשמאַן, וועלכען לויפער האָבען דער׳הרג׳עט?

— אָה — טהוט זיך א כאַפּ מיין בעקאַנטער — אָה, איך ווייס. איך האָב גאָר פערגעסען.

— שוין פערגעסען!

און דאָס איז געווען דער בעקאַנטער, וועלכער האָט מיר דער ערשטער די שרעקליכע נייעס דערצעהלט. ער איז דאַן געווען אַזוי אויפגערעגט, אַזוי אויפגעקאָכט. און יעצט האָט ער שוין פערגעסען!

נור איך קען דעם גרינעם וואַטשמאַן ניט פערגעסען. איך פלעג איהם זעהן כמעט יעדען אבענד. איך פלעג איהם זעהן שטעהענדיג שטיל פער־טראַכט לעבען זייןביידעל. איין מאָל פרעג איך איהם:

— וואָס זייט איהר אַזוי פערטראַכט?

— אָט, מען טראַכט וועגען דער היים, וועגען דער ווייב, וועגען די קינדערלאַך.

מען האָט דער'הרג'עט דעם וואַטשמאַן — פאַר וואָס?

און אין מיינע געדאַנקען שילדערט זיך אַזא מין בילד:

צוויי אידען, ווער ווייס, אפשר נאָך לאַנדסלייט, איינער אַ אידישער ריעל עסטייטניק, דער צווייטער אַ וואַטשמאַן.

דער ריעל עסטייטניק איז שוין דאָ גאַנץ לאַנג אין אַמעריקא. וואָס פאַר אַ מין מענש ער איז געווען, ווען ער איז אַריבערגעקומען אַהער אין לאַנד, ווייס איין גאָט. עס קען גאָר מעגליך זיין — אַ סאָציאַליסט, אַ מענש מיט עדעלע אידעען, מיט ליכטיגע שטרעבונגען, יעצט איז דער מענש אַ ריעל עסטייטניק... די נשמה ליעגט אין דר'ערד און די רעיונות זיינען מסתמא פערנומען מיט קויפען, פערקויפען, נאַרען, שווינדלען, רייסען רענט.

יאָ, ווי איך האָב ניט ליעב די לענדלאָרדס, אָט די אַלע חברה־לייט, וועלכע עס לעקען אָב אַ ביינדעל פון דענט!... איך האָב זיי ניט ליעב און איך האָב פאַר זיי מורא. ווען איך דערזעה אַ לענדלאָרד אָדער אַ ריעל עסטייטניק, ווילט זיך מיר שרייען: „קאַראַאול!" ווען איך וואָלט געהאַט אַ שטיקעל דעה, וואָלט איך לעבען יעדען ריעל עסטייט אָפּיס אויפגעהאַנ־גען אַ סיין: „דענדזשער"! זאָלען גוטע מענשען ניט פערבייגעהען.

אַ זומער אבענד. עס בויט זיך אַ גרויסע טענעמענט הויז — מען וועט שוין רייסען רענט.

עס קומט דער „אינדזשען" — רענט.

עס פייפט די סטים — רענט.

מען שלעפט די ליים, די ציגעל — רענט!

מען מישט די וואַפנע... עס געהט אַ רויך... עס קאָכט, עס קלאַפּט,

עס רעש׳ט, עס ליאַרעמט.... דאָס ליאַרעמט דער ניט־גוטער, דער שוואַרצער גייסט פון רענט.

עס לאָזט זיך הערען דער זעקס־אַזייגער וויהסטעל. די אַרבייטער לייגען אוועק די אַרבייט, דער סמבטיון פון רענט ווערט איינגעשטילט.

אַלע צוגעהען זיך, עס בלייבט נור דער לענדלאָרד און דער גרינער וואַטשמאַן.

דער לענדלאָרד הויבט דעם קאָפּ און קוקט אויף דער בילדינג, וועלכע איז שוין אויסגעוואַקסען גאַנץ הויך און דער וואַטשמאַן שטעהט לעבען ביידעל, קוקט אין דער ווייטענס אין יענער זייט וואו, איהם דאַכט זיך אָפּ, עס געפינט זיך זיין היים, זיין פרוי, זיינע קינדערלאַך.

ביידע זיינען פערטראַכט.

דער גרינער אידעל טראַכט וועגען דער היים און דער לענדלאָרד טראַכט וועגען זיינע געשעפטען.

ניט גוט. עס איז ניט אַזוי יום־טוב׳דיג. פריהער מיט אַ צוויי יאָהר האָט עס אויסגעקוקט זעהר פריילאַך. ריעל עסטייט האָט געלויכטען. מען האָט געמאַכט גאָלד, מענשען זיינען, מיר ניט, דיר ניט, רייך געוואָרען. ער האָט אויך געהאַט גוטע, טהייערע אויסזיכטען, ער האָט ביי היינטיגען טאָג אויך געקענט זיין אַ גביר, האָט זיך אָבער צופיעל געוואָלט. אַי, די געלד, די געלד, אַז מען ווייס פון זיי ניט, איז גאָר נישט, אָבער דערשפּירט דער נאָז דעם גערוך פון זיי, ווערט מען ווילד און עס ווילט זיך די גאַנצע וועלט אריינכאַפּען. האָט ער געהאַלטען אין איין קויפען לאָטס, ביז ער האָט זיך איבערגעקויפט... יעצט ליעגט זיין נשמה אין דער ערד. דער ריעל עסטייט בום איז אריבער. מען היילט זיך ניט אָפּקויפען זיינע לאָטס, איז ניט גוט. בויט ער פאַר צרות הייזער און האַלט אין איין העכערען די רענט. שטעהען די הייזער לעער, ניטאָ קיין שכנים. וואָס דען וועט זיין? דער עולם האָט זיך אַזוי צוגעריסען צו בויען נייע הייזער, רענט רייסען, פערשטעהט איהר מיך, איז זעהר אַ זיסער ביסען, איז שוין אָבער צופיעל הייזער און ניטאָ ווער עס זאָל די רענט צאָהלען, איז ניט גוט. אַרונטערלאָזען פון די רענט לוינט זיך ניט. די הייזער פערליערען דעם פּרייז. האַלט מען אָן דערוויילע די הויכע רענט. מען גיט שוין אפילו אַ חודש פריי צו די שכנים, נור עס איז צרות. אונזער פערטראַכטער לענדלאָרד האָט שוין דריי הויז־

זער, און אין אַלע דריי איז פוסטלאַך... אַט די הויז וואָס ער בויט יעצט, איז די גרעסטע און די שענסטע. אויף דער סטאַדאָלע ליגט ער גרויסע האָפנונגען, עס דאַרף זיין אַ אַקלאַנדייק פון רענט. אָבער, ווען עס זאָל חלילה אַנדערש זיין, ווען די נייע הויז זאָל אויך שטעהן לעער, וועט איהם, שונאי ציון, אויסקומען אויפהענגען זיך.

טראַכט דער לענדלאָרד און עס איז איהם ניט גוט אויפ׳ן האַרצען.

לויפט פערביי אַ ניוספּייפּער באַי מיט צייטונגען.

— פּייפּערס, באָסס?

דער לענדלאָרד קויפט אַ צייטונג און נעהמט אריינקוקען און ער לעזט וועגען רוסלאַנד: פּאָגראָמען, מען הרג׳עט אידען.

— וואָס הערט זיך עפּעס נייעס? — פרעגט דער גרינער וואַטשמאַן.

— ווייטער פּאָגראָמען... מען שלאָגט אידען — לאָזט וויסען דער לענדלאָרד. ביי דעם וואַטשמאַן רייסט זיך אָפּ אין האַרצען פון דער בשורה. דאָרטען אין רוסלאַנד איז זיין ווייב, זיינע קינדערלאַך. נור ביי דעם ריעל עסטייטניק ווערט דער פּנים פרעהליכער. „פּאָגראָמען אין רוס־לאַנד — טראַכט ער ביי זיך — „איז פאַר ריעל עסטייט אין ניו יאָרק אַ גרויסע טובה. וואָס מען וועט דאָרטען מעהר שלאָגען, וועט מען אַלץ מעהר און מעהר אַהער לויפען. און דאָ אין דעם אידישען קוואַרטאַל וועט וואַקסען די ענגעניש, די ביטערע שטיקעניש. זיינע לעערע הייזער וועט מען שוין פערכאַפּען. ער וועט העכערן און העכערן די רענט. דער ריעל עסטייט בום וועט זיך ווייטער אויפהויבען. אָן זיינע לאָטס וועט ער געשמאַק פער־דיענען, ער וועט ווערען רייך, רייך. און אַ צופריעדענער, פול מיט זיסע גוטע האָפנונגען געהט דער לענדלאָרד אַוועק אַהיים עסען סאַפּער.

דער וואַטשמאַן בלייבט אַליין, ער געהט אריין אין זייןביידעל, טראָגט פון דאָרט ארויס אין אַ בלעכענעם קענדעל אַ ביסעל קאַלטע קאַפע, וויקעלט ארויס פון אַ פּייפּער אַ שטיקעל קייק, זעצט זיך אַוועק אויף אַ באַרעל און נעהמט עסען סאַפּער.

ער עסט פערטראַכטערהייט.

וועגען דער היים טראַכט דער וואַטשמאַן, וועגען זיין ווייב, וועגען זיינע קינדער... אַט דאַכט זיך איהם, אז אין זיין שטעדטעל האָט אויסגע־בראָכען אַ פּאָגראָם.... שיכור׳ע קאַצאַפּעס לויפען ארום אין די גאַסען, מען

ברעכט שויבען אין אידישע הייזער, מען הרג'עט אידען... אט לויפען אריין עטליכע צו־ווילדעטע קאצאפעס אין דער קליינער הייזקעלע, וואו ער האט איבערגעלאזען זיין פאמיליע... און זיי נעהמען שלאגען און בעליידיגען זיין פרוי... זיי הרג'ענען זיינע בלאסע, שוואכע קינדערלעך.... און עס דאכט זיך דעם גרינעם וואטשמאן, ער זעהט ווי זיינע קינדערלעך ליגען צובלו־טיגטע... אט הערט ער ווי זיי שרייען: „טאטע, טאטע, ראטעווע, העלף!"

ביי דעם פאטער שטעלען זיך טרעהרען אין האלז... די טרעהרען ווער־גען איהם, די טרעהרען שטיקען איהם, אט נעהמען זיי בלענדען זיינע אוי־גען, קייקלען זיך ארונטער איבער די באקען און פאלען ארונטער אין די קאלטע קאפע אריין....

און אפשר וועט די קאפע ווערען היים פון די טרעהרען, ווייל דאס זיי־נען געווען זודיגע טרעהרען, ברענענדע טרעהרען; טרעהרען פון א פערוואַ־געלטען גרינעם אידען אין ניו יארק, וועמעס ווייב און קינדער זיינען אין רוסלאנד פערבליבען.

— רבונו של עולם — מורעמלט דער גרינער איד — ווי דערלעב איך שוין זעהען זיך בשלום מיט דער ווייב, מיט די קינדערלאך!

און ער פערטראכט זיך ווייטער. דאס נעהמט ער רעכענען וויפיעל עס דארף נעהמען ביז ער וועט אפשפארען געלד גענוג, ער זאל זיין אימשטאנ־דע זיין פאמיליע אהער אריבערצובריינגען.

פערדיענען, פערדיענט ער זעקס דאלאר א וואך; צוויי דאלאר איז ער א בעל הוצאה אויף זיין אייגענעם נפש, צוויי דאלאר א וואך שיקט ער אהיים, און צוויי שפארט ער; ביז יעצט האט ער אפגעשפארט צוועלף דא־לאר און, ווען ער נעהמט רעכענען ווי לאנג, ווי לאנג עס דארף נאך נעהמען, ביז ער וועט האבען געלד, אזוי פיעל געלד, אז ער זאל קענען אראפברענגען זיין פאמיליע, ווערט איהם פינסטער אין די אויגען און די שוואכע עלענדע הארץ נעהמט גליווערען א קאלטער טרויער.

נור אט נעהמט אריינקוקען א שטראהל פון האפנונג אונטער זיין ברוסט: גאט וועט זיך מרחם זיין, גאט וועט העלפען. נאך א חודש, נאך א חודש, האפט דער גרינער וואטשמאן — וועט ער זיך א ביסעל אויסגרי־נען, וועט ער ביי טאג נעהמען מיט עפעס פעדלען, און ביי נאכט וועט ער אנהאלטען יעצטיגען דזשאב, אי וואס? ווען וועט ער שלאפען? נישט גע־

פעהרליך! וועט ער זיך אויסשלאָפען דאָ, לעבעןביידעל, זיצענדיג און ער וועט נעהמען שפּאָרען געלד.... און אפשר וועט ער נאָך קריגען שיפסקאַר־טען אויף אויסצאָהלען, וועט עס באלד גשעהען... באלד... באלד.... און ער וועט דאָ שוין ניט זיין אזוי עלענד, אזוי פרעמד, אזוי פערוואָגעלט, און זיין הארץ וועט מעהר ניט אויסגעהן פאר וועהטאָג אויף זיין ווייב, אויף זיינע קינדער; דאָ וועלען זיי אלע זיין, דאָ, לעבען איהם און זיי וועלען שוין מעהר ניט מיינען, אז זיי זיינען לעבעדיגע יתומים׳לאך, ווייל זייער טאַטע איז נישטאָ לעבען זיי....

און ווארעם, און גראם, און ליכטיג ווערט ביי דעם גרינעם וואטשמאַן אונטער זיין אָנגעוועהטאַגטען, פערקלעמטען הארצען, און עס מאָהלט זיך פאר זיינע אויגען א שעהנע בילד, א טהייערע בילד; אָט קומט איהם אָן א טעלעגראמע — זיין פאמיליע איז געקומען; ער לויפט אויף עליס איילאנד... אָט זיינען זיי... זיין סאָניע... זיינע דעטקעלעך.... זיי ווארפען זיך איהם אלע אויפ׳ן האלז.... זיי קושען איהם.... זיי האלזען איהם... און ער קושט זיי.... און אלע וויינען....

און ווידער ווערען דעם וואטשמאַן׳ס אויגען פערלאָפען מיט טרעה־רען; מיט טרעהרען פון פרייד, מיט טרעהרען פון גליק...

און דער גרינער איד וויים ניט, אז באלד קומט זיין טויט.... א גרוי־זאמער טויט, א שרעקליכער טויט!

עטליכע איירישע באָמס האָבען שוין לאַנג געוואָרפען אָן אויג אויף דעם גרינעם אידען. זיי האָבען אויך געוואָרפען אָן אויג אויף דעם אידי־שען לענדלאָרד, נור פאר דעם לעצטען האָבען זיי מורא: דער לענדלאָרד איז אָנגעטהאָן רייך מיט א גאָלדענער וואטש און טשיין... מיט א דיקען סיגאַר אין מויל... ער מוז זיין ניט קיין גרינער, פאר דעם וועט מען זיך אָננעה־מען... אָבער דער וואטשמאַן איז א גרינער אידעל, קוקט אוים אזא שוואַ־כער, אזא צושראָקענער... מיט אזא נפש איז זעהר גוט צו האָבען א ביסעל בייזען פאָן... פאר אזא וועט זיך קיינער, קיינער ניט אָננעהמען און אליין וועט ער געוויס זיך ניט פערטהיידיגען.

און אָט קומען זיי אָן מיט שטיינער און מיט שטעקענס... דער שוי־דערליכער פאָן האָט זיך אָנגעהויבען. א בעגאָסענער מיט בלוט און מיט טרעהרען וואלגערט זיך דער גרינער איד אויף דר׳ערד און די אמעריקאַנער

הוליגאנעס שטעהען רויט פון רציחה, און הרג'ענען דעם גרינעם אידען און שטיקען איהם און ווערגען איהם...

מענשען האבען זיך צוזאמענגעקליבען.... מען שטעהט, מען קוקט... אנדערע טהוט הנאה, אנדערע שטעהען פערציטערט, נור קיינער מישט זיך ניט אריין... און ווען איינעם פון די צושויער פאלט ענדליך אריין א געדאנק צו רופען א פאליסמען... איז שוין אבער צו שפעט, ליגט שוין דער גרינער איד א טויטער....

און דארטען אין דער היים ווארטען די קינדערלאך אויף א בריעף פון זייער טאטען אין אמעריקא....

IX.

מיין שטאלץ און מיין ערניעדערונג.

(פון דאס לעבען אין סטריט.)

א זומער טאג...

עס איז באלד מיטאג־שטונדע און די היץ איז אונערטרעגליך.... אין גאס שפריצט מיט פייער... עס גיסט אויף אייך מיט פייער פון דער זונן, וועלכע עס ברענט אייך גלייך איבער'ן קאפ, עס שפריצט מיט פייער פון די אנגעפלאקערטע ווענד פון די הייזער בייביידע זייטען סטריט. עס בליסטערט אונטער די פיס דער אנגעברענטער אספאלט פון די טראטוארען, איבער וועלכע איהר געהט...

פייער! פון אלע זייטען שפריצט, גיסט מיט פייער!

עס איז ניטא קיין געדעכעניעס פון לופט. אויסגעברענט, אויסגעשרפה'עט....

איך געה איבער'ן סטריט און זעה ווי א הויז ווערט איבערגעפיקסט. מען פארבט די הויז און מען לייגט איבער פערשיעדענע פייפס, וועלכע עס געהען פון סטריט אין הויז אריין.

הויך ביים טאפ־פלאאר הענגט א סקאפאלד, אויפ'ן סקאפאלד שטעהט דער פארבער און ארבייט, און אונטען, אין א טיעפער גרוב, שטעהט א מאן

און ארבייט ביי די רעהרען... ווען איך געה צו נעהענטער, דערקען איך ווי אין דער לופטען הענגט א איד און אין גרוב ליעגט אן איירישער.

און איך טהו א טראכט ביי זיך:

„אונזער אידישער מזל, ווען מען ווערט שוין דערהויבען, איז דאס נור אין דער לופטען אויף א סקאפאלד.“

עס האט זיך געלאזט הערען דער פייפען, וועלכער עס זאגט אן וועגען דעם אנקומען פון דער מיטאג־שטונדע.

אוועקגעלייגט האט דער פיינטער זיין בראש, אוועקגעלייגט האט דער איירישער זיינע געצייג.

דער איד האט זיך אוועקגעזעצט פארזיכטיג אויפ'ן סקאפאלד, ארויסגע־נומען פון זיין קעשענע זיין „לאנטש“, פון צווייטען פאקעט האט ער ארויס־געשלעפט עפעס א ביכעל, גענומען עסען, און, עסענדיג, האט ער זיך פער־טיעפט אין לעזען....

דער איירישער איז ארויסגעשפרונגען פון גרוב, ארויסגענומען פון א זעקעלע א בלעכענעם פיינטעל, האט אוועקגעשפאנט אין א דערבייאיגען סאלון, באלד איז דער ערל ערשיענען מיט א פיינט ביער, ער האט ארויס־גענומען פון דעם זעלבען זעקעלע זיין לאנטש, האט זיך אוועקגעזעצט אויף די אנגעגראבענע ערד, און האט זיך געלאזט וואויל געהן.

האט דער פיינטער אין הויך געמאכט אן אונפארזיכטיגע בעוועגונג, זיין בוך איז ארונטערגעפאלען און איז נאך א לאנגער רייזע אנגעקומען בשלום גלייך אין דער פיינט ביער פון דעם איירישען אויף דעם בערגעלע ערד.

דער איירישער איז אויפגעשפרונגען, א קוק געטהאן אין דער הויך און גענומען דראהען דעם אידען, און זידלען מיט די געמיינסטע ווערטער....

דער פיינטער האט אנגעקלאפט אין א פענסטער פון דעם פלאאר, וועל־כען ער האט געהאלטען אין פארבען. באלד האט זיך דער פענסטער גע־עפענט, עס האט זיך בעוויעזען א פרויענצימער. דער פארבער האט זיך מיט דער פרוי דורכגעביטען מיט עטליכע ווערטער דורכ'ן פענסטער אין הויז אריין, און דער איירישע האט זיך נאך שטארקער, נאך העסליכער געזידעלט.

באלד איז דער איד ארויסגעקומען פון דער הויז און איז צוגעגאנגען

צו דעם איירישען. דער לעצטער האָט געצייגט דעם פּיינטער, וואָס ער האָט געטהאָן.

דער איד האָט פיעל ניט גערעדט, בעצאָהלט דעם איירישען פּאַר א פּיינט ביער, דער איירישמאַן איז געוואָרען ווייך, אומגעקעהרט דעם פּיינטער זיין בוך מיט דאנק.

איין בלעטעל פון דעם ארונטערגעפאַלענעם בוך איז פערפלויגען אָן א זייט. איך האָב עס אויפגעהויבען, עס איז געווען א בלעטעל פון איבסען'ס „גייסטער".

איך האָב דעם בלעטעל אָפּגעגעבען דעם פאַרבער...

און איך האָב זיך געפיהלט שטאָלץ, און מיר איז געווען אנגענעהם, וואָס דער ארבייטער אויפ'ן סקאַפאָלד און ניט דער ארבייטער אויפ'ן בערגעלע איז א איד.

און שפּעטער א ווייטע, אין אַן אנדער גאַס, האָב איך געזעהן נאָך א בילד.

דרויסען איז נאָך געוואָרען הייסער, זודיגער. נור פון איין זייט האָבען די הייזער געוואָרפען א שאטען, ווייל די זונן האָט עטוואָס אָפּגעקעהרט אָן א זייט.

איך זעה — עס שלעפּט זיך א פרוי מיט א קליין בייבי אויף די הענד...

די פרוי שיינט צו זיין זעהר א שוואכע, זי איז געקליידעט זעהר ארעם, עס איז קענטיג, אז זי ליידט שרעקליך פון די היץ... זי געהט... אָבער מיר האָט זיך געדאכט אַז, אַז די פרוי פאַלט.... און דער פּנים פון דער בייבי איז רויט ווי א בליסטער.... און די זון ברענט אָהן רחמנות דעם נאַקעטען מח'ל פון דעם אָרעמען נפש.

אַז האָט זיך די פרוי אָבגעשטעלט. יעדער האָט געקענט זעהען, אז זי קען זיך מעהר ניט האַלטען אויף די פיס. זי איז צוגעגאַנגען צו א הויז און אוועקגעזעצט זיך אויף די שטיינערנע טרעפּלאַך ביים אריינגאַנג.

די פרוי איז געווען א אידישע.

פון דעם הויז איז ארויסגעקומען א קליינטשינקער אידעל אין א גרוי־סען פּאַנאַמאַ־הוט.

אויף די פינגער פון זיינע הענד האָב איך געזעהען עטליכע גאָלדענע רינגען מיט אריינגעזעצטע דימענטען.

ווען דער אידעל האָט דערזעהען די פרוי מיט דער בייבי, איז זיין פּנים פערוואָלקענט געוואָרען פון א פינסטערער איבעררּאַשונג... ער איז שנעל ארונטערגעלאָפען די טרעפּלאך און האָט געוואָרפען אויף דער פרוי א פרעכען פערעכטליכען בליק.

די פרוי האָט גאָר נישט בעמערקט. זי איז געזעסען ווי א גע׳חלש׳טע.

„דאָס מוז זיין דער לענדלאָרד פון דער הויז", האָט מיר מיין הארץ אונטערגעזאָגט.

דער קליינטשינקער נפש אין דעם פּאַנאַמאַ הוט האָט, ווי עס האָט אויסגעקוקט, געוואָלט עפּעס זאָגען צו דער פער׳חלש׳טער פרוי, אָבער ער האָט הפּנים חרטה געקראָגען. אין האנד האָט ער געהאַלטען א שירם, איז ער צוגעאַנגען צו דער פענסטער פון דעם הויז־קיפּער און אָנגעקלאַפּט מיט דעם אמברעללאַ.... באלד איז ארויסגעקומען א דיקע איירישע פרוי.

אין בין צגועגאַנגען נעהענטער און איך האָב געהערט ווי דער אידישער לענדלאָרד האָט געאָרדערט זיין איירישער הויז־קיפּערין צו פערטרייבען פון די טרעפּלאך דעם ניט־געוואונשענעם גאַסט.

די הויז־קיפּערין איז צוגעגאַנגען צו די טרעפּלאך. ווען די איירישע האָט געוואָרפען א בליק אויף דער אידישער פרוי מיט דער בייבי, האָבען זיך בייא איהר די הענד ארונטערגעלאָזען און זי האָט מיט א שטומען צייכען געצייגט דעם לענדלאָרד, אז זי קען עס ניט טהאָן.

דער אידעל האָט עפּעס אזא נארישען העסליכען שמייכעל געטהאָן... צוגעגאַנגען צו דער אידישער פרוי, וועלכע איז געזעסען און אָפּגערוהט אויף די טרעפּלאך פון זיין הויז, האָט זי א ריהר געטהאָן מיט דעם ברעג פון זיין שירם, און ער האָט צו איהר געזאָגט אין קאַלוואַריער „דייטש":

— מיסעס, היער איז ניכט קיין פּלאַץ צום זיצען!

די פרוי האָט זיך דערשראָקען אויפגעהויבען און שאָקלענדיג זיך אויף די פיס איז זי אוועקגעגאַנגען... אויך דער אידעל אין דער פּאַנאַמאַ העט איז אוועק...

איך בין צוגעגאַנגען צו דער הויזקיפּערין און געפרעגט אויב דער מאַן, וועלכער עס האָט אוועקגעטריבען די פרוי, איז עס דער לענדלאָרד פון דער הויז.

— יעס, סער — האָט די איירישע געענטפערט, און וואַרפענדיג אויף

מיר א בליק פול מיט פערראכטונג, האט זי מיט אן אפלאכענדער גיפטיגער שטימע צוגעגעבען:

— הי איז איי דזשו!

און מיר האט זיך געדאכט, אז די אײרישע פרוי נעהמט פון מיר נקמה דערפאר, וואס איך בין פריהער אזוי שטאלץ געווען מיט דעם פיינטער אויפ'ן סקאפאלד.

X.

ווי אזוי פלארענס האט זיך אויסגעלערענט אידיש שרייבען.

און אזוי האט פלארענס אויסגעלערענט זיך שרייבען אידיש און לעזען אידיש.

פלארענס איז א מיידעל פון א יאהר צוואנציג און איז די עלטסטע פון די באכראך'ס פינף קינדער.

מיט א יאהר צוריק האט פלארענס געענדיגט דעם נארמאל קאללעדזש, און אזוי ווי זי האט זיך מערקווירדיג גוט אויסגעצייכענט אין איהר שטודיום, האט זיך גלייך געקראגען א שטעלע אלס לעהרערין אין א ניו יארקער פאלקס־שוהלע.

די באכראך'ס זיינען געקומען נאך אמעריקא מיט א יאהר אכטצעהן צוריק.

פלארענס'ס עלטערן זיינען גאנץ אינטעליגענטע מענשען; ביידע האבען אין רוסלאנד דורכגעמאכט א פיינע ערציהונג, געלערענט זיך, געלעזען די רוסישע בעסערע ליטעראטור, און ביידע האבען א מאל, אין זייערע יונגע יאהרען, געטרוימט וועגען הויכע אידעאלען. פון דעסטוועגען, נישט אכטענדיג אויף דעם, וואס פלארענס'עס טאטע־מאמע זיינען ווייט נישט קיין גראבע יונגען און מען געפינט זיך אין אמעריקא שוין א משך פון אכטצעהן יאהר, קענען זיי ביידע די ענגלישע שפראך, זעהר זעהר וויייניג.

פלארענס'עס פאטער, ווי ער הייסט מיט זיין נאמען, דזשייקאב באכ־ראך, קען נאך אנשרייבען א פאאר ווערטער אין ענגליש, א „רעסיט", א

בילל, א ביזנעס־לעטער, וואָס ער מוז האָבען צוליעב דער דרייגודס סטאַרקע, וועלכע ער האָט פערמאָגט — וועגען דעם דאַרף ער צו קיינעם נישט אָנקור־מען; ער קען דאָס אליין; מאַכט זיך אַ שווער וואָרט צום ספּעלען, טהוט ער זיך אַ קוק אין אַ דיקשיאָנערי און ער קאַראַבקעט זיך דורך מיט זיינע קענט־ניסע אָהן אַ צווייטענס הילף, נור לאַה, זיין פרוי, קען אפילו אזוי ווייניג אויך ניט.

לעזען קען זי יע. נאַטירליך קיין ליטעראַטור לעזט זי ניט, נור אין אַן ענגלישע ציטונג טהוט זי ווען־ניט־ווען יע אַ קוק און זי פערשטעהט וואָס זי לעזט.עס מאַכען זיך אפילו אין דער ציטונג גענוג ווערטער, וועלכע זי פער־שטעהט ניט, אָבער זי פּיהלט זיך פון דעם ווייניג געקלעמט — דאָס שטי־קעל נייעס, וועלכעס זי לעזט איבער אין בלאַט, ווייס זי אָהן די „שווערע" ווערטער אויך.

ווי אזוי קען דאָס מעגליך זיין, אז יונגע מענשען, וועלכע ווייסען וואָס עס הייסט אריינצוקוקען אין אַ בוך, זאָלען פאַר אכטצעהן יאָהר צייט נישט קענען ערלערנען גרינדליך די שפּראַך פון אַ לאַנד, אין וועלכען מען גע־פינט זיך?

פרעגט דאָס ניט. עס זיינען דאָ אזעלכע טויזענדער און טויזענדער אין אונזער אידישער קאָלאָניע, און עס וואָלט נויטיג געווען בעשרייבען דאָס לעבען פון יעדען פון דיזע אימיגראַנטען אום איהר זאָלט בעגרייפען ווי אזוי אזוינס קען געמאָהלט זיין.

וואָס אנבעטרעפט אונזערע באַכראַך'ס, האָבען די מענשען אין די גאַנצע אכטצעהן יאָהר צייט, וואָס זיי זיינען דאָ אין דער נייער וועלט, איינפאַך ניט געהאַט קיין פרייע מינוט צייט אום צו לערנען די שפּראַך...

ווייסט איהר וואָס עס הייסט אין ניו יאָרק מאַכען אַ לעבען, ווען מען איז עלטערן פון עטליכע קינדערלעך?

און ווען מען וויל נאָך צו דערצו געבען אַ קינד אַן אנשטענדיגע ערצי־הונג, ווען עס ווילט זיך ניט אָפּגעבען אַ יונג קינד אין שאָפּ אריין, ווען עס ווילט זיך שיקען אַ קינד אין סקוהל, אין היי־סקוהל און אין קאַללעדזש אויך?

אַן אָרימען אידען איז דאָס זעהר, זעהר שווער צו בעהויפּטען.

און זינט די באַכראַך'ס זיינען אין אַמעריקאַ, איז מען אימער, אימער מיט'ן לייב און נשמה אריינגעטהאָן אין דאגות הפרנסה. שטענדיג געאָר־

בייט, שטענדיג געהאָוועט: קיין רוה, קיין טאָג, קיין נאַכט, קיין יום טוב, קיין איין פרייע מינוט.... אימער, אימער געהאָוועט, אימער געיאָגט זיך, אימער געאיילט זיך, אימער געזוכט, געאַקערט די ערד מיט'ן נאָז... פּרנסה! פּרנסה!

און מען קוקט זיך גאָר ניט אַרום ווי די יאָהרען לויפען אריבער. מען ווערט עלטער, אָפּגעשוואַכט, אויסגעוועבט; דער מאַרך ווערט מיעד, פערטעמפּט, און ווען מען זאָל שוין זיין ענדליך פריי פון דאגות, ווען מען זאָל שוין האָבען פרייע צייט, קען מען שוין אויך קיין נייעס ניט ערלערנען. נישט וואָס נייעס — נור די ביסעל וואָס מען האָט אַ מאָל געוואוסט, פערגעסט מען אויך... היינט ווער רעדט שוין, ווען מען מוז אימער האָווען, ווען די שווערע דאגות הערען קיין מאָל ניט אויף צו שטיקען דעם גוף און די נשמה. לעבט מען שוין אָפּ אזוי די ביסעל יאָהרען און מען געהט אַוועק אלס האַלבער „גרינהאָרן" אין אַן אמעריקאַנער קבר...

פלאָרענס איז אַ גוטע קינד, אַ געטרייע קינד; עפּעס גאָר ניט אזוי ווי אמעריקאַנער מיידעל. ליעבט איהר היים, רעספּעקטירט איהרע עלטערן, נעהמט דעם טיעפסטען אנטהייל אין זייער לאַגע, פון יעדער קלייניגקייט זיך גענומען צום הארצען; עפּעס אזוי ווי אַן ערוואַקסענער, עלטערער מענש.

פלאָרענס איז אַ פעהיגע קינד, אימער די ערשטע, די בעסטע אין סקוהל געוועזן, געסקיפּט קלאַסען, געלערענט זיך מיט מערקווירדיגען פלייס, נור אין געזונד איז פלאָרענס אַ שוואַכע, קערפּערליך צאַרט געבויט, נישט הויך געוואַקסען. און ווען די יונגע לעהרערין האָט איין סיזאָן אָפּגעלערענט מיט די קינדער אין אַ פּאַבליק סקוהל, איז איהר געזונד געוועזן אין גאַנצען רואינירט און צובראָכען.

און פלאָרענס האָט זיך ערלויבט נעהמען אַ וואַקיישאָן. אַן ערשטען מאָל אין איהר יונגען לעבען פאָהרען אין קאָנטרי אויף די הייסע מאָנאַטען אום צו פערבעסערען איהר שוואַכען געזונד.

וועה געטהאָן האָט דאָס הארץ פון דער יונגער לעהרערין, ווייל פאָהרען אין קאָנטרי האָט זי נור אליין בעדאַרפט, די אומשטענדען האָבען ניט ערלויבט ווער עס איז פון דער פאַמיליע זאָל מיט פלאָרענס'ען מיטפאָהרען. נישט ניחה אין דעם גוט־הערציגען קינד געוועזן איהר פערגניגען. וואָס זי איז געאַנגען זיך פערשאַפען... נור די מאַמע'ס הארץ האָט נאָך מעהר וועה

געטהאָן.

דער מוטער איז דאָס אויסגעקומען אַן ערשטען מאָל צו שיידען זיך מיט איהר טאָכטער, איהר מוטערליכע הארץ איז אויסגעגאַנגען פון אַ טיעפען, טיעפען וועהטאָג... און שטילערהייט, אַז פלאָרענס זאָל נישט זעהען, האָט די מאַמע נישט איין מאָל גוט אויסגעוויינט זיך....

נור אָט איז געקומען די צייט פון שיידען זיך... די זאַכען זיינען שוין פערפּאַקט. באַלד דאַרף פלאָרענס צום דיפּאָ געהן...

יעצט ערשט האָט די מוטער אַ טראַכט געטהאָן וועגען עטוואָס וואָס עס איז איהר נעווער בעפאַר אויף די געדאַנקען ארויף...

„ווי אַזוי וועט זי זיך דורכשרייבען מיט איהר קינד?“ — האָט גע־טראַכט די מוטער, און לאַה האָט פּלוצלונג דערפיהלט אַזוי ווי צווישען איהר און איהר טאָכטער ליגט אַן אַבגרונד, אַן אַבגרונד, וועלכען זי קען ניט אריבערשפּרייזען.

די מוטער׳ס הארץ האָט ארומגעכאַפּט אַ נייער וועהטאָג, אַ וועהטאָג, וועלכער איז איהר פריהער געווען אונבעקאַנט....

עס איז ניט געווען קיין איין סוד ביי פלאָרענס׳ען, וועלכען זי זאָל ניט האָבען פערטרויט איהר מוטער, און אויך אַלעס וואָס עס פלעגט דריקען מאַמע׳ס הארץ, פלעגט פלאָרענס פון דעם וויסען. און גאַנץ אָפּט פלעגען מוטער און טאָכטער ריידען צווישען זיך עפּעס אַזוי ווי זיי וואָלטען געווען צוויי אַלטע גוטע פריינד.

און יעצט האָט די מוטער געבראָכען זיך איהר אָרימען מוח — ווי אַזוי וועט זי זיך צוזאַמענריידען מיט איהר טהייערער טאָכטער, ווען זיי וועלען זיין איינע פון דער צווייטער געשיידעט. ווי אַזוי וועלען זיי קענען איבער־געבען איינע דער צווייטער אַלעס וואָס עס וועט דריקען זייערע הערצער פאַר דער צייט וואָס מען וועט זיך ניט קענען זעהן.

פערדראָסען האָט יעצט דער מוטער וואָס זי האָט ניט דערלערנט די שפּראַך פון דער לאַנד, וועלכע איז געוואָרען איהר אייגען קינד׳ס שפּראַך... געפיהלט האָט זי יעצט, אַז זי האָט פערלאָרען, אַז זי האָט אָנגעוואָרען עטוואָס אַזוינס, וואָס וואָלט איהר יעצט געווען טהייערער ווי דאָס לעבען... און די אונ־גליקליכע מוטער איז ארומגעגאַנגען ווי אַ פערלאָרענע.

— פלאָרענסיל — האָט ענדליך לאַה אָפּגערופען איהר טאָכטער אָן אַ

זיים; עפּעס האָט זי זיך געשעהמט רעדען מיט איהר קינד וועגען דעם וואָס האָט יעצט אזוי געפּלאָגט איהר הארץ.

— פלאָרענסיל, טאָכטער מיינע — האָט די מוטער געפרעגט דורך פערשטיקטע טרעהרען — ווי אזוי וועלען מיר זיך דורכשרייבען?

— איך וויים טאַקע ניט ווי אזוי — האָט פלאָרענס געענטפערט ערנסט און פערזאָרגט.

— זאָל איך דיר שרייבען אין אידיש? — האָט די מוטער ווייטער גערעדט — זאָל איך דיר שרייבען אין אידיש, וועסטו נישט קענען לעזען מיין שרייבען, וועסטו מיר שרייבען אין ענגליש, וועל איך נישט קענען איבערלייענען וואָס דו שרייבסט....

— וואָס־זשע טהוט מען, מאַמעניו? — האָט אויך פלאָרענס נישט געוואוסט, ווי אזוי דער צרה צו העלפען.

ביידע, די מוטער און די טאָכטער, האָבען זיך פערטראַכט, ביידע גלייך האָבען בעגריפען, אז זיי וועט אויסקומען פערפרעמדט ווערען אויף א צייט, אז עטוואָס שטעהט אויפ'ן רעכטען וועג צווישען זיי ביידען און לאָזט זיי ניט צוטרעטען איינס צום צווייטען, און ביידענס הערצער האָט גענומען פּלאַגען דער זעלבער שווערער געפיהל.

— ווייסטו וואָס, מאַמע — האָט פּלוצים אויפגעפלאַמט פלאָרענס'עס אויגען פאַר פרייד — ווייסטו וואָס? שרייב מיר אָן א אידישען „אלף־בית", צייג מיר יעדען לעטער און איך וועל אויפשרייבען אין ענגליש, ווי אזוי דאָס לעזט זיך.... ביי מיר וועט ניט נעהמען לאַנג דאָס אויסצולערנען זיך... אין קאַונטרי וועל איך סיי־ווי־סיי נישט האָבען וואָס צו טהאָן... וועל איך זיך לערנען אידיש שרייבען און אידיש לעזען.

לאה האָט נישט אין גאַנצען געגלויבט אז איהר טאָכטער זאָל זיך אזוי שנעל קענען אידיש אויסלערנען, דאָך האָט זי געטהאָן אזוי ווי איהר קינד האָט געראַטהען. זי האָט אויפגעשריעבען פאַר פלאָרענס'ען א אידישען „אלף־בית" און אויך די ווערטער „מיין טהייערע טאָכטער", אום צו געבען דער טאָכטער א ביישפּיעל, ווי עס לעזען זיך גאַנצע ווערטער...

און דאָס איז געווען דער ערשטער לעססאָן, וועלכען פלאָרענס האָט בעקומען אין שרייבען און לעזען אידיש.

פלאָרענס איז אַפּגעפאַהרען.

אין עטליכע טעג ארום האָט לאה בעקומען פון איהר קינד א בריעף, געשריעבען אין אידיש.

די בוכשטאַבען זיינען געווען זעהר שלעכט געשריעבען, און נאָך ערגער איז געווען דאָס אויסלייגען פון די ווערטער, אָבער די מוטער האָט דאָך איבערגעלעזען איהר קינד'ס טהייערען בריוועלע.

און די אָרימע מאמע האָט געלאַכט און געוויינט פאר פרייד; זי האָט דערפיהלט, אז גאָר־נישט שטעהט מעהר צווישען איהר און איהר טהייערער קינד; זי האָט דערפיהלט, אז דאָס, פאר וואָס זי האָט זיך אזוי געשראָקען, האָט שוין יעצט קיין ממשות ניט, איהר איז געוואָרען אזוי גוט, אזוי אנגענעהם אויפ'ן הארצען, זי האָט דעם בריעף געקושט, און איהר האָט זיך געוואָלט כסדר שרייען אין דער הויך:

— יעצט איז פלאָרענסיל מיינע... מיינע, אין גאַנצען מיינע!

לאה האָט געענטפערט אויף איהר טאָכטער'ס בריעף. געוואָלט האָט זיך דער פרוי אָנשרייבען א גאַנצען ים, נור זי האָט געטרייט צו אויסדריקען איהרע ברענענדע געפיהלען אין די קירצסטע פאָרמען, און זי האָט אָנגעשריעבען א גאַנץ קורצען בריעף, אָבער יעדער וואָרט פון דיזען בריעף איז געווען א שטיק פון דער מאַמע'ס הארץ, פון דער מאַמעס נשמה.

פלאָרענס'ען איז גאַנץ שווער אָנגעקומען ביז זי האָט איבערגעלעזען איהר מוטער'ס ערשטען בריעף, אָבער יעדעס וואָרט וואָס זי פלעגט דורכלעזען פלעגט א קלאַפּ טהאָן איבער איהר הארצען אזוי ווי א גאַנצער קוואַל פון גליק. פיעל מאָל האָט זי איבערגעלעזען איהר מוטער'ס בריעף, זי האָט געשלונגען יעדע שורה, יעדען וואָרט, און זי האָט זיך מיט דעם נישט געקאָנט אָנזעטיגען.

און אזוי האָט פלאָרענס, די ניו יאָרקער סקוהל טיטשערין, אויסגעלערענט זיך שרייבען און לעזען אידיש...

IX.

צוויי אונשולדיגע קרבנות פון ראַססען־האַס.

דאָס זיינען צוויי בוימער געווען.... צוויי שטאָלצע הויכע, שעהנע בוימער, וועלכע האָבען געוואקסען און געבליהט, וויט פערשפרייט און צו־

ווארפען זייערע מיט גרינע גערדיכטע בלעטער בעפוצטע צווייגען. און דיזע צוויי בוימער האבען בעלאנגט צו א קריסט, צו א ביטערען יודען־פיינד.

דער דאזיגער קריסט בעוואהנט אפריוואט־הויז און דער הויף פון דער קריסטליך הויז גרענעצט זיך מיט א הויכער טענעמענט־הויז, וואו מיר וואהנען — מיר אידישע שכנים.

און די צוויי הויכע שטאלצע בוימער, וועלכע האבען געוואקסען ביים קריסט אין הויף, האבען פריינדליך און אנגענעהם אריינגעקוקט אין אונזערע אידישע פענסטער.

און ווען מיר פלעגען זומער־צייט אונזערע פענסטער אפען האלטען, פלעגען די גרינע צווייגען צו אונז אין די אומעטיגע חדרים אריינכאפען זיך.... און עס פלעגט זיך דאכטען, אז זיי בעגריסען אונז מיט א פריינדליכען ליעבליכען שלום עליכם, און אונזערע קליינע קינדערלאך, וועלכע ווייסען נאך ניט דעם אונטערשיעד צווישען איד און קריסט, פונקט ווי עס האבען ניט געוואוסט אונזערע גרינע קריסטליכע חברים.... אונזערע קליינע קינדערלעך, וויפיעל פערגעניגען, וויפיעל ענטציקונג זיי האבען דורכגעלעבט איבער די גרינע שעהנע בוימער, וועלכע האבען צו אונז אין די פענסטער אריינגעקוקט.

שעהנע שמעטערלינגס, שעהנע פאנטאסטיש־שעהנע זומער אינסעקטען פלעגען פון די גרינע צווייגען צו אונז אין די רומס פערפליהען און די קינדער פלעגען זיין אויסער זיך פאר גליק.

און מיר טאקע זלעבסט, מיר הארפאסנע סוועט־שאפ־אידען, ווי טהייער אונז זיינען געווען אונזער שכן'ס בוימער! מיעד, פערמאטערט פון דער שווערער טעגליכער הארעוואניע פלעגען מיר זיצען ביי דער אפענער פענסטער.... און אונז פלעגט זיך דוכטען — מיר רוהען אין א שעהנעם פארק און מיט ענטציקונג פלעגען מיר בעטראכטען די גרינע געדיכטע פאנטאסטיש־שעהנע צווייגען, וועלכע האבען געגלעט און געקושט אונזערע מיעדע האלב פערמאכטע אויגען.

די אונשולדיגע צווייגען, ווען זיי וואלטען פערשטאנען, אז זיי בעלאנגען צו א קריסט, אז מיר זיינען אידען — אפשר וואלטען זיי מיט אונז גאר ניט געווען אזעלכע נאהענטע מחותנים!

בוימער פערשטעהען ווייניג אין אזעלכע זאכען, נור זייער אייגענטהיי־

מער, דער קריסט, דער יודען־פיינד — ער האט שוין צופיעל פערשטאנען און ער האט אונז, טענעמענט־אידען — נישט פערגונען דעם גליק, וועלכען מיר געניסען פון זיינע בוימער.

אין איין שעהנעם טאג האבען מיר דערהערט דורך אונזערע פענסטער עפעס א פערדעכטיגען רעש... עפעס א טעמפע קלאפעריי און ווען מיר האבען דורך די פענסטער ארייגעקוקט אין דעם קריסטליכען הויף אריין, האבען מיר דערזעהן ווי עס ארבייט עפעס א גאנצע מאשינעריי און מען גראבט אויס אונזערע טהייערע בוימער מיט די ווארצלען.

און דער קריסט האט אריבערגעמופט די בוימער פון אונזערע אידישע פענסטער צו זיינע אייגענע פענסטער אין פראנט פון זיין פריוואט־הויז.

מאנכע פון אונזערע קינדער האבען ביטער געוויינט! נור די נאטור אליין האט נקמה גענומען פאר די צובראכענע הערצעלעך פון אונזערע קליינע קינדער.

די איבערגעפלאנצטע בוימער האבען זיך ניט צוגענומען — זיי זיינען פערדארט געווארען.

יעצט שטעהען זיי ווי צוויי שרעקליכע סקעלעטען. עס פאלט עפעס אן א פחד אויף די פערדארטע בוימער א בליק צוווארפען. צוויי אונשולדיגע קרבנות פון ראססען־האס!

X.

מארסעליעזע און „התקוה“.

די צייט פון טאג האט זיך גענעהנטערט צו אבענד.

איך האב זיך געפונען אין דער אנגענעהמער געזעלשאפט פון צוויי פריילינס.

איין פריילין איז געווען א פערברענטע אנארכיסטקע, די צווייטע א פערקאכטע נאציאנאליסטקע.

דער פאמיליען־נאמען פון דער אנארכיסטקע איז: בולגארין. נור ווען מען בעקאנט זיך מיט איהר, בעט זי מען זאל זי רופען איינפאך אזוי ווי די מאמע רופט זי — לוסיא.

דאָס זעלבע איז מיט דער נאַציאָנאַליסטקע. זי האָלט אויך ווייניג פון איהר פאַמיליען־נאָמען. זי גלייכט מען זאָל זי רופען בעקי.

לוסיא איז א בלאָנדינקע, מיט טיעפע, בלויע אויגען; בעקי איז א ברונעטקע, פערמאָגט שעהנע שווארצע קוירלס אויף איהר שעהנעם קאָפּ און צוויי אויגען שווארץ ווי קארשען.

מיר זיינען געזעסען און גערעדט וועגען פערשיעדענע ענינים, נאכהער איז מען אריבער צו דער אייביגער, אייביגער, טרויעריגער אידישער פראגע.

לוסיא האָט אויסגעדריקט דעם פעסטען מיינונג, אז די אידישע פראגע קען נור געלייזט ווערען דאַן, ווען די גאַנצע פערפינסטערטע וועלט וועט בעלויכטען ווערען דורך דער ליכטיגער זון פון פרייהייט, גלייכהייט, בילדונג און אויפקלערונג.

בעקי האָט אָבער כסדר גע'טענה'ט, אז אזוי לאַנג ווי אידען וועלען ניט האָבען קיין אייגען ווינקעל, וועלען זיי אימער זיין אויף גרויסע צרות.

נור אָט האָט מען אונז דערלאַנגט אַן אבענד־צייטונג.

אין דער צייטונג האָבען מיר גענומען לעזען וועגען רוסלאַנד, וועגען די פינסטערע אָקטאָבער־טעג אין דיזען שרעקליכער, אונגליקליכען לאַנד, וואו עס איז פערגאָסען געוואָרען אזוי פיעל, אזוי פיעל אידיש בלוט.

מיר האָבען געלעזען וועגען די שוידערליכע סצענעס, וועלכע עס האָבען זיך אָבגעשפּיעלט אין קישינעוו, אין קיעוו, אין אדעס. וועגען אידישע פרויען, וועלכע קריסטליכע הוליגאַנעס האָבען געשענדעט, פערגוואלטיגט און ערמאָרדעט, וועגען יונגע, אונשולדיגע קינדערלעך, וועלכע מען האָט צוריסען אויף שטיקער פאַר די אויגען פון זייערע עלטערן...

מיר זיינען אַלע דריי געבליעבען זיצען שטיל, ווי פערגליווערט פון א שוידערליכער איבערראַשונג...

עס האָט זיך גערדאכט דער שטילער, האַלב־דונקעלער צימער איז איבער־פילט מיט די גייסטער, מיט די שאָטענס פון די ערמאָרדעטע אידישע מארטירער...

שטיל זיינען מיר געזעסען, עפּעס אזוי ווי קיינער וואָלט ניט געוואגט אויסצורעדען א וואָרט. יעדער פון אונז האָט געקענט הערען, פיהלען דעם אָטהעמען פון די איבריגע אנוועזענדע.

און אין צימער האָט זיך דערהערט א שטילער, טרויעריגער זינגען...
דאָס האָט די אנאַרכיסטקע געזונגען אונזער אַלט־בעקאַנטע מאַרסעליעזע...

אָנפאַנגס האָבען די טענער געוויינט, געטרויערט, געבעטען זיך... ביסלעכווייז זיינען זיי געוואָרען מוטהיגער, פעסטער... די טענער האָבען גענומען בייזערען זיך, שרייען, ארויסרופען צו קעמפפען, ראַכע צו נעהמען...

און ווען איך האָב א קוק געטהאָן אויף לוסיא'ן, האָב איך געזעהן, אז איהר נשמה איז ניט מיט אונז אין צימער, נור ערגעץ־וואו גאָר אין אַן אנדער וועלט...

די לעצטע טענער פון דער מאַרסעליעזע זיינען קוים, קוים פערשטאָרבען געוואָרען, ווען אין צימער האָט זיך דערהערט אַן אנדער ליעד, דאָס האָט די נאציאָנאַליסטקע געזונגען „התקוה".

זי האָט געזונגען שטיל, טרויעריג, מיט אזוי פיעל האַרץ, מיט אזוי פיעל נשמה...

איהרע טענער האָבען געוויינט, אבער ניט געבייזערט זיך, איהר זינגען האָט ניט גערופען צום קאַמפף, ער האָט געטרייסט, ער האָט געלאַסשצעט, געגלעט און געקושט אזוי ווי א מאַמע לאַשצעט און קושט א קראַנקעס קינד.

בעקי האָט געענדיגט איהר זינגען און אין צימער האָט ווייטער גענומען הערשען א שווערע, טויטע שטילקייט...

איך האָב געבעטען די אנאַרכיסטקע זי זאָל פאַר מיר שילדערן די וועלט אויף וועלכער זי האָט זיך געפונען ווען זי האָט געזונגען די מאַרסעליעזע, און לוסיא האָט געענטפערט:

מיר האָט זיך געדאַכט איך זעה גאַנצע גאַסען ברענען, פייער און רויך, מענשען לויפען ארום אויפגערעגט... איך האָב געזעהן ווי מען בויט באַריקאַדען. מיר האָט זיך געדאַכט פון איין זייט פון די באַריקאַדען זעה איך מיליטער, פון צווייטען זייט אויפגערעגטע מענער, בעגייסטערטע פרויען... מען שיסט, מען שלאָגט זיך, רויטע פאָהנען פלאַטערן, ארבייטער אין בלוזעס, פרויען מיט ברענענדע אויגען, מיט צואוואָרפענע האָאר פאַלען אונטער די באַריקאַדען. זיי פאַלען מיט א שמייכעל אויף די ליפען...

לוסיא האָט געענדיגט.

און איך האָב זיך געווענדעט מיט דער זעלבער פראַגע צו דער נאציאָנאַליסטקע.

און בעקי האָט געענטפערט:

ווען איך האָב געזונגען, האָט זיך מיר געדאַכט איך געפין זיך אין א שעהנער, אין א רוהיגער, אין א אידישער שטאָדט... איך זעה וויין־גערטנער, ווייטע, ברייטע פעלדער, גרינע וועלדער... איך זעה אידען, אידען און אידען... אידישע פרויען, אידישע קינדער, אַלע בערוהיגטע, אָהן שרעק אויף די געזיכטער, אָהן פחד, אָהן אימה אין די אויגען, וועלכע געהען מיט זיכערע טריט, וועלכע האַלטען אויפגעהויבען דעם קאָפּ שטאָלץ און מונטער... איך האָב געזעהן פאַר מיינע אויגען אידען · אין די גאַסען שפּאַציערען ארום, רעדען הויך און קוקען זיך ניט ארום אויף הינטען, מיר האָט זיך געדאַכט איך הער ווי אידישע פרויען זינגען פרעהליך, ווי אידישע קינדער לאַכען זאָרגלאָז... איך האָב געזעהן א אידישע שטאָדט און דאָך אָהן פערגאָסענע בלוט, אָהן שרעק, אָהן בעליידיגונגען, אָהן הונגער, אָהן אונגליק...

און בעקי האָט געענדיגט.

און מיר האָבען ווייטער געשוויעגען.

אין צימער איז געוואָרען דונקעלער און דונקעלער, נור דורך איין פענסטער האָבען זיך אין צימער אריינגעריסען עטליכע בלאַסע שטראַהלען פון דער ליכטיגער לבנה־נאַכט און האָבען דעם דונקעלען צימער איבער־געשניטען אזוי ווי מיט א זילבערנעם פּאַס...

מיר האָבען ווייטער גענומען רעדען וועגען די שרעקען אין קישינעוו, קיעוו און אדעס...

ווידער איז דער צימער געוואָרען פול מיט מתים...

בעקי און לוסיא זיינען צוגעגאַנגען איינע צו דער צווייטער,ביידע האָבען זיך צערטליך ארומגענומען און באַלד האָב איך דערהערט ווי ביידע וויינען זיי שטיל מיט דערשטיקטע טרעהרען...

די „מאַרסעליעזע" און „התקוה" האָבען זיך פעראייניגט, ביידע האָבען געוויינט צוזאַמען אויף דער גרויסער אידישער צרה.

צוויי פערשיעדענע פאַנטאַזיען, נור די טרעהרען האָבען זיך געפיהלט די זעלבע...

ליעבע.

ליעבע

I.

אן ערפאהרונג מיט א פרוי.

ווען ראאיסא האט מיר דערצעהלט, אז איהר אמאליגער געליעבטער הערר סאוועקער האט זי בעזוכט, האב איך דאס קוים געקענט גלויבען, און ווען זי האט פאר מיר גענומען שילדערן ווי אזוי בעסטיאליש ער האט זיך אויפגעפיהרט ביי דיזען בעזוך זיינעם, האט מיין הארץ ווי אויפגעקאכט פון עקעל און צארן, און איך האב געפיהלט אזוי ווי צו לויפען צו דעם הערר סאוועקער און זידלען איהם און שפייען איהם אין געזיכט אריין.

— זייט זיכער, מיין ליעבער פריינד, — האט ראאיסא מיך בערוהיגט — איהר קענט שוין זיכער זיין, אז דיזער קליינליכער הערר וועט שוין מעהר ניט וואגען מיך צו בעלעסטיגען... נישט וואס בעזוכען מיך, נור ווען ער זאל מיך אין סטריט בעגעגענען, וועט ער ניט וואגען זיינע אויגען אויפצוהייבען, און ער וועט מוזען מיך אויסמיידען.

— פון וואנען נעהמט איהר זיך דאס? — האב איך געפרעגט.

— איך האב איהם א בריעף געשיקט. — האט ראאיסא אויף מיין פראגע געענטפערט, און ארויסנעהמענדיג א פייפער פון א שקאטולקע, האט זי צוגעגעבען:

— איהר זעהט, דאס איז א קאפיע פון דעם בריעף.

ראאיסא האט זיך איינגעגראבען מיט די אויגען אין איהר בריעף, איהר געזיכט האט גענומען פלאמען, און ווען זי האט אויף מיר א בליק געטהאן מיט איהרע גרויסע, שעהנע, ערנסטע אויגען, האב איך אין איהר נשמה געלעזען א ווילדען שטורם פון האס און גיפטיגען צארן.

— און זייט איהר זיכער, אז ער האט דעם בריעף ערהאלטען?

— יעס, יעס. — האט ראאיסא גערעדט מיט א פערשטיקטען קול —

יע, יעס, מען האָט מיר געזאָגט, מען האָט מיר דערצעהלט, ער האָט ערהאַלטען.

זי האָט אויף מיר ווידער א לאַנגזאַמען בליק געוואָרפען, און זי האָט ראַפּטום א פרעג געטהאָן:

— ווילט איהר, וועל איך פאר אייך דעם בריעף לעזען.

— פּליז, אויב איהר ווילט נור זיין אזוי פריינדליך.

און זי האָט מיט א פערציטערטע שטימע גענומען לעזען:

„סאוועקער, איך בעט דיך, אז דו זאָלסט מיך נאָך א מאָל נישט בעזוכען. איך מוז דיר זאָגען דעם אמת, דיין אונערוואַרטעטער בעזוך צו מיר האָט מיך ווירקליך ערשטוינט, און ווען ביי מיר איז נאָך פערבליעבען א צווייפעל אין דיין געמיינהייט, האָט דיזער וויזיט דיינער דיזען צווייפעל פעריאָגט. איך קען זיך גאָר ניט ערקלערען פון וואַנען צו דיר האָט זיך גענומען אזוי פיעל חוצפּה, אז דו זאָלסט גאָר וואַגען אריבערצוטרעטען די שוועל פון מיין הויז.

„בערעכען נור, וואָס דו האָסט מיט מיר געטהאָן. ווען דו האָסטס מיך דערקענט און בעגריפען מיין אונגליקליך פאמיליען־לעבען, האָסטו גלייך געזעהען א מעגליכקייט אויסצושלאָגען קאפּיטאַל פאר זיך... האָסט גענומען מיט דיינע זיסע פאַלשע ריידעלעך — אַ, יעס, פאַלש ביזטו געוועזן; פאַלש און געמיין פון דער ערשטער מינוט וואָס איך קען דיך! האָסט גענומען פערגיפטען מיין פערוואונדעטע האַרץ מיט דיינע ליעבעס־ערקלערונגען. אַן אונגליקליכע, א פערצווייפעלטע האָב איך דאַן יעדען איינציגען געקענט גלויבען, און איך האָב אויך דיר געגלויבט... איך האָב פערלאָזען מיין מאַן און בין אוועק צו דיר. מיר, פרויען, ווייסען ניט פון קיין פאַלשע ליעבע... אַ, ווי הייס, ווי געטריי איך האָב דיך געליעבט... האָסט זיך גוט אָנגעזעטיגט מיט מיר... פערביטען מיך אויף דער ערשטער בעסטער, אוועקגעשליידערט מיך אָהן א ברעקעל רחמנות... האָסט אפילו א מינוט ניט פערטראַכט זיך אז איך האָב איבער דיר א היים צובראָכען... אַן אונגליקליכע היים, אָבער דאָך א היים, אַם וועניגסטען א ווינקעלע, וואו מיינע אונגליקליכע קינדער האָבען געהאַט א מוטער און א פאָטער; האָסט מיך אוועקגעשליידערט ברוטאַל, האַרצלאָז. עס האָט דיך גאָר וועניג געקימערט, וואָס מיר און מיינע קינדער איז אויסגעקומען צו וואַלגערן זיך אין סטריט און אויסצו־געהן פאר הונגער... פאר איינינע בעקאַנטע, וועלכע האָבען דיך גע׳מוסר׳ט, האָסטו זיך אויסגעדריקט: „זאָל זי געהן צוריק צו איהר מאַן. ווער לאָזט

זי ניט?" דו, שארלאטאן איינער, דו האסט גוט געוואוסט, וואס עס בעדייטעט פאר מיר צוריקצוקעהרען זיך צו מיין מאן, וועלכען איך האב איבער דיך אוועקגעלאזען. דו האסט דאס געוואוסט... נור וואס האט דיך געקימערט פאר מיר?

— יעס, סער, יעס, מיסטער סאוועקער, איך האב זיך צו מיין מאן אומגעקעהרט, נאט איז מיין עדות, איך האב עס געטהאן צוליעב מיינע אונגליקליכע קינדער. מיר זעלבסט וואלט ליעבערסט געווען צו בעגראבען זיך לעבעדיגערהייט. און דו? דו האסט זיך אין גאנצען בערוהיגט... אזוי איז עפעס ניט אנגענעהם, ווען אימיצער פלעגט מאכען פארווירפע: וואס האסטו מיט דער ארימער ראאיסא'ן געטהאן? יעצט איז אלעם פאראיבער... האסט ראאיסא'ן פערזארגט... ראאיסא איז צו איהר מאן אוועק... דו האסט גוט געוואוסט מיט וואס פאר א צובלוטיגט הארץ ראאיסא איז געבליעבען. נור דיך האט עס ניט געקימערט... האסט פערגעסען אן מיר... מיין מאן, וועלכען איך האב דערשלאגען מיט מיין אוועקגעהן, איז רואינירט געווארען... ער איז אן ארימאן געווארען... האסט גוט געוואוסט, אז מיר ליידען די ביטערסטע נויט. נור דיך האט עס ווענינ אינטערעסירט... האסט גאנץ גוט געוואוסט, אז ראאיסא וועט א צווייטען מאל ניט זיין אונטריי צו איהר מאן: איך וועל דיר מעהר קיין פערגניגען פערשאפען... האט ראאיסא פאר דיר ניט מעהר עקזיסטירט!...

„מיין מאן איז געשטארבען, און דו ביזט געקומען צולויפען. דו אויםוואורף! וואס פאר א שטיק געמיינהייט דיין קומען צו מיר איז געווען! בערעכען, האסט געוואוסט, אז מיין מאן האט מיך איבערגעלאזט ווי אויפ'ן וואסער, אהן אירגענד וועלכע עס איז מיטלען צום לעבען... האסט געוואוסט, אז מיין מאן'ס משפחה סופארטעד יעצט מיך און מיינע פערבליעבענע יתומים'לעך... דערמאן זיך, מיין מאן'ס משפחה! מיין מאן'ס קרובים, וועלכע האסען מיך און קוקען אויף מיר ווי אויף א צולאזענער פרוי... האסט גוט געוואוסט, אז איך שפיעל יעצט די קלעגליכע ראלע פון א בעל תשובה... אז איך שטעה פאר מיין מאן'ס קרובים מיט א ניעדריג געזונקענעם קאפ, און ביי יעדען דאלאר וואס זיי גיבען מיר פון מיינע קינדערס וועגען, קוקען זיי מיך אן מיט א גיפטיגען פארוואורף: געדענק — סאוועקער!! דו האסט גוט געוואוסט, אז קוים קומט זיי ארויף אויף די געדאנקען נור א פערדאכט,

אז איך טראכט וועגן דיר, בין איך פערלאָרען... וועלען זיי מיך פערגעסען פונקט אזוי גרויזאם, ווי דו האָסט מיך פערגעסען... האָסט דאָס אַלעס גוט געוואוסט... דאָך האָט דיך דאָס אַלעס ווייניג געקימערט... דיין צולאָזענע פאַנטאַזיע האָט דיר געשילדערט אַ געמיינעם בילד... האָסט זיך דערוואוסט אז איך בין „פריי", אז איך בין אַליין, אז מיין מאַן איז מעהר ניטאָ... דיר האָט זיך גע'חלומ'ט, אז דו האָסט יעצט אַ געלעגענהייט מיט מיר נאָך אַמאָל צו זעטיגען דיינע בעסטיאַלע געפיהלען... און דו ביזט געקומען צולויפען... ביזט געקומען מיך טרייסטען... דו ליגנער! איך האָב דיין פרעכען ליגען אין דיינע אָנגעצונדענע אויגען געלעזען... דער ריכטיגער צוועק פון דיין קומען איז אויף דיין גאַנצען פּנים צוגאָסען געווען ווי אַ העלישער פייער. דיין צינישער פרעכער בענעהמען זיך האָט פערגליווערט די בלוטען אין מיין גאַנצען קערפּער. איך בין פּאַראַליזירט געווען פון שרעק און ערשטוינונג, און בלויז דאָס איז געוועזען די אורזאַכע וואָרום איך האָב דיך ניט פעריאָגט אזוי, ווי מען פעריאָגט אַ בייזען הונד..."

ראַאיסאַ האָט מעהר ניט געלעזען. טרעהרען האָבען איהר אין האַלז געשטיקט... בלאַס איז זי געווען ווי אַ טויטע.

— גאָט מיינער, וואָס פאַר אַ מין מענשען עס גיבט אויף דער וועלט! — האָט ראַאיסאַ ארויסגעזיפצט און זי האָט זיך היסטעריש צוואויינט...

* * *

סאַוועקער איז מיינער אַ נאָהענטער בעקאַנטער. אַ מאָל, ווען ער האָט געלעבט צוזאַמען מיט ראַאיסאַ'ן, פלעג איך ביי זיי אין הויז אָן אָפּטער גאַסט זיין. נור זינט ער איז צוזאַמען מיט זיין בלאָנדער סאָניע'ן, וויך איך אויס זיין הויז, אזוי ווי איינער וויכט אויס אַ פּעסט, און דאָס איז דערפאַר, ווייל איך האָב אָט די סאָניע'ן אימער פיינד געהאַט, און זינט זי האָט פערנומען ראַאיסאַ'ס פּלאַץ האָס איך זי, ווי איינער האָסט דעם טויט.

איך האָב געזוכט אַ געלעגענהייט צו טרעפען זיך מיט סאַוועקער'ן, אום צו האָבען מיט דיזען חברה־מאַן אַ שאַרפען געשפּרעך וועגען זיין וויזיט צו דער אַלמנה — ראַאיסאַ. דיזע געלעגענהייט האָט זיך אַלץ ניט געמאַכט, און געהען צו סאַוועקער'ן אַהיים האָב איך ניט געוואָלט. די פּערספּעקטיווע צו טרעפען זיך מיט סאָניע'ן האָט מיך פון דעם אָבגעהאַלטען.

נור אָט דערוויס איך זיך, אז די בלאָנדע סאָניע איז אָבגעפאָהרען אויף

זומער אין קאַנטרי, און איך לויף גלייך צו סאַווקער'ן אָננעהמען זיך די קריוודע פון דער בעליידיגטער אלמנה.

איך קלאַפּ אָן ביי סאַווקער'ן אין טהיר — קיין ענטפער. קלאַפּ איך אָן א צווייטען מאָל — שאַ, שטיל! אי קלאַפּ א דריטען מאָל... איך הער — אימיצער קומט די טהיר עפענען.

און אָט שטעה איך פּנים לפּנים מיט סאַווקער'ן; ווי מאָדנע ער קוקט אויס.... דאכט זיך מיר, עפּעס ווי איך וואָלט איהם אין שווערער פערלעגעהייט געפּאַקט. איך קום ווייטער אין צימער אריין, און איידער איך האָב צייט א וואָרט אויסצורעדען, פאַלען מיינע בליקען אויף די שווערע גאַרדינען, וועלכע פערהענגען די טהיר פון א זייטיגען צימער, און דורך א שפּאַרינע צווישען די גאַרדינען טהוט פאַר מיר א שימער זי... זי, ראַאיסאַ! די בעליידיגטע אלמנה!

א פערלאָרענער, א פערשעהמטער האָב איך אויסגעפּלאַפּעלט עפּעס עטליכע זינלאָזע ווערטער, און איך האָב זיך שנעל ארויסגעכאַפּט פון סאַווקער'ס הויז...

II.

און ער האָט חתונה געהאַט.

(אַן אמת'ע געשיכטע)

נחום סטאָלניקאָוו איז געווען אַן אלטער בחור. ער איז שוין אריבערגעפאָהרען די פערציגער און אין זיין קאָפּ האָט זיך אָנגעזעהן א היבשע ביסעל גרויע האָאר.

נחום איז פערזעסען געוואָרען ניט חלילה ווייל ער האָט עפּעס געהאַט א מום אָדער אַנדערע חסרונות, פאַר וועלכע כלות זאָלען איהם האָבען אויסגעבראַקירט — דער מענש האָט פּשוט ניט געוואָלט חתונה האָבען.

נאָך אין די יונגע יאָהרען פלעגט סטאָלניקאָוו פיינד האָבען און אויסוויכען פרויען, אזוי ווי איינער וויכט אויס א פּעסט. און מיט דערזעלבער נאַטור זיינער, איז ער פערבליעבען אויף אימער, ביז ער איז געוואָרען אַן אלטער בחור.

ניט אכטענדיג אויף דעם, וואס נחום סטאָלניקאָוו איז שוין געווען עלטער פון פיערציג יאהר, האט ער נאך אויסגעקוקט שעהן, געזונד, מונטער און פריש, עפעס גאר ניט אזוי ווי א פערעלטערטער בחור; ביים טרייד איז ער געווען א פאָרמאַן אין א שאפ; פערדיענט שעהנע ווייזשעס, און פערמאָגט עטליכע דאָלאר אָבגעשפּאָרט.

האבען זיך געפונען גענוג כלות, וועלכע האבען איהם געוואָלט צוכאַפּען מיטביידע הענד. מען האט גאר ניט געקוקט אויף זיינע יאהרען, אויף די ווייסע האאר אין קאָפּ, און מיידלעך האבען זיך צו איהם גע'שדכנ'ט פון אלע זייטען.

שעהנע מיידלעך, יונגע מיידלעך, יחוס, נדן.

ניין, ניט פאר סטאָלניקאָוו'ן.

אַן אנדערס מאָל, ווען מען פלעגט צו איהם זעהר שטארק צושטעהן וועגען א שידוך, פלעגט ער יא צוהערען זיך, נור ווען עס פלעגט קומען צו עפּעס, פלעגט ער זיך אָבטרייסלען ווי פון א בייזער בעגעגעניש. עס האט זיך גערעכט, אז איהם שרעקט דער געדאנק וועגען צוטרעטען צו נאָהענט צו א פרוי.

אבער נחום סטאָלניקאָוו האט דאך חתונה געהאט און טאקע מיט א מיידעל אָהן איבריגע מעלות. עס האט געטראָפען א מיסטייק, א סיבה, און ער האט חתונה געהאט.

הערט ווי דאס האט פּאַסירט.

סטאָלניקאָוו האט בעוואָהנט א סעפּערעט צימער ביי געוויסע לייטע אין א טענעמענט הויז.

זיין רום האט זיך געפונען אויפ'ן צווייטען פלאָאר. פונקט אין אזא סעפּרעט צימער האבען געוואָהנט צוויי שוועסטער, שאפּ־מיידלעך.

די אינגערע שוועסטער האט געהייסען ענני, די עלטערע מעררי. געוועהנליכע שאפּ־מיידלעך, ניט קיין מאוס'ע, אָבער אויך ניט איבעריגס שעהנע; ניט נאַריש, און ניט איבעריגס קלוג.

ווען מען איז שכנים אין איין הויז, קען מען זיך. איז סטאָלניקאָוו געווען בעקענט מיט די צוויי שוועסטער. אבער טאקע ניט מעהר ווי בעקענט.

גוט מאָרגען, גוט יאָהר — און מעהר גאָרנישט.

סטאָלניקאָוו האט נור געוואוסט, אז די צוויי שוועסטער זיינען זעהר

שטילע, זעהר רוהיגע מיידלעך; צו יעדער צייט, ווען ער פלעגט נור זיין אין דערהיים, פלעגט ער הערען, אז זיי זיינען אויך אין דערהיים. אויך האָט ער בעמערקט אז די צוויי שוועסטער געהען זעלטען אוועק, און אז קיינער בעזוכט זיי אויך ניט — דאָס אַלעס!

פאַסירט האָט דאָס אין א שעהנער זומער־נאַכט. סטאָלניקאָוו האָט אָבגעגעסען סאַפּער, אריין צו זיך אין צימער, ארויסגעקוקט א ווײַלע אין פענסטער אויף דעם קלאָרען הימעל מיט די זילבערנע שטערען. זיין הארץ האָט דערפיהלט עפּעס אזוי ווי א בייגקען נאָך עפּעס אונדייטליכעס. ער האָט זיך אבער געמאַכט כלא ידע, אויסגעלאָשען די גאַז, פערוויכערט א דיקען סיגאַר, ארייגגעוואָרפען זיך אין בעט, צוגערוקט זיך מיט'ן פנים צום וואַנד, און באַלד האָט ער איינגעשלאָפען מיט א שטאַרקען געזונדען שלאָף.

סטאָלניקאָוו האָט אין זיין שטאַרקען שלאָף דערפיהלט ווי אימיצער ליעגט ביי איהם אין בעט.

ער האָט זיך אויפגעכאַפּט און דערזעהן — נעבען איהם ליעגט א פרוי.

קאַלטע טראָפּען שוויים זיינען דעם אַלטען בחור ארויסגעקומען איבער זיין גאַנצער קערפּער. דער שרעק האָט איהם ווי פאַראַליזירט, און ער איז געבליעבען ליעגען אזוי ווי אין אונמאַכט.

ווען ער האָט נאָך אַמאָל א קוק געטהאָן אויף זיין ניט־געבעטענעם גאַסט, האָט ער דערקענט מעררי'ן, די עלטערע פון די צוויי שוועסטער, וועלכע האָבען געוואָהנט אפּסטערז, פּונקט איבער זיי צימער.

די מיידעל איז געלעגען האַלב נאַקעט און איז געשלאָפען מיט א שטאַרקען, געזונדען שלאָף.

סטאָלניקאָוו האָט געפיהלט די וואַרימקייט פון איהר קערפּער; איהרע לאַנגע צוואָוואָרפענע האָאר זיינען אויף זיין געזיכט געפאַלען, ער איז געבליבען ליעגען מיט א פערשטיקטען אָטהעם, ניט וואַגענדיג א ריהר צו טהון מיט אן אבר.

דאָס איז געוועזן דאָס ערשטע מאָל אין סטאָלניקאָוו'ס לעבען, וואָס ער האָט זיך געפונען אזוי נאָהענט פון א פרויענצימער, און ער האָט דערפיהלט עטוואָס אזוינס, וואָס ער האָט נאָך קיינמאָל אין זיין לעבען געפיהלט.

זיין שרעק איז אוועק. א ברענענדע פלאַמענדע תאוה האָט אין איין

סעקונדע אויפגעקאָכט זיינע בלוטען. ער האָט דערפיהלט ווי עס נעהמט איהם װארפען אין קעלט, ווי עס נעהמט איהם קלאַפּען א צאָהן אָן א צאָהן.

ער האָט זיך מיט די בליקען איינגעגעסען אין זיין שכנה... ווי רייצענד גוט, ווי רייצענד שעהן זי איז געװען, און געשלאָפען איז זי מיט א רוהיגען, אונשולדיגען שלאָף.

סטאָלניקאָװ האָט בעגריפען אז דאָ האָט געמוזט זיין אמיסטייק, אז די מיידעל האָט געמוזט טרעפען מיט א פלאָאר ניעדריגער, און אנשטאט אריין אין איהר אייגענעם צימער, איז זי אריינגעקומען אין זיין צימער.

שטילערהייט און זעהר פאָרזיכטיג איז ער פון זיין בעטעל ארויס, און ער האָט שנעל ארויפגעכאַפּט אויף זיך זיינע קליידער. װיעדער האָט ער זיך צוגעקוקט צו זיין שכנה און איהם האָט זיך פערװואָלט צוגעהן צום בעט, פאַלען אויף די קניע, ארומנעהמען און קושען די מיידעל, װעלכע איז ביי איהם אין בעט געלעגען.

אבער דיזער פערלאַנג איז שוין געװען ווייט פון דער פריהערדיגער גראָבער תאוה; דאָס האָט אין דעם אַלטען בחור'ס הארץ אויפגעפלאַמט א דורשט נאָך ליעבע, נאָך יענער ליעבע, פאר װעלכער ער האָט זיך אימער געשראָקען, אָהן װעלכער עס איז פערוויאַנעט געװאָרען זיין גאַנצע יוגענד. סטאָלניקאָװ'ן האָט זיך יעצט געדאכט, אז עס איז גאר ניטאָ קיין גרעסערער גליק אויף דער װעלט, ווי צו זיין פערהייראטה.

װארפענדיג א לעצטען בליק אויף מעררי'ן, איז סטאָלניקאָװ שטיל און פאָרזיכטיג פון צימער ארויס; באַלד האָט ער אָנגעקלאַפּט אפּסטערז אין דעם צימער, וואו די צווייי שוועסטער האָבען געװאָהנט.

—דו, מעררי? — האָט סטאָלניקאָװ דערהערט ענני'ס פערשלאָפענע שטימע.

— ניין, דאָס בין איך. — האָט סטאָלניקאָװ געענטפערט.

— מר, סטאָלניקאָװ?

— יעס!

— איך שלאָף שוין, װאָס פערלאַנגט איהר? — האָט ענני געפרעגט פון אינװעניג אין צימער.

— טהוט זיך אָן און עפענט מיר די טהיר; איך מוז מיט אייך עפּעס רעדען.

סטאָלניקאָוו האָט געהערט ווי די מיידעל געהט פון בעט ארוים. ער האָט געהערט ווי זי טהוט זיך אָן, ווי זי צינדט אָן פייער.

באלד האָט ענני די טהיר געעפענט, און בלייבענדיג אזוי שטעהן אין טהיר, אזוי ווי זי וואָלט ניט געוועזן זיכער אויב זי קען איהר שכן אריינ־לאָזען, האָט זי אונרוהיג געפרעגט.

— וואָס איז געשעהן?

— וואו איז אייער שוועסטער? — האָט סטאָלניקאָוו געפרעגט.

— מעררי? — האָט ענני אלץ מעהר און מעהר אונרוהיג אָנגעקוקט איהר שכן.

— יעס, מעררי.

— זי מוז זיצען אויפ'ן סטופ. דער קאָפּ האָט איהר וועה געטהאָן. זי האָט ניט געקענט איינשלאָפען, איז זי ארוים אויף א ווײלע אויף דער פרישער לופט. — האָט ענני ערקלערט וואו איהר שוועסטער געפינט זיך.

— זי שלאָפט שוין. — האָט סטאָלניקאָוו געענטפערט, און זיין שטימע האָט מאָדנע א ציטער געטהאָן.

— האָ? ! — האָט ענני אויסגעשטעלט אויף איהר שכן א פּאָאר צושראָקענע אויגען.

סטאָלניקאָוו האָט געלאסען און פאָרזיכטיג מיטגעטהיילט ענני'ן וואָס עס טהוט זיך מיט איהר שוועסטער.

באלד האָט די אינגערע שוועסטער אויפגעוועקט די עלטערע, און ווען מעררי האָט בעגריפען וואָס פאַר א מיאוס'ן טעות זי האָט דאָ געמאכט, אָננעהמענדיג דעם פּאָרמאַן פון דאַון־סטערז פאַר איהר שווערטער, איז די אָרימע שאַפּ־מיידעל געוואָרען היסטעריש, גענומען זיך רייסען די האָאר פון קאָפּ און ביטער וויינען.

און דער אָרימער סטאָלניקאָוו איז אויך אָרומגעגאַנגען א פערלאָרענער, צומישטער. קיינמאָל אין זיין לעבען האָט זיך דער מענש געפיהלט אזוי אויפגערעגט.

דיזע געשיכטע האָט אויף דער שאַפּ־מיידעל געמאכט אזא שווערען איינדרוק, אז זי האָט גענומען רעדען וועגען זעלבסטמאָרד. עס איז אָבער

צו אזא טרויעריגער ענדע ניט געקומען, ווייל סטאָלניקאָוו האָט זיך פון יענער נאכט אָן פערליעבט אין מעררי׳ן.

און דיביידע האָבען חתונה געהאַט.

III.

זיין גליקוואונש.

זי האָט איהם ליעב, ברענענד ליעב, איהר הארץ געהט אויס פון ליעבע צו איהם, און זי איז זיכער, אז ער האָט זי אויך ליעב.

ער קומט זי זעהר אָפט בעזוכען, ער נעהמט זי אָפט אין טהעאטער, אויף בעלער, ניט איין מאָל האָט ער זי ליידענשאפטליך ארומגענומען און א פּאָר מאָל אויך געקושט — קען זי דען אין זיין ליעבע צווייפלען?

ער איז אָבער א מאָדנער מענש א שווייגער! און זינד זי קען איהם האָט ער קיין מאָל נישט אויסגערעדט זיך מיט אזא וואָרט וואָס זאָל מאַכען קלאָר און דייטליך וועגען זיינע געפיהלען צו איהר.

און ווען ניט ווען גנב׳עט זיך אין איהר הארצען אריין א קאַלטער פער־דאכט: „ווער ווייסט — טהוט זי א טראַכט — אפשר מיינט ער דאָס ניט ערנסט, אפשר איז דאָס גלאַט אזוי, עס האָט זיך איהם געמאַכט א מיידעל מיט וועלכער מען קען צו יעדער צייט האָבען א „נייס טיים“, נו, איז פאר וואָס ניט?“

און ווען אזא פערדאכט נעהמט זי פּלאָגען, ווערט פאר איהר די גאנצע וועלט שווארץ און פינסטער.

זי נעהמט זיך פיהלען בעליידיגט און ערנידריגט; איהם נעהמט זי בע־האנדלען קאַלט און טרוקען... נור קוים קומט ער ניט א טאָג ווערט זי שיער ניט משוגע פון אנגסט; איהר הארץ נעהמט גליווערען א שרעק — פיעלייכט וועט ער שוין קיין מאָל נישט קומען; זי זוכט יעדע געלעגענהייט איהם ווידער צו בעגעגענען און ווען זיי טרעפען זיך ווידער ווערט פערשוואונדען איהר נעכטיגער פערדאכט, זי איז דער גליקליכסטער מענש אין דער וועלט, זי איז יעדער מינוט גרייט ווארפען זיך אין זיינע ארעמס, הענגען זיך איהם אויפ׳ן

האלז און אויסוויינען אין טרעהרען דעם איבערפלוס פון איהרע ברענענדע געפיהלען.

און מיט צוויי זיסע חלומות איז איבערפילט איהר גאנצע הארץ, איהר מארך, איהר נשמה, איהר גאנצער וועזען: ער וועט עפענען זיינע ליפּען און פון זיין מויל וועט זיך נעהמען גיסען א שטראם מיט ליעבעס ווערטער... און אט טרוימט זיך איהר — זי הערט זיין שטימע... זי הערט די ווערטער, וועלכע וועלען זי גליקליך מאכען, און פאר איהרע אויגען שילדערט זיך א שעהן פּרעכטיג בילד — ער האלט זיין קאפּ ביי איהר אויפ'ן שויס... „איך האב דיך ליעב, טאניושע, איך האב דיך ליעב"... הערט זי זיין פּערציטערט קול... זי פיהלט זיין ברענענדען אטהעם... זי פיהלט דעם קלאפּען פון זיין הארצען... און זי זעלבסט?... א ווײלע וועט זי שווייגען.. נאכהער וועט זי זיך צואווײנען.... „נארעלע מיינער — וועט זי ענטפערען — און איך האב ד י ך דען נישט ליעב?"... און ער וועט זי ליידענשאפטליך ארומ־נעהמען, קושען זי אין די אויגען, אין די ליפּען... אויך וועט זי זיין קאפּ ארומנעהמען, פעסט צודריקען צו זיך און ענטפערען מיט א ברענענדען קוש אין שטערען....

און ווען „טאניושע" טראכט אזוי, נעהמט דאס בלוט איהר אין די שלייפען קלאפּען, און זי דערפיהלט ווי איהר גאנצער וועזען ברענט ווי א שטיק פייער...

און דאן קומט דער צווייטער חלום: חתן־כלה זיינען זיי, אפען, פאר אלעמען, פאר דער גאנצער וועלט..... אויס צווייפעל, דיזער קאל־טער, שרעקליכער צווייפעל, וועלכער פערגליווערט מאנכעס מאל איהר הארץ, איהר נשמה.... חתן־כלה זיינען זיי! אפען פריי, פאר דער גאנצער וועלט... זיכער איז זי מיט איהם, זי האט זיך מעהר פאר גאר נישט וואס צו שרע־קען... ער איז איהרער, ער איז איהר חתן!

און אט קומט די חתונה.... ער הייראטה זי... עס ווערט ענדליך פער־ווירקליכט דער ברענענדסטער וואונש פון איהר לעבען.... ער הייראטה זי! עס איז איהר חתונה... אך, וואס פאר א מין ברענענדער, וואס פאר א טהייערע, וואס פא א זיסער חלום!

אבער ער איז א מאדנעד מענש — ער שווייגט!

אפט טראכט זי און אן אנדערש מאל בעשליסט זי צו זיין די ערשטע...

אליין אָנפאַנגען דעם געשפּרעך, וועלכער זאָל פיהרען צו זייער ליעבעס ער־קלעהרונג... נור ווען עס קומט צו וואָס, קען זי דאָס ניט טהאָן... פאַר עפּעס דאכט זיך איהר, אז ווען זי זאָל אָנפאַנגען די ערקלעהרונג אין ליעבע, דאן וועט זי ווערען ביליג אין זיינע אויגען. און אַן אנדערש מאָל קומט איהר ארויף אַ געדאַנק: אפשר וועט ער אויף איהר ליעבעס־ערקלעהרונג ענטפערען מיט זיין עווינען שווייגען... זי נעהמט זיך פיהלען בעצייטענס ווי אָפּגעגאָסען מיט קאַלטע וואסער... און אויך זי שווייגט אזוי ווי ער שווייגט.

אַן אנדערש מאָל ווערט זי פון זיין שווייגען אזוי אויפגעקאָכט, אַז זי נעהמט פיהלען ווי מיט גוואַלד, מיט ברוטאַלער גוואַלד זיינע ליפּען עפענען, אָט די צוויי ליפּען, וועלכע זיינען פעסט געשלאָסען אזוי ווי צוויי אונבארמ־הערציגע שומרים און מיט מאכט, מיט אַ גוואַלדיגער מאכט ארויסרייסען, ארויסציהען פון זיין הארצען דאָס, נאָך וואָס זי גאַרט אזוי, דאָס וואָס קען איהר שיקזאַל בעשטימען... איהר גליקליך מאַכען....

* * *

איין מאָל ווען ער איז ביי איהר געזעסען און זי באַלד ווילד געמאַכט מיט זיין שטילשווייגען, איז איהר איינגעפאַלען אַ געדאַנק צו מאַכען איהם אייפערזיכטיג און זי האָט אַ זאָג געטהאָן:

— ווייסט איהר, אז איינער האָט מיך ליעב?

זי האָט זיך מיט איהרע פלאַמענדע אויגען איינגעגראָבען אין זיין גע־זיכט, אום ריכטיג צו זעהען דעם איינדרוק פון איהרע ווערטער.

ער האָט אונבעשטימט אַ דריק געטהאָן מיט די פּלייצעס און איהר האָט זיך געדאַכט, אז זיין פּנים איז פערבליעבען קאַלט און גלייכגילטיג.

פערדרוס און כעס האָבען איהר הארץ גענומען שטיקען און זי האָט ווייטער געזאָגט

— און איך ליעב איהם אויך....

— וואָס איך הער? — האָט ער אַ זאָג געטהאָן. איהר האָט זיך גע־דאַכט, אז זיין פּנים האָט זיך מיט אַ וואָלקען בעדעקט און איהר הארץ איז ברייט געוואָרען פון אַ געפיהל פון נקמה און נצחון.

— און מיר געהען קירצליך הייראַטהען — האָט זי איהר נקמה דער־פיהרט צו דער העכסטער מדרגה און מיט אַ פערשטיקטען אָטהעם האָט זי

ערוואַרטעט זיין ענטפער...

— איך ווינש איך גליק פון פולען הארצען — האָט ער געענטפערט און אַ כאַפּ געטהאָן דריקען איהר האנד...

איהר האָט זיך געדאַכט, אַז איהר הארץ איז ארונטערגעפאַלען אין אַ טיעפען אָבגרונד... אַ ווײַלע איז זי פערבליבען שטום אָהן ווערטער... נור באַלד האָט זי ווידער אויפגעפלאַמט פון אַ געפיהל פון האַס און שטיקענ־דען כעס. איהר האָט זיך פערוואָלט אָן עפּעס טהאָן די טיהר און ארויס־טרייבען איהם... זי האָט אָבער בלויז ארויסגעריסען איהר האנד פון זיינע הענד און מיט אַ פערשטיקטען קול האָט זי געזאָגט

— און א י י ך בעט איך, לאָזט מיט צורוה!

— ווארום? — האָט ער געפרעגט.

— לאָזט מיך... לאָזט מיך.... איך וויל אַליין זיין — האָט זי כמעט גע־נומען שרייען צו איהם בייז און פרעך... לאָזט מיך אַליין... געהט פון מיר אוועק....

איהר פנים האָט געפלאַמט... די אויגען געברענט.

— אַ גוטע נאַכט — האָט ער שטיל געזאָגט און ער אַז פון איהר צימער ארויס.

אַ ווײַלע איז זי געבליעבען שטעהן, עפּעס אזוי ווי זי וואָלט פערלאָרען איהר בעוואוסטזיין; עפּעס אזוי ווי זי וואָלט פערגעסען, אַז זי לעבט און עקזיסטירט... נור פלוצלונג האָבען טרערען זי גענומען שטיקען אין האַלז. זי האָט זיך אין איהר בעטעל אַ וואַרף געטהאָן און ביטער צוװאוויינט זיך...

IV.

דזשעני'ס איינדרוקספאָלער חלום.

און דזשעני'ס חלום האָט געמאַכט זעהר אַ שטאַרקען איינדרוק אויף איהר מאַן, אזוי קרעפטיג איז געוועזן דער איינדרוק פון דיזען חלום, אַז אַ גאַנצען טאָג האָט ער, דזשעני'ס מאַן, זיין ארבייט ניט געקענט טהאָן און איז אַליין ארומגעגאַנגען ווי אַ פער'חלום'טער.

בעשטעטיגען, אז דזשעני האט אין חלומות געגלויבט, וואלט אפשר גע־הייסען טהאן דער פרוי אן אונרעכט, ווייל דזשעני איז געווען א פריידענקע־רין, און א גאנץ אינטעליגענטע פרוי. נור וואס דען? זי פלעגט ליעב הא־בען איהרע חלומות צו דערצעהלען. און ווען עס פלעגט איהר חלום'ען זיך שוין גאר א בעדייטענדער חלום, פלעגט עס אויף איהר מאכען א געוויסען איינדרוק, עפעס אזוי ווי דאגעגען איהר איגענעם ווילען.

אום צו געבען א ביישפיעל: ווען דזשעני'ן האט זיך א מאל גע'חלום'ט, אז עס איז איהר א צאהן ארויסגעפאלען אדער איבער איהר קאפ איז דער סילינג איינגעבראכען געווארען, פלעגט זי נאכהער דעם גאנצען טאג ארומ־געהן ווי א צומישטע. זי פלעגט זיך פלוצלונג נעהמען שטארק בעאונרו־היגען פאר דעם שיקזאל פון איהרע צוויי קליינע קינדערלעך; פלעגט א גאנ־צען טאג נים אבלאזען די קליינע שטיפערלעך פון איהר השגחה, פלעגט זיי אלץ טאפען די קעפעלעך אויב זיי האבען צו מאל נישט פיוועך געקראגען, און ווען אזא מין שלעכטס־פארזאגענדער חלום פלעגט מיט איהר טרעפען אין א צייט, ווען א קינד איז ווירקליך קראנק געווען, איז דער איינדרוק גע־ווען נאך שטארקער; אין אזא פאל פלעגט דער בייזער חלום דער מוטער אפרייסען אין סאמע. הארצען.

פלעגט זיך דזשעני'ן א מאל חלום'ען א חלום מיט בעלס, מיט גלעק־לעך, האט זי דעם טאג ערווארטעט געסט. און ווען עס האט זיך געמאכט, אז א גאסט איז דעם טאג ווירקליך געקומען, פלעגט איהר פנים אויפפלא־קערען פון נצחון, עפעס אזוי ווי זי וואלט ערדייכט עטוואס וואס זי האט ערווארטעט מיט דער גרעסטער שפאנונג.

האט זיך דזשעני'ן גע'חלום'ט עפעס א געשיכטע מיט הינד, פלעגט זי שוין ערווארטען, אז דעם טאג וועט זיך מיט איהר אימיצער צוקריגען, א. ז. וו. און ז. וו....

ווייטער האט דזשעני שטארק ליעב געהאט איהרע חלומות צו דער־צעהלען.

פאר שכנים, פאר געסט פלעגט זי ליעב האבען צו מיטטהיילן איהרע נעשעפטען מיט'ן בעל חלום, נור פריהער פון אלעמען פלעגט זי וועגען איהרע חלומות ליעב האבען צו שמועסען מיט איהר מאן.

שכנים פלעגען דזשעני'ן פיין אויסהערען און אפט איהרע חלומות צו

גוטען אויסלייגען. געסט פלעגען איהר אויך צאָהלען גרויס אויפמערקזאַמ־קייט. נור צרות פלעגט זי האָבען פון איהר מאַן ער איז געווען זעהר א קנאַפּער בעלן צו הערען זיין ווייב׳ס חלומות.

דזשעני׳ס מאַן, אָדער איזידאָר ווי ער האָט געהייסען מיט זיין נאָמען, איז געווען זעהר ווייט פון יענעם סאָרט מענשען, וועלכע עס זאָלען זיך צו־הערען צו חלומות.

אַן ערנסטער מענש, א מאַן — א העכסט בעלעזענער, פריי פון יעדען גלויבען, אָבגערעדט וועגען אירגענד־וועלכען עס איז סאָרט אבערגלויבען, פון דער נאַטור זעהר א סעריעזער, פלעגט ער טאַקע ווייניג וואָס צו הערען זיך צו זיין ווייב׳ס פּלאַפּלערייען וועגען איהרע חלומות.

און ווען איזידאָר פלעגט שוין זיין פרוי א מאָל יאָ אויסהערען, איז דאָס נור געווען אום צו אָפּזידלען זי אויפ׳ן איידעלען אָרט און אָפּענטפּערען:

— פרוי, דזשעני, שעהמען מעגסטו זיך! וואָס איז דאָס פאַר א מין נאַרישע פּוסטע פּלאַפּלעריי וועגען חלומות?

נור דיזען מאָל האָט איזידאָר אויסגעהערט זיין ווייב און ער איז גע־וואָרען אויפמערקזאַם, אפשר שוין צופיעל אויפמערקזאַם!

עס איז געווען פריהמאָרגענס ביים עסען דעם ברעקפעסט, די געוועהנ־ליכע צייט ווען דזשעני פלעגט באַדרען איהר מאַן מיט דערצעהלען איהרע חלומות.

— דו הערסט, איזידאָר — האָט דזשעני א זאָג געטהאָן — דו הערסט...

—אַ חלום עפּעס? — האָט איזידאָר אונגעדולדיג איבערגעשלאָגען זיין פרוי.

— אָבער אזא מאָדנער חלום — האָט דזשעני גענומען רעדען עפּעס מיט אזא געהיימניספאָלער שטימע.

— אז איך בעט דיך, באַדער מיר ניט — האָט איזידאָר ווייטער ניט געלאָזט רעדען זיין פרוי.

דזשעני איז ביי זיך ניט אראָפּגעפאַלען און זי האָט ווייטער גערעדט:

— ווען דו וואָלסט וויסען —

— וואָס, א צאָהן ארויסגעפאַלען? א הונד האָט געביסען? — האָט איזידאָר א קוק געטהאָן אויף זיין פרוי מיט אָפּלאַכענדען פאַרוואורף.

— אָ, איך שעהם זיך צו דערצעהלען — האָט דזשעני א זאָג געטהאָן מיט

א פערשטיקטען אָטהעם און זי האָט צוגעדעקט דעם געזיכט מיט איהרעביידע הענד.

דערזעהען אזא מין תנועה, איז שוין איזידאָר געוואָרען אויפמערקזאם, האָט ער שנעל דערלעזען ביז א געוויסער שטעל אין דער צייטונג, אין וועלכער ער האָט אריינגעקוקט, א זופּ געטהאָן קאָפּע, אראָפּגעשלונגען דעם ביסען, וועלכען ער האָט אין מויל געהאַלטען און ער האָט א פרעג געטהאָן: שעהמסט זיך גאָר? וואָס־זשע איז דאָס פאר א חלום?

— איך שעהם זיך, איך שעהם זיך צו דערצעהלען.... אזא מאָדנער חלום — האָט דזשעני געשטאמעלט, ניט ארונטערנעהמענדיג איהרע הענד פון געזיכט.

— וואָס־זשע איז דאָס אזוינס? — איז שוין איזידאָר געוואָרען באמת נייגעריג.

— חלום׳ט זיך מיר — האָט דזשעני אָנגעפאנגען דערצעהלען איהר חלום, און איהר שטימע האָט אזוי פערדעכטיג געציטערט, עפּעס אזוי ווי דאָ וואָלט זיך געהאַנדעלט וועגען מודה זיין זיך פאר איהר מאן אין עפּעס א געוואלדיגען פערברעכען — חלום׳ט זיך מיר: דו ביסט נישטאָ אין דער־היים. עס איז נאכט. איך ליעג אין בעט און שלאָף... מיט א מאָל זעה איך לעבען מיר.... ליגט א שעהנער, געזונטער יונגער מאַן.... קושט מיך, האַלזט מיך, נאכהער....

דזשעני האָט ניט דערערדט און צולאכט זיך מיט א מאָדנעם נערוועזען געלעכטער.

— נו, דערצעהל שוין — האָט איזידאָר אונטערגעשטופּט זיין פרוי און אויך זיין שטימע איז יעצט געוואָרען נערוועז.

— האָט זיך מיר גע׳חלום׳ט — האָט דזשעני אָנגעפאנגען... זי האָט אָבער ווייטער ניט געקענט דעררעדען: איהר גאנצער געזיכט האָט זיך בעדעקט מיט א פלאַמענדער רויטקייט און הילכיג לאכענדיג האָט זי געזאָגט:

— נאָ, איזידאָר, איך קען דאָס ניט דערצעהלען... אוי, וואָס פאר א חלום, וואָס פאר א מאָדנער חלום....

איזידאָר האָט בעגריפען זיין פרוי׳ס חלום. די צייטונג האָט ביי איהם

א ציטער געטהאָן אין האנד און אויפ'ן הארצען האָט זיך איהם אוועקגע־לייגט א מאָדנער שווערער געפיהל.

א ווײלע איז ער געבליבען שטיל שווייגען, ארײנגעקוקט אין בלאַט און געגנגעסען זיין פריהשטיק, אזוי ווי גאָר נישט וואָלט געשעהן און זיין דזשעני וואָלט איהם געהאט דערצעהלט נור איהרען א געוועהנליכען חלום, נור פּלוצ־לונג האָט ער א פרעג געטהאָן מיט א קאַלטער טרוקענער שטימע:

— און ווער איז געווען דער יונגער מאַן?

— וואָס ווײס איך? עס איז דאָך נור געווען א חלום — האָט דזשעני געזאָגט מיט אזוי פיעל ערנסט; עפּעס אזוי ווי זי וואָלט דאָ געהאט צו פער־ענטפערען זיך פאר איהר מאַן.

— אין חלום זעהט מען נור די מענשען, וועגען וועלכע מען האָט אין די געדאַנקען, אויפ'ן וואָהר — האָט איזידאָר געענטפערט מאַכענדיג אויף זיין געזיכט א שמייכעל, אום זיין ענטפער זאָל האָבען דעם פּנים פון א שפּאַס.

איזידאָר'ס געמאַכטער שמייכעל האָט גאָר ניט אויפגעטהאָן. יעדער איינער האָט געקאָנט בעמערקען, אז דער מאַן וועמעס פרוי דער חלום האָט אראָבגעפיהרט פון גלייכען וועג, פיהלט זיך זעהר ניט געהויבען. אויך דזשעני האָט פערשטאַנען, וואָס איהר מאַן פיהלט און אויך זי האָט זיך גע־נומען פיהלען שווער און ניט אנגענעהם.

פיעל שנעלער ווי אימער האָט איזידאָר אין דיזען פריהמאָרגען גע־ענדיגט זיין ברעקפעסט.

אימער, פאר'ן אוועקגעהן צו דער ארבייט פלעגט איזידאָר גוט אָנקו־שען זיינע צוויי קינדערלעך און אויך זיין פרוי — נור אין דיזען פריהמאָרגען האָט דער געטרייער מאַן געבראָכען זיין רעגעל און איז ארויס פון הויז אפילו ניט א קוק געבענדיג ניט אויף די קינדער און ניט אויף זיין פרוי...

און דזשעני'ס חלום האָט געמאַכט זעהר א שטאַרקען איינדרוק אויף איהר מאַן; אזוי שטאַרק איז געווען דער דאָזיגער איינדרוק, אז א גאַנצען טאָג האָט דער אָרימער מענש ניט געקענט זיין ארבייט טהאָן און איז אליין ארומגעגאַנגען טאַקע ווי א פער'חלום'טער.

V.

פון נאָהענטען און פון וויטען.

דער איינציגער פענסטער פון די ליליענסאָן'ס שלאָף־צימער איז אויסגעקומען צו א לאַנגער רייהע פון אָפענע הויפלעך, וועלכע עס האָבען זיך געצויגען אויף א האַלבען בלאָק; ביז דער קאָרנער־הויז, וועלכע עס האָט מיט איהר בעקוואַנד פערצאַמט די הויפען פון דער סטריט.

בייטאָג (?) ווען אין די בעק־צימערען פון דער הויכער קאָרנער־הויז פלעגט פייער ברענען האָט מען פון די ליליענסאָן'ס שלאָף־צימער געקענט אריינקוקען אין די בעלויכטענע צימערען פון דער אַנטקעגענדיגער הויז; ווען די פענסטער זיינען געווען נישט פערהאַנגען, האָט מען געקענט אין די צימערען בעמערקען פערזאָנען און ווי די פערזאָנען בעוועגען זיך; דערקענען ווער די פערזאָנען זיינען איז שוין געווען אונמעגליך. דער שטח איז געווען א צו ווייטער אום מען זאָל קענען אונטערשיידען דייטליך געזיכטס־ציגע.

איין מאָל, אין א שעהנער זומער־נאַכט האָט דער מיסטער ליליענסאָן עפּעס בשום אופן איינשלאָפען נישט געקענט.

— וואָס טהו איך פאַרט, סאָפיע? — האָט ליליענסאָן זיך געווענדעט צו זיין פרוי, וועלכע איז געלעגען ביי זיין זייט — וואָס טהו איך, איך קען אין קיין פאַל נים איינשלאָפען.

דער מאַן האָט קיין ענטפער בעקומען, ווייל זיין פרוי, וועמען ער האָט דעם טראָבעל דערצעהלט, איז גראדע געשלאָפען מיט א שטאַרקען, טיעפען שלאָף.

און דאַן איז ליליענסאָן פון בעט אויפגעשפּרונגען, ברייט אויפגעעפענט דעם פענסטער און ער האָט גענומען ארויסקוקען דרויסען; האָפענדיג דורך די פרייע, פרישע לופט געהאָלפען צו ווערען און קענען איינשלאָפען; און אזוי, ארויסקוקענדיג פון פענסטער, זיינען זיינע בליקען געפאַלען אויף דער בעק־וואַנד פון דער אַנטקעגענדיגער קאָרנער הויז, וועלכע איז געשטאַנען אזוי ווי פער'חלום'ט איינגעטונקען ווי זי איז גרוים געווען אין דער בלאַסער זילבערליכט פון דער שעהנער לבנה־נאַכט.

אין די מעהרסטע צימערען איז שוין דער פייער געווען אויסגעלאָשען, און די פענסטער פון די זעלבע צימערען האָבען אויסגעקוקט אזוי ווי שווארצע

פלעקען, צו־וואָרפען אין גלייכע ליינס איבער דער וויס־געפארבטער וואנד; אין א פּאָר צימערען, וועלכע זיינען געווען אזוי ווי צו־וואָרפען אָהן אַן אָרדער דאָ און דאָרט איבער דער הויכער וואנד, זיינען געווען ארונטערגעלאָזען „שיידס“ און א פרעמדע אויג האָט פון דרויסען ניט געקענט זעהען וואָס אינווענינ אין די צימערען קומט פאָר; נאָר אין איין צימער, אין וועלכען עס האָט נאָך פייער געברענט, איז דער פענסטער געווען פערהאנגען נור אין העלפט מיט א פאָרהאנקע פון דינעם גאז. די שייד איז פערבליבען ארויפגעצויגען, און ווען לילענסאָן׳ס בליקען האָבען אומגעוואנדערט איבער דער אנטקעגענדיגער וואנד, האָט ער געקענט זעהען וואָס אין דיזען צימער קומט פאָר.

און אָט וואָס דער שלאָפלאָזער מאַן האָט דערזעהען

ווען לילענסאָן האָט געעפענט דעם פענסטער און גענומען ארויסקוקען דרויסען, האָט ער קיינע שלעכטע אבזיכטען ניט געהאַט. ווען זיינע בליקען האָבען ארומגעוואנדערט איבער דער וואנד פון דער אנטקעגענדיגער הויז, האָט ער אויך דערביי ניט געהאט קיין שלעכטען געדאנק. גלאט אזוי, עס איז דאָ אוינגען, האָט ער מיט זיי געקוקט, נור ווען ער האָט דערזעהען א פרוי, איז ער שוין געוואָרען אויפמערקזאם און ער האָט א ביסעלע מעהר ארויסגערוקט דעם קאָפּ פון׳ם פענסטער צוצוקוקען זיך צו דער פרוי, וועלכע האָט פון דער ווייטענס אויסגעקוקט צו זיין א מערקווירדיגע שעהנהייט.

די פרוי איז געשטאנען א ווייַלע בעוועגלאָז, עס האָט געשיינט, אז זי קוקט אריין אין א שפּיעגעל. נור אָט האָט זי פּלוצלונג ארויפגעלייגט איהרעביידע הענד אויפ׳ן קאָפּ און איבער איהרע שולטערען איז צופאַלען א גאַנצער וואלד מיט האָאר; לילענסאָן האָט בעגריפען, אז די פרוי קלייבט זיך דאָס צו שלאָפען געהן... א לייכטער ציטער איז איהם אריבער איבער זיין גאַנצען קערפּער....

אָט האָט די פרוי גענומען עפּעס עסק׳ן זיך ארום איהר וויַיסטעל.

לילענסאָן האָט בעגריפען, אז זי נעהמט זיך דאָס אויסטהאָן און זיין הארץ איז געבליבען אויף א ווייַלע שטיל שטעהן אזוי ווי עס וואָלט אין גאַנצען אָפּגעשטאָרבען.

די פרוי האָט פון זיך ארונטערגענומען די ווייסטעל, דעם קאָרסעט, און לילענסאָן האָט דערזעהען איהר האַלב נאַקעטע פיגור...

דעם מאַן'ס גאַנצע נשמה, די לעצטע ביסעל קראַפט פון זיין יעדען נערוו איז אריבער אין זיינע אויגען, אין די אויגען, וועלכע עס האָבען זיך פון אנשטרענגונג אָנגעצונדען ווי צוויי פלאַמען פייערען.

לילענסאָן האָט מעהר גאָר נישט געזעהן, מעהר גאָר נישט געפיהלט ארום זיך.... ער האָט נישט מעהר געפיהלט, אז ער געפינט זיך אין זיין אייגענעם שלאָף־צימער, אז זיין קאָפּ איז נור ארויסגעשטעקט דורך אַן אָפענעם פענסטער. ער האָט נישט מעהר געשפירט ארום זיך די שעהנע פרישע לבנה־נאַכט, ער האָט נישט מעהר געזעהען די וואַנד פון דער אַנטקעגענדיגער הויז און אויך נישט דעם שטח, וועלכער עס האָט איהם פון דיזער וואַנד אָפּגעטהיילט. אלעס וואָס ער האָט געזעהן, בעגריפען, געפיהלט, איז געווען נור די האַלב־נאַקעטע פרויען־פיגור.

און לילענסאָן'ען האָט זיך געדאַכט, אז די פרוי איז עפּעס אַ מערקווירדיגע שעהנהייט... ווי שעהן און ווי רונד עס זיינען געווען איהרע פאַרמען, איהרע נאַקעטע ארעמס, איהרע שולטערען, איהר קאָפּ מיט די ארונטערגעהאַנגענע האָאָר; איהר גאַנצער געזיכט, איהר גאַנצער קערפּער איז גראַציעז! ווי וואונדערבאַר שעהן!

לילענסאָן'ען האָט זיך געדאַכט, אז דאָרטען אין צימער לעבט אַ שעהנע צויבערין. איהם האָט זיך געדאַכט — ער פאַלט באַלד ארויס פון פענסטער, שניידט דורך מיט זיין קערפּער דעם שטח, וועלכער עס ליגט צווישען איהם און דער שעהנער צויבערין און ער געפינט זיך שוין דאָרט לעבען איהר און ער קושט איהר שעהנעם געזיכט, און ער טוליעט זיך צו איהר שעהנעם קערפּער, צו איהרע נאַקעטע ארעמס, צו איהר וואַלד האָאָר, וועלכער איז געווען צוואָרפען איבער איהרע שולטערען.

דעם מאַן האָט גענומען אין קאָפּ שווינדלען!

— פאַר וואָס געהסטו ניט שלאָפען? — האָט לילענסאָן דערהערט זיין פרוי'ס שטימע פון שלאָף־צימער.

לילענסאָן האָט זיך שטאַרק דערשראָקען: עפּעס אזוי ווי מען וואָלט איהם געכאַפּט ביי אַ שווערען פערברעכען. האַסטיג האָט ער פערמאַכט דאָס פענסטער און ער איז צום בעט צוגעגאַנגען.

— פאַר וואָס געהסטו ניט שלאָפען? — האָט סאָפיע נאָך אַ מאָל איהם געפרעגט.

— איך ווייס ניט — האט לילענסאן געגומען שטאמלען — איך ווייס ניט... איך קען עפעס ניט שלאפען... דער קאפ טהוט מיר וועה.

— עס מוז זיין זעהר א שעהנע נאכט — האט סאפיע פערשלאפען גע־זאגט און זי האט זיך אוועקגעזעצט.

לילענסאן האט א טראכט געטהאן, אז זיין פרוי קען נאך עפענען דאס פענסטער, ארויסקוקען און דערזעהן דאס וואס ער האט געזעהן, און אום צו פערמיידען אזא גוטע געשעהענים, האט ער זיך שנעל אווארף געטהאן אין בעט און האט געזאגט צו זיין פרוי:

— עס איז אבער אזוי קאלט דרויסען... פאר דער ווייל וואס איך האב פון פענסטער ארויסגעקוקט.... איז מיר געווארען אזוי קאלט.... עס טריי־סעלט מיר יעדער אבר.

סאפיע האט זיך צוריק אוועקגעלייגט אין בעט, צולייגענדיג א האנד צו איהר מאן׳ס שטערען האט די גוטע פרוי אונרוהיג געזאגט:

— מיר דאכט זיך דו האסט ווארימקייט.

— אפשר — האט לילענסאן געענטפערט, און ער האט זיך אומגעקעהרט אין אזא פאזע, אז זיין פרוי זאל נישט קענען זעהען זיין געזיכט.

ווען סאפיע איז ווידער איינגעשלאפען איז איהר מאן פארזיכטיג פון בעט ארוים שטילערהייט, אזוי ווי א גנב, דאס פענסטער געעפענט און שטי־לערהייט דעם קאפ זיינעם ארויסגערוקט.

דארטען, אין יענעם צימער, איז נאך געווען ליכטיג, אבער איבער׳ן פענסטער איז שוין יעצט א „שייד" געהאנגען און לילענסאן האט דערפיהלט אזוי ווי ער וואלט פערלארען עטוואס אזוינס, וואס איז איהם געווען טהיי־ערער ווי דאס לעבען.

און זינט דיזער שלאפלאזער נאכט האט לילענסאן רוהען נישט גע־קאנט; ער האט נור געזוכט צו דערוויסען זיך ווער עס איז יענע פרוי, וועלכע האט איהם אזוי ענטציקט, און וועלכע האט אויף אימער אוועקגע־רויבט די רוהע פון זיין נשמה. ער האט געגארט זי זעהן, ריידען מיט איהר, געפינען זיך אין איהר אנוועזענהייט; און ער האט געפיהלט, אז ער קען נישט לעבען ביז ער וועט זיין וואונש ניט ערדרייכען.

צו די לילענסאנס איז הויז פלעגט ארויפקומען איינע א מיסעס סקודען, אן אלמנה פון א יאהר פערציג. און לילענסאן האט געוואוסט אז

אַט די מיסעס סקודען איז א שכנה אין דעם זעלבען קאַרנער הויז, וואו עס האָט זיך געפונען לילענסאַן׳ס שעהנע צויבערין.

די אלמנה איז געווען זעהר אַן אנטיפּאַטישע פּרויענצימער. איהר גע־זיכט איז געווען אין גאנצען מיט פּימפּעלס בעדעקט. קליינע פאַלשע אוי־געלעך און בלויע ליפּען; ווען זי פלעגט נעהמען ריידען פלעגט איהר שפּרי־צען פון מויל. ווייטער האָט זי געהאַט א העסליכען כאראַקטער; ליעב גע־האַט שטעקען איהר נאָז וואו מען דאַרף און וואו מען דאַרף ניט; רכילות טרייבען, בערעדען און בעשמוצען א צווייטען — דאָס איז געווען איהר ספּעציאַליטעט.

און לילענסאַן האָט די פרוי שטארק נישט געגליכען. ווען נור זי פלעגט ארויפקומען אין זיין הויז, פלעגט ער וואָס שנעלער אַפּטראַגען זיך אין אַן אנדער צימער און איבערלאָזען דעם גוטען גאַסט אין דער געזעלשאַפט פון זיין פרוי.

אצינד אָבער, אין א נויט, האָט לילענסאַן פערגעסען אָן זיינע געפיה־לען צו דער אלמנה און ער האָט זיך צוגעקליבען ביי איהר אויספרעגען וועגען דער פרוי, וועלכע האָט איהם די גאנצע צייט געהאַלטען בעצויבערט.

איין מאָל, ווען ער איז געווען גאַנץ אליין צו הויז, איז די מיסעס סקו־דען געקומען מיט א בעזוך.

לילענסאַן האָט זיין גאַסט זעהר פריינדליך אויפגענומען און פערפיה־רענדיג גאָר א זייטיגען געשפרעך האָט ער עפּעס אזוי ווי אומגערן א פרעג געטהאָן:

— ווער וואָוינט דאָס ביי אייך אויפ׳ן דריטען פלאָר צו די בעק?

— וואו? — האָט די פרוי סקודען געפרעגט — רעכטס, לינקס אָדער אין מיטען?

לילענסאַן האָט די אלמנה אריינגעפיהרט אין זיין שלאָפצימער און אָנ־געצייגט דורכ׳ן פענסטער אויף וואָס ער פרעגט זיך נאָך...

— דאָ וואָוין איך ד א ך — האָט די אלמנה ארויסגעפּלאַצט מיט א היל־כיגען געלעכטער — דאָס איז דאָס פענסטער פון מיין בעד־רום.

לילענסאַן האָט זיך דערפיהלט ווי אָבגעגאָסען מיט א שטראָם קאַלטע וואַסער...

ווען די אלמנה איז אַוועק און ער איז געבליבען אליין, האָט ער דער־

פיהלט אזוי מיאוס, אזוי פערדראָסיג פאַר זיך זעלבסט, אז ער איז צוגע־לאָפען צום שפיגעל און מיט שפּאָט א געשריי געטאָן צו זיין איינענער געשטאַלט:

— אוי, ביסטו א פולל!!

VI.

די יונגע באָבע.

פריהמאָרגענס האָט זי געוויינט און שפּעט ביינאַכט האָט זי נאָך אמאָל געוויינט... גאַנץ פערשיעדען זיינען אבער געווען די טרעהרען פון דעם פריהמאָרגען און די טרעהרען פון דער שפּעטיגער נאַכט־שטונדע.

פריהמאָרגענס האָט א געפיהל פון גליק־פרייד און ברענענדער מוטער־ליכער ליעבע ליכטיג און ברייט געמאַכט איהר נשמה, און דער איבערפלוס פון דיזען גליק און פריידענס־געפיהל האָט ארויסגעפלאַצט אין א שטראָם פון שטראַהלענדע, פּערלדיגע טרעהרען.

דער טאָג איז אריבער או עס איז אָנגעקומען די שטילע, שפּעטיגע נאַכט־שטונדע און יעצט האָט זי געוויינט. א שווערער, דריקענדער געפיהל פון אומעט און ענטטוישונג האָט איהר הארץ געפּרעסט. געפיהלט האָט זי אזוי ווי עטוואָס טהייערעס, עטוואָס אונשעצבאַרעס איז פאַר איהר פערלאָרען געגאַנגען; עטוואָס ליכטיגעס איז פון איהר סאַמע נשמה ארויסגעריסען געוואָרען, און דונקעל און שווער איז איהר אויפ׳ן הארצען געוואָרען, און דיזע שווערקייט, דיזע דונקעלע האָפנונגסלאָזע אונערטרעגליכע שווערקייט האָט ארויסגעפּרעסט, ארויסגעשטיקט א שטראָם פון לאַנגזאַמע שווערע טרעהרען.

מאַדאַם אננא זארדען — אזוי הייסט זי — איז א פרוי פון א יאהר אַכט און דרייסיג. זי איז ניט קיין הויך־געוואַקסיגע, דאָך איז איהר גאַנצע פיגור אזוי ווי אויסגעשניצט פון א קינסטלערישער האַנד. זי האָט א שעהן, ליכטיג, פרעהליך פּנים; א שעהנע, ליכטיגע, לוסטיגע נשמה, קוקט אויס פיעל אינגער פון איהרע ריכטיגע יאהרען, און ווען איהר קוקט זי אָן, און ווען זי רעדט צו אייך, און ווען זי צולאַכט זיך מיט איהר אָריגינעלען זאָרגלאָזען

הויך־קלינגענדען געלעכטער, דאכט זיך אייך אז זי איז נאך גאר א קינד, און דאך האט דיזע בייבי־פרוי שוין א פערהייראטהע טאכטער.

צו זיעבצעהן יאהר האט שוין אננא געהייראטה. קיינער האט זי צו דעם ניט געצוואונגען. ליידענשאפטליך פון דער נאטור, האט זי שוין צו פופצעהן יאהר געליעבט און געברענט פאר מעננר. פאר א פאאר יאהר צייט האט זי דורכגעמאכט ראמאנען אהן א צאהל, צובראכען און צושטאכען די הערצער פון פיעלע יונגע מענער; פיינע עטליכע מאל אנגעגריפען און געקראנגען שמערצליך פערוואונדעט איהר אייגענע יונגע ברענענדע נשמה, ביז זי האט ענדליך צו זיעבצעהן יאהר געהייראטה.

צו אכטצעהן יאהר איז שוין אננא א מוטער געווארען, און איהר ערשטלינג, א שעהנע מיידעלע, צוויי טראפען די מאמע, האט אויך דער מוטער'ס ליידענשאפטליכע נשמה פערמאגט און אויך זי, איהר טאכטער, האט צו אכטצעהן יאהר חתונה געהאט.

דאך יונג איז פערבליעבען אננא, יונג מיט איהר אימער ברענענדער זעעלע. פיליבכט אינגער פון איהר טאכטער, און הינטער די פלייצעס פון איהר מאן, פון דעם שטילען, עהרענהאפטען מיסטער זארדען, פיהרט זיך אננא עטליכע ראמאנען, און בעהאלטענערהייט, בסוד סודות, צוברעכט זי עד היום די הערצער פון איהרע פערעהרער.

אין איין שעהנעם ווינטער־אבענד, ווען מאדאם זארדען האט זיך געהאלטען אין פערפוצען אום צו געהען אין טהעאטער מיט א פאאר פון איהרע מענער־פריינד, האט מען דער פרוי אין די הענד איבערגעגעבען א טעלעגראמע.

דאס איז געווען א דעפעשע פון אננא'ס עלטערע טאכטער, וועלכע האט אנגעפאנגען געהען צו קינד מיט איהר ערשטלינג, און מען האט פערלאנגט דער מוטער'ס שנעלען קומען צו איהר טאכטער'ס קינפעט.

און פערגעסען האט אננא אן איהרע ליעבהאבער, פערגעסען האט זי אן דעם טהעאטער, פערגעסען האט זי אן דער גאנצער וועלט; אין דער ליידענשאפטליכער פרוי האט אויך מיט איהר געוועהנליכער ליידענשאפט די מוטער ערוואכט. ארונטערגעשליידערט האט זי פון זיך איהר פאראדנע טהעאטער־דרעס, און אזוי שנעל און אזוי נערוועז האט זי דאס געטהאן, אז זי האט שיער די דרעס אויף שטיקער צוריסען; געכאפט א האנד־וועליס,

אריינגעפּאַקט אַהין אַ ווייסע שירץ, אַ סקוירט און אַ ווייסטעל, וועלכע נוירסעס טהוען אָן ביים טענדען זייערע פּאַציענטען, און מיט אַ פערשטאַר־בענעם הארצען איז די מוטער צו איהר קינד אוועקגעפאַהרען.

פאַהרענדיג אין טריין איז אננאַ געווען אויפגערעגט און נערוועז. די פרוי האָט פאַר זיך קיין אָרט ניט געהאַט און זי האָט זיך אַזוי אויפגעפיהרט, דאָס פּיעלע פון די פּאַסאַזשירען, וועלכע זיינען מיט איהר אין איין וואַגאָן געזעסען, האָבען געדענקט אַז זיי האָבען דאָ צו טהון מיט אַ וואַהנזיניגער.

כסדר איז זי נאָכגעגאַנגען דעם קאָנדוקטאָר און יעדע ווילע געפרעגט איהם, וויפיעל צייט איז נאָך פערבליעבען ביז די טריין וועט אָנקומען אין בלומפיעלד, די שטעדטעל, וואו איהר טאָכטער האָט געוואָהנט. כמעט ביי יעדען איינציגען אין וואַגאָן האָט זי זיך נאָכגעפרעגט וועגען בלומפיעלד, אויב עס זיינען דאָרט צומאָל פאַראַן גוטע, ערפאַהרענע אקושאָרען־דאָקטוירים, אויב עס איז אין דער שטעדטעל דאָ אַ גוטע ערפאַהרענע טריינד נוירס צו קריעגען א. ז. וו.

נור אָט איז שוין אננאַ ביי איהר טאָכטער׳ס בעטעל. צוויי דאָקטוירים, צוויי נוירסעס טענדען די קינפּעטאָרין, פון דענסטוועגען טרעט ניט אָב די מוטער פון איהר טאָכטער׳ס זייט; אויף איין מינוט, אויף איין סעקונדע טרעט זי ניט אָב. די קינפּעטאָרין האָט איהר קאָפּ ביי דער מאַמען אויפ׳ן שוים אוועקגעלעגט און די צושראָקענע, אויפגערעגט מוטער האָט יעדע ווילע בעדעקט מיט ברענענדע קושען דעם בלאַסען פערמוטשעטען פּנים פון איהר קינד.

אַ שרעקליכע, שוידערליך שרעקליכע נאַכט האָט דורכגעלעבט די פרוי זאָרדען. עס האָט זיך געדאַכט, אַז מיט איהר איינדרוקספאָלער, ליידענ־שאַפטליכער נשמה לעבט דורך די מוטער אַלע וועהטאָגען, אַלע שמערצען, אַלע מאַטערניסען און יסורים פון איהר טאָכטער.

אננאַ האָט ניט געוויינט. עפּעס אַזוי ווי זי וואָלט פערשטיינערט געוואָרען פון שרעק און אונגליק. נור בלאַס איז זי געווען, בלאַס ווי אַ טוידטע, און מיט יעדען שמערצליכען אויסגעשריי פון דער קינפּעטאָרין, פלעגט אין אננאַ׳ס בלאַסען געזיכט איינשניידען זיך אַ טיעפער קנייטש... אַ שטריך פון פיין און שמערצען.. עס האָט זיך געדאַכט, אַז די אָרימע פרוי ווערט עלטער פון מינוט צו מינוט אויף גאַנצע יאָהרען.

דער בלאַסער מאָרגען האָט ענדליך אין דער פינסטער אריינגעקוקט. פאַר דער קינדפּעטאָרין איז אָנגעקומען דער לעצטער מאָמענט, דער וואונדער־גרויסער מאָמענט, ווען אויף דער וועלט דאַרף ערשיינען א נייעס לעבען. די לעצטע וועה־געשרייען פון איהר טאָכטער האָט די מוטער ניט געקענט אריבערטראָגען; איהר הארץ איז געבליעבען שטיל שטעהן — אלעס איז אין איהרע אויגען פינסטער געוואָרען...

ווען מען האָט אננאַ'ן אָבגעמינטערט, האָט זי דערהערט דעם געוויין פון דער ניי־געבאָרענער בייבי...

— מזל טוב!

— מזל טוב! — האָט מען זי בעגריסט פון אלע זייטען.

— מזל טוב. אייער טאָכטער האָט א שעהנעם זוהן געבאָרען.

א ווײַלע איז אננא פערבליעבען ווי א פערשטיינערטע. עס האָט זיך געדאכט, זי בעגרייפט ניט וואָס ארום קומט פאָר, נור באלד איז זי צו זיך געקומען, צוגעלאָפען צו דער קינפּעטאָרין, בעגריסט איהר טאָכטער מיט א פלאַמענדען, ברענענדען קוש, נאכהער איז זי צוגעלאָפען צו דער בייבי, וועלכע איז שוין געלעגען אין א בעזונדער בעטעלע איינגעדעקט אין וואָלענע קוילטס און איז ערשט איינגעשלאָפען מיט דעם ערשטען שלאָף אויף דיזער וועלט.

און ווען אננאַ'ס בליקען זיינען געפאלען אויף דעם פּיטשוטשינקען רויטיקען נפש'ל, האָט איהר געזיכט אויפגעשטראַהלט פון גליק און פרייד... און ראַפּטאָם האָט זי אין א שטילען געוויין ארויסגעפּלאַצט, דאָס איז געווען א געוויין פון גליק, א געוויין פון שמחה, און איהרע טרעהרען, וועלכע האָבען פּייכט געמאַכט איהר שטראַהלענדעס געזיכט, האָבען ערינערט א שעהנעם זומער־רעגען וועלכער טריפט ארונטער פון ריינעם הימעל אָהן וואָלקענס אין פולען זונענשיין.

און דאָס איז געווען אננאַ'ס לעצטע וואַהרע מוטערליכע פרייד פאַר דיזען מערקווירדיגען טאָג. שפּעטער מיט א שטונדע, ווען איינע פון די צוויי נוירסעס האָט צו אננאַ'ן אונשולדיג א זאָג געטהאָן: אָה, ליעבענס־ווירדיגע מאַדאַם זאַרדען, איך האָב נאָך אזא יונגע גראַנד־מוטער אין מיין פּראַקטיק ניט בעגעגענט. זאָ איין יונגע גראַנד־מוטער! — האָט אננאַ'ן פון די דאָזיגע עטליכע ווערטער אין הארצען אָבגעריסען.

„גראַנד־מוטער". ווי שרעקליך, ווי העסליך דיזער וואָרט האָט פאַר אננא'ן אָבגעקלונגען... זי האָט זיך אָבגעקעהרט פון דיזער נוידם, פאַר שרעק אז זי זאָל דיזען וואָרט אַ צווייטען מאָל ניט דערהערען...

גראַנד־מוטער! זי, אננא, איז יעצט אַ גראַנד־מוטער; זי איז יעצט אַ באָבע געוואָרען!

און אויף אננאַ'ס הארצען האָט זיך פּלוצלונג אזוי ווי אַ קאַלטע שטיקענדע שלאַנג, אַ קאַלטער, שטיקענדער אומעט אויסגעשפּרייט. אַלעס ארום איהר, אַלעס וואָס האָט ערשט געשיינט, בעגריסט און געשמייכעלט, אַלעס האָט זיך פערענדערט אין איהרע אויגען; פון אַלעס האָט אויף איהר אָבגעגעבען מיט אַן אומעט, מיט אַ טאַשנאַטע שיין; פון אַלעס האָט אויף איהר מיט אַ קעלט אָבגעאָטהעמט.

ווען אננאַ האָט פאַר איהר אָבפאָהרען אהיים געזעגענט זיך מיט איהר טאָכטער, האָט זי איהר ווידער געקושט, אָבער אין דעם קושען האָט זיך מעהר ניט געפיהלט דער פריהעריגער ברען, דער פריהעריגער מוטערליכער פייער. און ווען די פרוי האָט פאַר איהר ארויסגעהן פון איהר טאָכטער'ס הויז אַ קוק געטהאָן אויף דאָס ניי־געבאָרענע בייבעלע, האָט זי צו דעם זיסען נפש'ל קיין ליעבע געפיהלט — עפּעס אזוי ווי דאָס וואָלט גאָר קיין לעבעדיג וועזען ניט געווען. און דער אומעט, וועלכער האָט זי געשטיקט, איז נאָך שווערער געוואָרען.

אין טריין, פאָהרענדיג אהיים, איז אננאַ זעהר טרויעריג געווען... זי האָט דורכגעטראַכט איהר גאַנץ לעבען, און עס האָט איהר געפלאָגט און געמאַטערט אַ פערדרוס, ווארום זי האָט אזוי יונג געהייראַטה, און זי האָט זיך געוואונשען אז איהר טאָכטער'ס בייבי וואָלט בעסער קיין מאָל ניט געבאָרען געוואָרען.

זי האָט געטראַכט ווי אזוי מאָרגען וועט זי בעגעגענען איהרע מענער־פריינד... ווי אזוי יעדער פון זיי וועט דערוויסען זיך אז זי איז שוין אַ באָבע.. און זי האָט זיך שוין בעצייטענס געפיהלט ווי זיי לאַכען פון איהר אָב, פערלאָזען זי און קעהרען נישט מעהר פאַר איהר...

— נאָט אייך אַ טרונק, באָבעניו, — האָט אַ קינדעריש זילבערנער קול'כעלע אָב־יעקלונגען איבר'ן וואַגאָן, און אננאַ האָט אויפגעציטערט, עפּעס אזוי ווי אַ שלאַנג וואָלט איהר אַ ביס געטהאָן. זי האָט זיך אומגעקעהרט

און דערזעהען, ווי א יונגע שעהן מיידעלע פון א יאהר זעקס, האט צוגעטראגען א גלאז וואסער אן אלטער גרויער פרוי, מיט א געלען, שטארק צוקנייטשטען געזיכט... אננא האט דערפיהלט אז צווישען איהר און דיזער אלטעטשקער איז דא עטוואס אלגעמיינעס, און איבער איהר גאנצען קערפער איז א שוידער דורכגעלאפען.

און דיזע נאכט, ביי זיך אין שלאפצימער, האט מאדאם זארדען ווייטער געוויינט, אבער דאס זיינען שוין ניט געווען קיין טרעהרען פון גליק... דאס האט געוויינט א פרוי, וועלכע האט בעגריפען אז איהר יוגענד איז געשטארבען; דאס האט זיך מיט טרעהרען געשטיקט א יונגע באבע...

VII.

ביים מעבעל געשעפט.

מען איז חתן־כלה... און מען געהט אויס, אזוי ווי עס פיהרט זיך אין ניו יארק. די כלה שטארבט אוועק חתונה האבען — עס איז ניט דערפאר, חלילה, ווייל איהר ליעבע צום חתן איז זעהר ברענענדיג — זי איז נור א פראקטישע מיידעל: מיט איהר חתן געהט זי אויס שוין ביי צוויי יאהר צייט, און ווען איהר חתן וואלט זיך פון איהר ענטזאגט, וואלט זי גערעכענט אז זי האט פערלארען אומזיסט און אומנישט צוויי לאנגע יאהר. זי פערגעסט ניט, אז מען ווערט עלטער ווערט מען ניט אינגער. זי האט צו יעדער צייט אין זינען, אז וואס א מיידעל ווערט עלטער, דעסטא אן ערגערע, א ביליגערע שטיקעל סחורה ווערט זי אין דעם חתנים־מארק, און עס שרעקט איהר ניט אזוי דער געדאנק אנצוואווערען איהר יעצטיגען חתן, ווי זי ציטערט פאר דעם נסיון צו פערטעפענדען נאך א פאאר יאהר אויף „אויסגעהן" מיט אן אנדער חתן...

נור דער חתן איילט זיך ניט צו געהן אונטער דער חופה, ניט דערפאר, חלילה, ווייל ער ליעבט ניט זיין כלה, נור די זעלבע אורזאכע — ער איז אויך פראקטיש.

דעם חתן קימערט שוין וועניג די צוויי יאהר, וועלכע ער האט פערבראכט מיט זיין כלה, איהם שרעקט ניט דער געדאנק, אז עלטערע יאהרען וועלען איהם שטערען צו א שידוך; ווען זיין כלה זאל זיך פון איהם אבטרייסלען, וואלט איהם מעהר באנג געטהאן נאך די פאאר דאלאר, וועלכע ער האט אויף

איהר פערספעקטיוו, אויף די פרעזענטען וועלכע ער האט איהר פאר דער צייט געשענקט, איידער אויף די פערלארענע פאאר יאהר, ווייל ער ווייס גאנץ גוט, אז אין דעם מארקעט פון כלות קוקט מען ניט אזוי אויף די יאהרען פון דעם חתן, ווי אויף זיינע פאאר דאלאר און זיינע פרעזענטען.

חתונה האבען איילט ער זיך ניט, ווייל ער דענקט אז ער פערדיענט נאך צו וועניג. ער וויל האבען עטליכע אבגעשפארטע דאלאר, ער זוכט מיט עפעס צו בעווארענען זיך. ער קוקט אויף דעם פערהייראטהען לעבען ווי אויף א שווערע משא, וועלכע ער נעהמט זיך אונטער צו טראגען אויף זיך. און עס דאכט זיך עפעס אזוי ווי ער וואלט געזוכט צו בעזארגען זיך מיט אזא מין פערד און וואגען אום די דאזיגע שווערע משא צו קענען לייכטער פיהרען — איילט ער זיך ניט חתונה צו האבען.

געברויכט די כלה אלערליי טריקס, אלערליי מאנעווערעס, אום ווי־עס־איז איהר חתן איינצושפאנען אין דעם חתונה־וואגען; געברויכט דער חתן אלערליי טריקס, אלערליי מאנעווערעס אום אין דעם דאזיגען שפאן ניט אריינצוטרעטען.

* * *

א שעהנער זומער־אבענד איז דאס געווען. חתן־כלה האבען ארומ־געשפאציערט איבער די טראטוארען פון א געוויסער ניו יארקער ביזנעס עוועניו. אט קומען זיי פארביי א גרוים און שעהן פערפוצטען מעבעל־געשעפט. אינוועניג אין סטאר, נעבען דעם גרויסען פענסטער, איז אלס „אטרעקשאן" אויסגעפוצט א גאנצע וואהנונג פון פיער צימערן: א קיך מיט אן אויווען, מיט טעפלעך, מיט אלעם וואס עס פערלאנגט זיך נור אין א קיך; א דיינינג־רום, וואו דער פלאאר איז בעדעקט מיט אוילקלאטה, א גרויסער דיינינג־רום טיש, א סעט מיט שטוהלען, א ראקער, א לאונדזש, א שעהנער סייד־באָרד, ראבער־פלענטס א. ז. וו.; א פראנט־רום מיט קארפעט בעדעקט, א פארלאר סעט, בילדער אויף די ווענט; א שלאפצימער מיט א פערבעטער שעהנער בעט, פערבעט מיט צוויי קישעלעך — כאטש נעהם און מוף אריין. און אין דיזע פערפוצטע צימערן הענגען אנאנסען, אז פאר קליינע וועכענטליכע אבצאהלונגען קען יעדער איינער, ווער עס פערלאנגט נור, קריגען אויסגעפארנישט פונקט אזעלכע פיער צימערן.

דער כלה'ס בליקען פאלען אויף דיזע פערפוצטע פיער צימערן הינטער

דעם פענסטער, און גלייך דערשפירט זי א פּאַסענדע געלעגענהייט פאַר זיך צו פערפיהרען א געשפּרעך מיט איהר חתן וועגען דעם וואָס עס טראָבעלט זי.

— זעה נור, אייבי, ווי שעהן עס זיינען דאָ אויפגעפיקסט גאַנצע פיער רומס.

אייבי דערפיהלט אינסטינקטיוו וואוהין זיין כלה ציעלט, און ער ענטפערט גלייך אָב:

— נו, געפונען וואָס צו זעהען, מעבעל!

אוי, זעה אייבעלע, — האַלט צו די כלה איהר חתן ביים רעכטען פענסטער — קוק זיך צו, ווי שעהן, ווי ציכטיג.

— יעס, עס איז ניט מיאוס. — גיט צו אייבי מיט א האַלבען חשק.

— אוי, ווי שעהן, — וואונדערט זיך אימער די כלה — ווי ציכטיג, ווי אנגענעהם. זעה די פראָנט־רום, זעה די בעדרום.... ווי שעהן די בעט איז, צוויי קישעלעך... הפנים פאַר צווייען.

זי שטעלט זיך אָב און קוקט אָן מיט א פערשטיקטען אָטהעם איהר חתן.

אייבי שווייגט.

רעדט זי ווייטער:

— ווי אנגענעהם עס איז צו האָבען אזא מין זים ווינקעלע. פיער זיסע רומקעס, ציכטיג, שעהן. עס פינקעלט אין יעדען ווינקעלע.

אייבי ווערט אונגעדולדיג, ער היט אָבער אָב די רעגעלן פון אויסגעהן מיט א כלה, מאַכט אָן אנגענעהמען שמייכעלע אויף די ליפּען. מיינט די כלה אַז איהר חתן ווערט פעראינטערעסירט מיט איהר רעדען. זי קריעגט אַלץ מעהר און מעהר מוטה, און זי נעהמט שילדערן א שעהן בילד פון א רוהיגען פאַמיליען־נעסט:

— א פערגניגען איז איינצופיקסען אזא היים; עס איז ווי געוואונשען פאַר צוויי מענשען, פאַר מאַן און ווייב. דער מאַן קומט פון דער אַרבייט צו זיך אַהיים, אין זיין אייגען ווינקעלע — רוהיג, שטיל, ליכטיג, ציכטיג... די ווייב קומט איהם אַנטקעגען, העלפט איהם אויסטהון די שאָפּ־קליידער, דערלאַנגט איהם א שלאָפראָק, טופלעס, א האַנדטוך, זייף. ער וואַשט זיך איין, לעגט זיך אוועק אויפ'ן לאָונדזש און די ווייב דערלאַנגט דערוויל סאַפּער צום טיש... און אויב דער מאַן איז א גוטער און פערדיענט, קריעגט ער

נאָך בעפאָר סאפער א פּאָאר ווארימע קושען. מען עסט אָב צוזאמען סאפער אין דעם ליכטיגען דייניננ־רום ביי דעם שעהנעם טיש..

זי טהוט בגנבה א קוק אויף איהר חתן — ער שווייגט. עס דאכט זיך איהר, אז ער איז פערטהאָן מיט זיינע מחשבות אין די שעהנע בילד, וועלכע זי שילדערט. און זי קומט צו אַלץ נעהנטער און נעהנטער צום פסוק:

— איך וואָלט אין מיין דייניננ־רום צושטעלט אנדערש די מעבעל. דאָ איז צושטעלט געוואָרען אָהן א ברעקעל „טייסט". און אין מיין שלאָפצימער וואָלט איך די בעט אנדערש פערבעט...

זי טהוט נאָך אמאָל א בליק אויף איהר חתן, און טהוט ראפּטום א זאָג מיט א פערשטיקט קול:

— זעהסט, אייבעלע, אַט אזוי נעהמט מען און מען פיקסט איין אַן אייגענע היים.

— און געלד? — טהוט א פרעג אייבי — אזוי איינפיקסען א היים דארף אָבקאָסטען א שטיק מיט גאָלד.

— זעהסט ניט? — מאכט איהם אויפמערקזאם די כלה אויף דער אנאָנסע פון דעם מעבעל־געשעפט — זעהסט, מען קען קריגען די שעהנסטע הויז איינגעפיקסט אויף לייכטע אָבצאָהלונגען.

צום סטאָר איז צוגעפאָהרען א גרויסער וואָגען פול מיט מעבעל. פונ'ם סטאָר איז גלייך ארויסגעקומען א מאַן, און חתן־כלה האָבען אונטערגעהערט פאָלגענדען קורצען געשפּרעך צווישען דעם דרייווער פון וואָגען און דעם מאַן פון סטאָר:

— אַלעס צוגענומען? — האָט געפרעגט דער מאַן, וועלכער איז פון סטאָר ארויסגעקומען.

— אַלעס! — האָט דער דרייווער געענטפערט.

— געהאַט עפּעס טראָבעל?

— נאַ, קיין טראָבעל. עפּעס אזא שטילע, רחמנות'דיגע פּאָאר פאָלק... נור זי, די מיסעס פון הויז, האָט זיך צוואוויינט.

— זאָל מען ווייטער ניט נעהמען פאַרניטשור אויף אָבצאָהלען, ווען מען איז ניט זיכער, אז מען וועט ניט קענען צאָהלען. — האָט א זאָג געטהאָן דער מאַן פון מעבעל געשעפט.

אייבי'ס פּנים האָט אויפגעפלאַמט מיט א פּלוצלינגען נצחון.

— דו הערסט, דו הערסט? — האָט דער חתן געוועגדעט זיך צו זיין כלה — דו הערסט, וואָס דאָ טהוט זיך... דאָס האָט מען צוגענומען צוריק מעבעל, ווייל מען האָט ניט געקענט צאָהלען די לייכטע וועכענטליכע אבצאָהלונגען.

די לעצטע עטליכע ווערטער האָט אייבי ארויסגערעדט מיט א בעזונדער בעדייטונג.

— נו, קום, לאָמיר געהן. — האָט די ענטטוישטע כלה אָבגעפיהרט איהר חתן ווייטער פון דעם מעבעל־געשעפט.

VIII.

איהר שטאַרקסטער מיטעל.

קיין זאַך אין דער וועלט איז אזוי ניט פערהאַסט ביי ביטרעס'ען, ווי עס איז פערהאַסט ביי איהר א וויסענשאַפטליכע לעקציע. און נאָך קיין זאַך אין דער וועלט איז לואי, ביטרעס'עס מאַן, ניט אזוי דורשטיג, ניט אזוי להוט, ווי ער איז דורשטיג נאָך א וויסענשאַפטליכער לעקציע.

מען קען נישט זאָגען, אז די ביטרעס איז אַן אויסגעשפּראָכענער שונא פון וויסענשאַפט, און דאָס זעלבע לואי איז גאָר ניט אזא פערברענטער וויסענשאַפטסמאַן, נור די וויסענשאַפטליכע לעקציע איז דער איינציגער ווינקעלע אין דער גאַנצער וועלט, וואו לואי קען פערברענגען א נאַכט און נישט האָבען זיין בעסערע העלפט לעבען זיין זייט. דערפאַר האָט דאָס טאַקע לואי אזוי ליעב צו אטענדען א וויסענשאַפטליכע לעקציע, און דערפאַר טאַקע ווערט ביטרעס'ען אזוי שווער, אזוי נישט אנגענעהם אויפ'ן הארצען ווען זי דערוויסט זיך, אז אין שטעדטעל ווערט געגעבען א וויסענשאַפטליכע לעקציע.

אומעטום און צו יעדער צייט, וואוהין לואי זאָל נישט געהן א ביסעל א פערברענג טהאָן, געהט מיט איהם מיט זיין ביטרעס; און ווי קען דאָס גאָר אנדערש געמאָלט זיין?

לואי און ביטרעס זיינען נאָך גאָר א יונגע פּאָאר פאָלק, קנאַפּע דריי יאָהר נאָך דער חתונה; קיין קינדער זיינען נאָך נישטאָ דערוויל, טאָ ווארום

עפּעס זאָל דער מאַן נאָר אוועקגעהן פערברענגען און די ווייב זאָל אין דער־היים זיצען?

איז דאָ אַ קאָנצערט — געהט מען נאַטירליך צוזאַמען; אויף אַ באָלל — צוזאַמען! שפּאַציערען — צוזאַמען; אין געסט איז דאָך געוויס צוזאַמען.

די פרוי אָלס אַ כלל איז מעהרסטענטהייל געטרייער צו איהר מאַן אייד דער דער מאַן איז צו זיין פרוי. די פרוי'ס ליעבע איז ערנסטער; איהר נשמה איז זויבערער; איהר איבערגעבענהייט איז נישט אָנגעגריפען — נישטאָ קיין זייטיגע רעיונות.

ביטרעס האָט נאָך קיין מאָל נישט אַ טראַכט געטהאָן וועגען פערבלייבען אליין אָהן איהר מאַן; אזא וואונש איז איהר פרעמד, אונבעגרייפליך. זי האָט ליעב איהר מאַן; זי געפינט זיך אימער אונטער דעם בעוואוסט־זיין, אַז לואי און בלויז לואי איז איהרער; זי וואָלט זיך פיהלען פערברע־כעריש געגען איהר מאַן, ווען עס וואָלט איהר נור אויף די געדאַנקען אַרויפ־געקומען אַן אַנדערער חוץ לואי'ן.

נישט אַזוי איז אָבער דער פאַל מיט ר' לואי'ן.

לואי האָט ליעב זיין יונגע, שעהנע ביטרעס; גאַנץ אָפט עררייכט זיין ליעבע די שטופע פון גליהענדער פלאַמענדער ליידענשאַפט, דאָך זיינען דעם מאַן'ס רעיונות נישט איבעריגס זויבער; גאַנץ אָפט ווערט פערשוואונדען ביטרעס פון זיינע געדאַנקען און אַנדערע פרויען פערנעהמען איהר אָרט....

מיט לואי'ס ליעבע צו זיין פרוי קומען פאָר אָפטע רעאַקציעס; אָט פלאַמט אויף זיין ליעבע און ער ווערט באַלד פערברענט פון פערלאַנגען נאָך זיין ביטרעס; ער קען אָהן איהר ניט לעבען; ער ברענט צו איהר מיט אַ גליהענדער שטיקענדער תאוה, זיין גאַנץ לעבען וועט ער אָפּגעבען פאַר זיין ביטרעס. ער קושט איהר אוים יעדעס גליעד, ער ליעבט זי אָהן אַ ברעג, אָהן אַ גרענעץ, ער קען זיך מיט איהר נישט אָנזעטיגען; דערשלינגען וואָלט ער זי!

נאָכהער קיהלט אָפּ זיין ליעבע... טיעף אין הארצען פיהלט ער, אַז זיין ביטרעס ווערט איהם איבערדריסיג.... עס ווילט זיך אוועקגעהן וואו פון איהר.... עס ווילט זיך אַ ווייל פערבלייבען אָהן דער ווייב.... אין די גע־דאַנקען פלאָנטערען זיך אַנדערע פרויען....

און דאַן כאַפּט זיך אָן לואי פאַר דער וויסענשאַפטליכער לעקציע. צו אַ לעקציע האָט זיין ביטרעס נישט ליעב צו געהן.

לואיז איז ניט איבעריגס געבילדעט; אַ ביפעל אַנגעכאַפּט זיך אַלץ נור פון אויבענאויף; גאַרנישט וויים ער גרינדליך, גאַרנישט — טיעף. נור אַנט־קעגען זיין פרוי קען ער שוין שפּיעלען די ראָליע פון אַ גרויסען וויסענ־שאַפטסמאַן; די אָרעמע ביטרעס וויים גאַרנישט; קוים, קוים מיט צרות קען זי זיך דורכקלייבען דורך אַ אידישער צייטונג, און נישט מעהר ווי דורך די לייכטע לעזעשטאָף: אַ ראָמאַן, אַ מעשה'לע אַ שטיקעל איינפאַכע נייעס. דאָס אַלעס, ווייטער געהט זי ניט!

און ערגעץ פיהלט ניט ביטרעס אַזוי שטאַרק דעם ביטערען טעם פון איהר אונוויסענהייט, ערגעץ פיהלט זי זיך ניט אַזוי געפאַלען געגען איהר מאַן, ווי זי פיהלט עס אויף אַ וויסענשאַפטליכער לעקציע.

אויף אַ קאָנצערט, אויף אַ באַלל — אין אַזעלכע מקומות פיהלט זיך ביטרעס ווי אַ פיש אין וואַסער, עס איז איהר וועלטעל. יונג איז זי, דרעסען דרעסט זי זיך שעהן; אַ ביסעל אַ שטיעף טהאָן וויים זי אויך ווי, לויפען נאָך מענער נאָך איהרע טריט, און אויף אַ באַלל פיהלט זי איהר אויבערמאַכט גע־גען איהר מאַן. ווען מען געהט אין געסט, איז ביטרעס אויך געהויבען. די פרויען, מיט וועלכע זי פיהרט בעקאַנטשאַפט, זיינען אַלע איהר גלייכען; עס איז נישטאָ מיט וואָס צו שעהמען זיך פאַר זיי. און די מענער? ווער פון זיי קעהרט פאַר וויסענשאַפט, ווען מען זעהט פאַר זיך אַ שעהן ווייבעלע? אַ פרעהליך קאָקעטקעלע? וואָס זי זאָל דאָרט ניט רעדען, איז אַלעס ביי די מענער זעהר אָנגענומען... נור אויף אַ לעקציע פיהלט זיך ביטרעס זעהר נישט אנגענעהם... זי הויבט ניט אָן צו פערשטעהן אַ וואָרט פון דעם, וואָס דער לעקטשורער שוואַצט דאָרט אויף דער פּלאַטפאָרמע; עס נעהמט איהר לאַנגווייליגען... דער מויל ווערט צוריסען פון געגעצען.... און זי מוז מיט געוואַלד יעדע ווייַלע אויפרייסען די אויגען, אום ניט איינצושלאָפען.... און דאַביי זעהט זי ווי איהר מאַן איז גאָר אַן אַנדער מענש.... ער זיצט פער־אינטערעסירט... ער נעהמט דאָס וואָרט, ער דעבאַטירט.... מקנא איז ביטרעס איהר מאַן.... זי פיהלט זיך ערנידעריגט געגען איהם.... עס דאַכט זיך איהר, אַז זי מוז זיין ביליג אין זיינע אויגען.... און זי האָט ניט ליעב צו געהן צו אַ וויסענשאַפטליכער לעקציע.

געהט לואי אליין — וויל ביטרעס אָבער ניט ליידען.... דאַרטען אויף די לעקציעס האָט זי אָפּט געזעהן גאַנץ פיינע פרויען.... אָפּט זיצען זיי, די דאָזיגע פרויען, הארט לעבען איהר מאַן.... מען בעקאַנט זיך... מען פּער־פיהרט א געשפּרעך.... און ביטרעס'עס פאַנטאַזיע, געשפּייזט פון אייפערזוכט, נעהמט שילדערען דער שד וויים וואָס פאַר א בילדער, און די פרוי פיהלט זיך אונגליקליך, ווען איהר מאַן דערמאָהנט נור, אז ער קלייבט זיך צו געהן צו א לעקציע.

און ביטרעס געברויכט אַלערליי מיטלען, אום צו פערהאַלטען איהר מאַן אין דער היים און ניט דערלאָזען איהם, ער זאָל אוועק צו דער פערהאַסטער וויסענשאַפטליכער לעקציע.

מאַנכעס מאָל מאַכט זי זיך קראַנק... עס צו־וועהטאָגט איהר פּלוצלונג דער קאָפּ... בלייבט לואי לעבען איהר... נו, מען קען דאָך נישט אוועקגעהן פון הויז, ווען א פרוי פיהלט זיך ניט מיט אַלעמען... נור דיזען מיטעל האָט ביטרעס נישט איבעריגעס ליעב צו געברויכען.... ווען זי טהוט אַזוי... זעהט זי פּליין, אז איהר מאַן פערדעכטיגט איהר טריק... ער פערבלייבט אפילו אין דער היים, אָבער זי פיהלט, אז זיין הארץ ווערט אָנגעפילט מיט ביטער־רען האס צו איהר... און זי האָט דיזען מיטעל נישט ליעב. מאַנכעס מאָל פּרובירט זי ערוועקען אין איהם אייפערזוכט... אין דעם אבענד, ווען ער דאַרף געהן צו א לעקציע, פּערפּוצט זי זיך ווי וויים מעגליך שעהן און רייצענד.

— וואוהין פּוצטו זיך דאָס אזוי אוים ? — פרעגט געוועהנליך לואי.

— איך דאַרף א געה טהאָן צו אימיצען — זאָגט זיך אָפּ ביטרעס און סטאַרעט זיך דאביי אויסקוקען ווי וויים מעגליך געהיימניספאָלל און עס פּאַסירט גאַנץ אָפּט, אז לואי האָט חרטה אויף זיין לעקציע און געהט צוזאַ־מען מיט זיין פרוי.... נור דער ראַדיקאַלסטער, דער שטאַרקסטער מיטעל ביי ביטרעס'ען איז דער מיטעל צו ווירקען אויף איהר מאַן'ס מעהר איינ־פאַכע געפיהלען; געוועהנליך טהוט זי דאָס אויף אזא מין אַרט:

דעם אבענד, ווען לואי דאַרף געהן צו א לעקציע, פּאַסירט שוין אזוי, אז ביי ביטרעס'ען קלייבט זיך אָן וועש צו ביגלען. הייצט זי אָן דעם אויוען צוליעב די ביגעל־אייזענס אזוי, אז עס ווערט אין קיך אונערטרעגליך היים, און דאַן וואַרפט זי פון זיך אַרונטער די ווייסטעל, כלומר'שט וויל

זי קען די היץ נישט אויסהאַלטען ; אויב עס איז נישטאָ וואָס צו בּיגלען, פּערגלוסט זיך פלוצלונג ביטרעס'ען אויסוואַשען איהרע האָאָר. אַלענפאַלס פּאַסט זי שוין אויף אַזוי, אז ווען איהר לואי קומט דיזען אבענד אהיים פון דער ארבייט, טרעפט ער זיין ביטרעס'ען האַלב נאַקעט, און ווען לואי דער־זעהט זיין פרוי'ס ווייסען, קלאָהרען, שעהנעם נאַקעטען לייב, ווען ער קוקט זיך צו צו איהרע פולע, רונדע, רייצענד־שעהנע פאָרמען, ווערט ער עפּעס גאָר אַן אנדער מענש. וועגען זיין לעקציע פערגעסט ער זיך אין גאַנצען, זיינע אויגען צינדען זיך אָן מיט פייערלעך און ער כאַפּט זיין פרוי ליידענשאַפטליך האַלזען און קושען....

— וועה איז מיר, ווי איך בין אויסגעטהאָן — ווערט ביטרעס פער־שעהמט, און די גנב'טע מאכט עס אָפּ אַזוי קינסטליך, דאָס לואי מיינט טאַקע, אַז זיין ביטרעס איז אַן אמת'ע צנועה...

און ביטרעס כאַפּט אויף זיך ארויף שנעל אַ ווייסטעל.... נור אום ניט אָפּצוקיהלען איהר מאַן'ס ברענענדע געפיהלען, נעהמט זי איהם דערצעהלען אויפרעגענדע מעשה'לעך... אָט דערצעהלט זי, ווי צו די פראַנט, ווען דער מאַן פאָהרט אוועק וועגען ביזנעס אויף אַ פּאָאר טעג, קומט צו דער פרוי אריין עפּעס אַ מאַן, וועלכער פערבלייבט דאָרט ביז שפּעט אין דער נאַכט. און ביטרעס טהוט אַפרעג, דאכט זיך, זעהר אונשולדיג :

— וואָס טהוט דער מאַן אַזוי שפּעט ביי דער שכנה צו די פראַנט ?

אָדער ביטרעס דערצעהלט, אַז ווען זי כאַפּט זיך אויף פון שלאָף, הערט זי אַלעס, וואָס די פּאָאר פאַלק פון „נעקסט דאָר" רעדען אין בעט אָדער ביטרעס טהוט אַ זאָג :

— אוי, לואינקע, די מיסעס לאַפּטשוך פון ערשטען פלאָאר איז אַזאַ מין פּאַסקודנע, וואָס זי צורעדט.... אוי, וואָס פאר אַ מין מיאוס'ען מויל דאָס האָט. אַן עלטערע פרוי און זאָל רעדען וועגען אַזעלכע זאַכען....

לואי ווערט נייגעריג און פרעגט :

— וואָס ? דערצעהל, ביטרעסיל, וואָס זי רעדט.

און ביטרעסיל דערצעהלט, און לואי הערט זיך צו, און צו דער לעקציע געהט ער שוין ניט — ער פערבלייבט די נאַכט אין דער היים, לעבען זיין פרוי — און דאָס איז ביטרעס'עס שטאַרקסטער מיטעל, דורך וועלכען זי ער־רייכט כמעט תמיד איהר צוועק.

IX.

דאָס הארץ זאָגט.

מיר זיינען געווען אַ גאַנצע קאָמפּאַניע און אַלע האָבען מיר פערצווייגען אַן אַלגעמיינעם געשפּרעך וועגען דער טהעמאַ: אויב עס איז ווירקליך פאַראַנען עטוואָס אַ ממשות אין דעם וואָס מען זאָגט: „דאָס הארץ זאָגט"; עקזיסטירט ווירקליך עטוואָס אַזוינס, וואָס מען רופט אָן: פאָרגעפיהל.

קיינער פון אונז איז ניט געווען פון די, וועלכע זיינען גענייגט צו גלויבען אין זאכען, וועלכע דער געזונדער פערשטאַנד בעגרייפט ניט. דאָך האָט יעדער פון אונז געהאַט צו דערצעהלען עטוואָס אַזוינס, וואָס האָט געמאַכט צו דענקען, אַז עס עקזיסטירט עפּעס יאָ אַזאַ מין געהיימע אונבעגרייפליכע קראַפט, עטוואָס וואָס מען רופט אָן „פאָרגעפיהל".

אין אונזער געזעלשאַפט האָט זיך געפונען אַ מאַן אין די מיטעלע יאָהרען, איינער אַ הערר בערצייג.

די גאַנצע צייט וואָס מיר האָבען גערעדט, און יעדערער פון אונז האָט דערצעהלט פערשיעדענע געשיכטעלאַך, איז דיזער הערר בערצייג געזעסען שווייגעדיגערהייט און צוגעהערט זיך מערקווירדיג אויפמערקזאַם.

אייניגע פון אונז, וועלכע האָבען נעהענטער געקענט זיך מיט דיזען בערצייג, האָבען זיך באמת געוואונדערט מיט זיין אויפמערקזאַמקייט. די וועלכע האָבען דיזען הערר גוט געקענט, האָבען גיכער ערוואַרטעט, אַז דער מאַן וועט בעטראַכטען די טהעמאַ פון אונזער אַלגעמיינעם געשפּרעך, אַלס אַ נאַרישע קינדערשע פּלאַפּלעריי און אָנשטאַט אויפמערקזאַמקיים האָט יעדערער פון בערצייג'ס נעהענטערע בעקאַנטע ערוואַרטעט, אַז אָט־אָט וועט דער מאַן אויספּלאַצען אין אַ געלעכטער און וועט מיט אַ פּאָר שניידענדע אָפּלאַכענדע פראַזען, מיט וועלכע דיזער מאַן האָט צו יעדער צייט ליעב געהאַט צו וואַרפען זיך און מיט אַ גיפטיגען סאַרקאַזם אַלעמען אָפּגיסען ווי מיט קאַלטע וואַסער.

און האָט מען דען אַנדערש געקענט ערוואַרטען?

בערצייג! אַזאַ קאַלטער מענש, מיט אַזאַ קאַלטען הארצען און קאַלטען פערשטאַנד! דיזער מאַן האָט נאָך אין זיינע קינדערשע יאָהרען עט־

ליבע מאָל פערוואָטען זיך, אז ער וועט האלבע נאַכט אליין ארומוואנדערען אויף א בית עולם צווישען קברים, און ער האָט אימער זיין וועטע געוואונען... געבילדעט, אונערשראָקען, ווייט פון יעדען שפור פון אירגענד וועלכען עס איז ארט פון אבערגלויבען אָדער סענטימענטאליטעט, דיזער מאַן, וועלכער האָט נאָך צו דעם געהאט א זאָנדערבארען דורשט אימער ביי יעדער גלעגענהייט אָפּצולאַכען פון יעדען בעגריף וואָס איז ניט אין איינקלאַנג מיט זייער אייגענע בעגריפע — האָט מען דען געקענט פון אזא מין מענשען ערווארטען א געדולדיגע אויפמערקזאמקייט צו אלע אונזערע געשיכטען, וועגען פערשיעדענע פּאסירונגען, וועלכע עס בעווייזען, אז עס איז יע דאָ עטוואָס אזוינס וואָס עס הייסט פאַרנעפּיהל?

און דאָך האָט בערצייג די גאנצע צייט צוגעהערט זיך צו אונזער אלגעמיינעם געשפּרעך, מיט דעם טיעפּסטען אינטערעס אויסגעהערט יעדענס געשיכטען און ווען מיר זיינען אלע אנשוויגען געוואָרן, האָט ער געזאָגט צו אונז:

— און יעצט וועל איך אייך דערצעהלען עטוואָס אזוינס, וואָס מיט מיר זעלבסט האָט פּאסירט, און וואָס איך קען עד היום אין קיין פאל ניט בעגרייפען.

בערצייג האָט גענומען שנעל דעררויכערען דעם סיגארעטעל, וועלכען ער האָט געהאט אָט ערשט אָנגעצונדען, און מיר אלע זיינען געזעסען מיט פערשטיקטע אטהעמס און האָבען ערווארטעט וואָס דער מאַן וועט אונז דערצעהלען.

בערצייג האָט זיין סיגארעטעל א שליידער געטהאָן נישט א דעררויכערטען, און אין זיינע פער'חלום'טע אויגען און אויף זיין גאנצען פנים האָט מען געקענט זעהען ווי דעם מאַן'ס נשמה האָט אוועקגעשוועבט אין א וועלט פון ווייטע, ווייטע עראינערונגען און דורכגעלעבטע חלומות.

— איהר הערט — האָט בערצייג אָנגעפאנגען זיין ערצעהלונג — איהר הערט, פּאסירט האָט דאָס מיט מיר, ווען איך בין נאָך יונג געוועזען. עס איז שוין א געשיכטע פון א יאָהר צוואנציג. און דאָך, ווען איך טראכט נור וועגען דעם, פיהל איך מיך, ווי איבער מיין גאנצען לייב געהט אריבער ווי א שוידער. צו יענער צייט האָב איך א מיידעל געליעבט; סאָפיע האָט זי געהייסען; איהר פאמיליען־נאָמען איז געוועזען: לאמבערג.... א זעלטען־שעה־

נע ברונעטקע פון א יאָהר צוואַנציג. איך בין אָט פאר דיזער פריילין לאַמ־בערג באַלד משוגע געוואָרען, — איהרע צוויי שווארצע פייער־ברענענדע אוי־גען האָבען אין מיין הארצען אויף אייביג צוויי וואונדען אויסגעברענט.

דיזע ליעבע מיינע איז געווען נישט קיין גליקליכע, ווייל איך בין שוין דאַן געווען א פערהייראטהער מאַן און א פאָטער פון צוויי קליינע קינדער.

איין מאָל איז סאָפיע געקומען צו מיר אהיים מיט א בעזוך; מיין פרוי, וועלכע האט פון אונזערע פערהעלטניסע קיין שום בעגריף נים געהאט, איז צו אונזער גאסט זעהר צארט און פריינדליך געווען און מיינע צוויי קליינע קינדערלאך האָבען זיך די גאנצע צייט געלאשצעט צו איהר, געקראָכען איהר אויף די קניע און געקושט איהר שעהנעם, כמעט קינדערשען געזיכט.

פאר׳ן אוועקגעהן, ווען סאָפיע איז אויף א ווײַלע פערבליבען מיט מיר אויג אויף אויג, האט זי מיר געזאָגט מיט א שטימע, וועלכע איז פערשטיקט געווען פון געפיהלען:

— איך וויל, אז דער יעצטיגער מאָל זאָל זיין דער לעצטער מאָל וואָס מיר זעהען זיך...

— סאָפיע! — האָט איך כמעט ווי אויסגעשריען א העכסט ער־שטוינטער.

— איהר דארפט מיך פערגעסען — האָט זי מיר נישט געלאָזט דערריי־דען — איהר זאָלט מיך פערגעסען...איהר זאָלט צו מיר ניעמאלס מעהר קומען....

— ווארום?

זי האָט גאָר נישט געענטפערט, אָנגעציינט אויף מיינע צוויי קינדער; איהרע אויגען זיינען מיט טרעהרען פערלאָפען און זי האט זיך פון מיר אָפּ־געקעהרט.

איך האב מיין סאָפיע׳ס בימע ערפילט אויף אזוי פיעל, וויפיעל איך האב נור געקענט...איך האב זי מעהר קיין מאָל נישט בעזוכט.... נור פערגע־סען? פערגעסען האָב איך זי נישט געקענט, צופיעל, צופיעל האָב איך זי ליעב געהאט.

אייינגע יאָהרען זיינען אריבער און איך האב פון סאָפיע׳ן פערלאָרען יעדען שפור. איך האב נור געוואוסט, אז די פאמיליע לאַמבערגס זיינען ארויסגעפאָהרען נאָך פילאדעלפיא און דאָרטען געפינען זיי זיך.

דורך געוויסע ביזנעס אנגעלעגענהייטען האָט שפּעטער מיט איינינע יאָהר אזוי פּאַסירט, דאָס איך פלעג גאַנץ אָפט מוזען בעזוכען פילאדעלפיא און איך פלעג אימער טראַכטען, אז ווען איך וועל זיין אין פילאדעלפיא, זאָל איך אונבעדינגט אויסגעפינען דעם אדרעס פון די לאַמבערגס און ארויפגעהן זעהען וואָס עס מאַכט סאָפיע, אָבער תמיד ווען מיר פלעגט נור אויסקומען זיין אין פילאדעלפיא, פלעג איך זיין אזוי פערדרעהט אין ביזנעס, אז איך פלעג פערגעסען אָן די לאַמבערגס, און ווען איך פלעג שוין פאָהרען צוריק אין ניו יאָרק, פלעג איך זיך ערשט אָן מיין סאָפיע'ן דערמאָנען.

איין מאָל, זייענדיג אין פילאדעלפיא, און לויפענדיג אין גרויס איילע־ניש איבער א געוויסער פילאדעלפיער סטריט וועגען געוויסע ביזנעס אנגע־לעגענהייטען, האָט מיר פלוצלונג עפּעס ווי א קלאַפּ געטהאָן איבער'ן האַר־צען, און דער איינדרוק איז געווען אזוי שטאַרק, אז איך האָב זיך געמוזט אָפּשטעלען.

נאָכדעם ווי איך בין א ווייל'ע געשטאַנען, אליין ניט וויסענדיג וואָס מיט מיר טהוט זיך, האָב איך געוואָלט ווייטער געהן.... נור קוים האָב איך עטליכע טריט געגעבען, האָט עפּעס א שוואַכער אומעט ארומגעכאַפּט מיין האַרץ.... עפּעס אזוי ווי איך וואָלט פערלאָרען עטוואָס וואָס איז פאַר מיר זעהר טהייער געווען; איך האָב זיך נאָך א מאָל אָפּגעשטעלט.... עס איז מיר ארויף א געדאַנק: פּיעלייכט האָט אויף דיזען אָרט ווען ניט ווען מיט מיר עפּעס פּאַסירט, און אַן אינסטינקטיווע אונבעוואוסטע עראינערונג האָט דאָס אויף מיר אזא מאָדנע ווירקונג געמאַכט; איך האָב זיך גענומען גוט ארומקוקען.... די סטריט איז מיר גוט בעקאַנט געווען; כמעט יעדעס מאָל וואָס איך פלעג דאָ אין שטאָדט זיין, פלעגט מיר אויסקומען דיזע נאָכבאַר־שאַפט בעזוכען.... אָבער איך האָב בשום אופן נישט געקענט דערמאָנען זיך אָן אירגענד עפּעס וואָס עס זאָל מיך צו דיזען אָרט אזוי מערקווירדיג צו־בינדען, און אזוי טראַכטענדיג איז מיר ארויף א געדאַנק אריינצוקוקען אין די לעטער באָקסעס פון דער הויז לעבען וועלכער איך בין געשטאַנען אזוי ווי אין א צויבערקרייז.

איך בין אין „וועסטיבול" אריין, גענומען לעזען די אויפשריפטען אין די לעטער־באָקסעס....

„לאַמבערג" — האָב איך איבערגעלעזען...

און מיין הארץ איז אויף א ווײַלע געבליבען שטעהן שטיל פון ער־שטוינונג....

לאמבערג! יעס.... דאס מוזען זיי זיין... איהר פאמיליע... מיין סאפיע וואהנט דא.

ווען איך האב געוואלט א רינג טהאן דעם בעלל, האט מיין האנד א ציטער געטהאן. און ווידער האט א שווערע, אונערטרעגליך שווערער אומעט מיין הארץ ארומגעכאפט.

אונדײַטליך האט עפּעס מיך שרעקען גענומען און אלץ שטארקער האט דער געפיהל פון שווערען, האפנונגסלאזען טרויער מיין הארץ אזוי ווי מיט צוואנגען געדריקט און געדריקט... איך האב דערפיהלט ווי טרעהרען נעה־מען מיך שטיקען אין האלז.

איך האב דעם בעלל אנגערונגען... די טהיר אין האלל האט זיך גע־עפענט... מיט א קלאפענדען הארצען האב איך גענומען אויף די טרעפען געהן... אן אונבעקאנטע פרוי האט א טיהר געעפענט.... די אויגען פון דער פרוי זיינען געווען פערוויינט... און ווען איך האב א בליק געווארפען דורך דער אפענער טיהר, האב איך דערזעהען ווי אינוועניג אין הויז בע־קלאגט מען א פערשטארבענעם....

קאלטע טראפענס שוויים זיינען מיר איבער מיין גאנצען לייב ארויס־געקומען....

— האט איהר דעם בעלל געקלונגען? — האט די פרוי אין טיהר גע־פרעגט.

— יע... וואו וואהנען דא די לאמבערגס? — האב איך געפרעגט מיט א פערשטיקטען אטהעם.

— דא....

— איז ביי זיי אימיצער געשטארבען?

— זייער עלטערע טאכטער.

— סאפיע?!

— יעס, סאפיע — האט די פרוי געענטפערט.

מיט עטליכע שטונדען שפעטער האב איך צוזאמען מיט דער פאמיליע לאמבערג בעגלייט מיין שעהנע ליעבע סאפיע צו איהר אייביגער רוה...

געשטארבען איז זי פון טיפוס. און מען האט מיר דערצעהלט — ווען

זי פלעגט אין פיבער ברענען, פלעגט זי אָפט מיין נאָמען דערמאָנען און פאַר'ן רעכטען טויט האָבען איהרע האַלב אָפּגעשטאָרבענע ליפּען געשעפּטשעט:

„דאָס הארץ זאָגט מיר ער וועט מיך קומען זעהען... בעפאָר מען וועט מיך אין קבר לייגען"...

X.

די פערדאַמטע מאָסקיטאָס.

ער האָט זי היים געליעבט, נור אזוי ווי ער האָט פון איהר קיין געגענזייטיגע ליעבע ניט בעגעגענט, האָט ער זיינע ברענענדיגע ליידענשאַפטליכע געפיהלען פאַר איהר קיין מאָל ניט אויסגעדריקט, און ער האָט אימער בעהויפּטעט, אז ער איז איהר נור א גוטער איבערגעבענער פריינד, און ליעבט זי נור, ווי עס ליעבט א ברודער א שוועסטער.

דאָס איז געוועזען א שעהנער, זעלטען־שעהנער זומער־אבענד, ווען זי האָט איהם געבעטען ער זאָל מיט איהר א ווײלע דורכגעהען זיך דרויסען אויף דער פרייער לופט.

ער האָט דיזע איינלאַדונג גערן אָנגענומען, און אזוי האָבען זיי א לענגערע ווײלע ארומגעוואַנדערט איבער פערשיעדענע סטריטען.

ביידע זיינען זיי געוועזען פערטיעפט אין א גאַנץ אונשולדיגען געשפּרעך און עס איז זיי ביידע גלייך, דאכט זיך, גאָר אין קאָפּ ניט געלעגען ארומצושפּאַציערען אויף א בעשטימט־אויסגערעכנעטען וועג. דאָך האָט דאָס עפּעס אזוי פּאַסירט, אז זיי האָבען צוגעשפּאַציערט צו א שעהנעם פּאַרק.

די נאַכט איז געוועזען שעהן, ווי א שעהנע פאַנטאַזיע.

די מכשפה, די לבנה, האָט אויף אַלעם פון דער פולער האַנד געוואָרפען איהרע זילבערנע שטראַהלען: אויף די הויכע שטאָלצע בוימער, אויף די ווייטע גרינע לאָנקעס, און דער גאַנצער פּאַרק איז געוועזען פול מיט סודות און מיט טרוימען.

זיי האָבען געפּרובירט ווייטער אָנגעהן מיט זייער אָנגעפאַנגענעם געשפּרעך... אומזיסט! עס האָט זיך עפּעס א וואָרט צו א וואָרט ניט געקלעפּט, און באַלד האָבען זיי ביידע געשוויגען אין שטומער ענטציקונג.

פאר זייערע אויגען האט זיך אוועקגעצויגען א ברייטע ווייטע גרינע פעלד... ווייט ביי די ברעגען האט זיך דיזע פרייע פעלד מיט'ן פער'חלום'טען הימעל בעהעפט, און דארטען ביים רעכטען הימעל האבען זיך געזעהן הויכע בוימער, וועלכע האבען יעצט אויסגעקוקט ווי א מחנה געהיימניספולע גייסטער.

זיי האבען זיך צוגעזעצט אויף איינעם פון די ביינקלעך, וועלכע זיינען געווען דא און דארט איבער דעם ווייטען פעלד צואווארפען.

און זיי האבען גארנישט גערעדט.

ער האט זי אנגעקוקט...

ווי שעהן, ווי צויבערליך, ווי רייצענד שעהן זי איז יעצט אין זיינע אויגען געווען.

זיין ליעבע צו איהר, זיין ברענענדע ליעבע, וועלכע ער האט אימער אין צוים געהאלטען; זיין ליעבע איז יעצט פריי געווארען און איהם אין גאנצען בעהערשט.

א ברענענדע לײדענשאפט האט ווי מיט א פלאם פייער זיינע בלוטען אנגעצונדען...

ער האט זיך אנגעבויגען צו איהר, קושען האט ער געוואלט איהר שעהנעם פנים.

זי האט געטראגען א סיילאר־העט מיט ווייטע ברימס, און דאס האט איהם געשטערט צו קושען זי, און ער האט א זאג געטהאן מיט א פער־שטיקטער שטימע:

— א מאדנע העט טראגט איהר...

זי האט אויף איהם א לאנגזאמען בליק געווארפען... א רייצענדער ארויסרופענדער שמייכעל האט זיך אויף איהרע ליפען צושפיעלט... און זי האט איהר הוט אויסגעטהאן...

— איז יעצט בעסער? — האט זי געפרעגט.

— יעס, בעסער!

ער האט איהר א קוש געטהאן, און זי האט גאר ניט געהאט דאגעגען.

האט ער זי אין זיינע ארעמס גענומען. זי האט זיך ניט געװערט, און ער האט איהר אהן אן אויפהער ברענענד געקושט אין שטערן, אין די אויגען און אין שעהנעם ווייסען האלז.

אַה ! — האָט ער ראַפּטום אַ שמערצליכען געשריי געטהאָן.

— וואָס איז ? — האָט זי איהם אָנגעקוקט.

— אין אייער ווייסטעל זיינען אנשטאט באָטענס פול פינס... איך האָב זיך צושטאָכען.

— זעהר ו'עכט. — האָט זי זיך צולאַכט.

און זי האָט אַלע פינס ארויסגענומען.

ער האָט איהר אָנגעקוקט... איהר פנים האָט געפלאַמט... איהרע אויגען האָבען געפינקעלט...

און ער האָט גענומען בענעהמען זיך פרייער און פרייער... זי האָט אַ פּאָאר מאָל אויפגעציטערט, נור זי האָט ניט פּראָטעסטירט.

— מיין ליעבע, מיין טהייערע, לעבען מיינער. — האָט ער זי שטארקער און שטארקער געדריקט אין זיינע אָרעמס.

— גיב מיר אַ קוש. — האָט ער זיך געבעטען.

זי האָט אַ שמייכעל געטהאָן, און איהם אַ קוש געגעבען.

זיינע זויגען האָבען ווי צוויי בליצען אויפגעפלאַמט.

ער האָט זיך ארומגעקוקט...

— לאָמיר זיך זעצען אויפ'ן גראָז. — האָט ער געזאָגט מיט אַ שטימע, וועלכע איז פערשטיקט געווען פון ברענענדער, גליהענדער תאוה.

ער האָט זיך אויפגעהויבען... זי איז געבליעבען זיצען מיט אַן אראָב־געלאָזענעם קאָפּ, מיט האַלב־צוגעמאַכטע אויגען.

— קומט !

זי האָט זיך אויפגעהויבען פון איהר אָרט אויטאָמאַטיש, עפּעס אַזוי ווי נגד איהר אייגענעם ווילען.

פון ווייטענס האָט זיך בעוויזען אַ שפּאַציערענדע פּאָארעל.

— זעהט נור, אימיצער קומט. — האָט זי אויפגעציטערט.

— יעס, איך זעה...

ער האָט אַ קוק געטהאָן אהין וואו דער פעלד האָט דעם הימעל עררייכט און וואו די הויכע ביימער האָבען פער'חלומ'ט געדרעמעלט.

— קומט !

— וואוהין ?

— דאָרט, צווישען די ביימער.

ער האָט זי פאַר אַ האַנד גענומען, און זי איז אוועק מיט איהם, עפּעס אזוי ווי זי וואָלט געווען אַ מענש אָהן אַ ווילען.

אָט ענדיגט זיך דער ווייטער פעלד... צווישען די בוימער קומען זיי אַ־יין, צווישען די געדיכטע בוימער. טויט, שטיל, פינסטער!

האָבען זיי הפּנים אָנגעריהרט אַ נעסט פון מאָסקיטאָס.

וואָס ווייסען מאָסקיטאָס פון ליעבע?!

אַ גאַנצע אַרמעע פון פליהענדע מזיקים׳לעך האָבען זיך אַ וואָרף געטהאָן אויף די צוויי געליעבטע, גענומען בייסען זיי אָהן רחמנות און אַרויסטרייבען די ליעבע פון זייערע הערצער.

זי האָט די ערשטע געכאַפּט די פּיס אין די הענד און — מאַרש פון צווישען די בוימער אַרויס! ער — נאָך איהר, און די צורייצטע מאָסקיטאָס נאָך זיי ביידען...

דער צויבער איז אַריבער!

זי האָט זיך פּלוצלונג געכאַפּט, אַז עס איז שוין שפּעט, אַז זי מוז אַהיים געהן.

אַן אומעטיגער, אַן ענטטוישטער, צוביסען און צוריסען פון מאָסקיטאָס, האָט ער זי אַהיים בעגלייט.

און ווען ער איז נאָכהער צוריק איינער אַליין געגאַנגען, האָט ער בייז און צורייצט געמורמעלט:

— די פערדאַמטע מאָסקיטאָס!

XI.

די בלאָנדע בייבי.

מיין פריינד ריי האָט מיר אַמאָל דערצעהלט פון אַ מערקווירדיגען פאַל פון אַ צוזאַמענטרעפען זיך צווישען אַ פאָטער און אַ זוהן.

די גאָלדוואַסערס, אַזוי האָבען געהייסען די יעניגע מיט וועמען דיזער מערקווירדיגער פאַל האָט פּאַסירט, זיינען געווען ריי׳ס נאָהענטע בעקאַנטע.

די דערצעהלטע געשיכטע האָט אויף מיר געמאַכט אַזאַ מין שטאַרקען איינ־

דרוק, דאָס איך האָב נור געוואָלט מיט די מענשען זיך בעקענען, און מיין פריינד ריי האָט מיר צוגעזאָגט ביי דער ערשטער בעסטער געלעגענהייט מיין וואונש צו ערפילען.

איינמאָל, ווען איך און ריי זיינען צוזאמען אויף א געוויסען באָלל געוועזן, האָט מיין פריינד מיר אָנגעצייגט אויף א מאַן פון א יאהר עטליכע און פערציג, וועלכער איז געזעסען ביי א טישעל און א גלאָז ביער געטרונקען:

— איהר זעהט, דאָס איז ער, דער הערר גאָלדוואסער.

— ווער? — האָב איך געפרעגט — וועמען מיינט איהר?

— דאָס איז דער פאטער פון דעם זוהן.

איך האָב זיך גלייך דערמאָהנט ווער דער גאָלדוואסער איז, איך האָב מיין פריינד ניט געלאָזט ווייטער רעדען, און געבעטען איהם, ער זאָל מיך זאָפאָרט פאַר זיין בעקאַנטען פאָרשטעלען.

עס האָט גענומען אפשר א קנאַפּע האַלבע שטונדע, און איך און מיין נייער בעקאַנטער, הערר גאָלדוואסער, האָבען שוין געשמועסט וועגען דעם מערקווירדיגען פאַל, וועלכער האָט מיך געמאַכט אזוי נייגיעריג.

— פליז, — האָב איך זיך געבעטען ביי מיין נייעם בעקאַנטען — איך בעט אייך, דערצעהלט מיר די גאַנצע געשיכטע. עס איז מערקווירדיג אינטערעסאַנט.

— יעס, האָט געענטפערט מיין נייער בעקאַנטער — איך וועל עס גערן טהון. איך דערצעהל עס יעדען איינעם, יעדען איינעם ווער עס וויל מיך נור אויסהערען. מיר איז דאָס אנגענעהם, ווייל יעדעס מאָל וואָס איך רעד זיך אויס, פאַלען מיר ארונטער שטיינער פון הארצען, און ווייטער בין איך אויסען אז מיין געשיכטע זאָל דיענען אַלס א ניצליכער גוטער ביישפּיעל.

הער גאָלדוואסער האָט דערטרונקען זיין גלאָז ביער, או ער האָט גלייך גענומען אין איינפאַכע קורצע פראַזען זיין געשיכטע פאַר מיר צו דערצעהלען.

— מיין פרוי, — האָט מיין נייער בעקאַנטער אָנגעפאַנגען זיין ער־צעהלונג — מיין פרוי האָט געהייסען פּאַולינע. איך האָב זי שטאַרק ליעב געהאַט... איך בין אָבער אויך געווען אַן אייפערזיכטיגער מאַן... איך האָב מיין פרוי גערעוונירט צו יעדען איינעם. עס איז גענוג געווען פּאַולינע זאָל מיט א מאַן אויסרעדען עטליכע ווערטער, און איך בין שוין געווען צו דעם מאַן אייפערזיכטיג... דערהויפּט האָב איך זי פערדעכטיגט צו אונזערען

א פאמיליען־פריינד, אן אפּטער אריינגעהער צו אונז אין הויז, א בלאנדין פון עטליכע און צוואנציג יאהר, סטאן האט ער געהייסען.

מיין פערדאכט האט מיך שרעקליך געפּלאגט, איך בין געווען זיכער, אז מיין פרוי איז מיר אונטריי און געפינט זיך אין צו נאהענטע פערהעלטניסע מיט דעם דאזיגען בלאנדין.

עס איז געקומען א צייט, ווען פּאאולינע האט בעדארפט מוטער ווערען, דאס האט געזאלט זיין אונזער ערשטע קינד. ווען איך האב מיין פּאולינע'ן געהייראטה, פלעגט דער געדאנק וועגען דעם קומען פון א קינד אנפילען מיין הארץ פון פרייד און גליק... און יעצט, ווען די צייט איז געקומען, האט זיך אין מיין קאפּ אריינגעכאפּט א שווארצער, א שרעקליכער געדאנק; עפּעס א שווארצער טייפעל האט מיך געמאכט צום פערדאכטען, אז דאס קומענדע קינד האט אן אנדער פאטער, און אנשטאט גליק און פרייד האט מיין הארץ געפּלאגט א שווער געפיהל פון א קאלטען שרעק.

יעצט וועל איך אייך עפּעס דערצעהלען... קוקט מיך גוט אן; זעהט ווי שווארץ מיינע האאר זיינען, זיינען מיין פּאאולינע'ס האאר נאך שווארצער געווען. און ווען איך האב מיט מיין פּאאולינע'ן געהייראטה, פלעגען אונזערע פריינד אונז ליעב האבען צו רופען: די ציגיינערשע פּארעלע.

פּאאולינע האט א באי געבארען.

און ווען איך האב דאס קינד דערזעהען, האט מיר די בלוט אין קאפּ א קלאפּ געטהאן...

דאס קעפּעלע פון דעם קינד איז געווען בעדעקט מיט לאנגע ליכטיג־בלאנדע האאר...

„סטאן'ס קינד!" — האט מיר א קלאפּ געטאן איבער'ן הארצען. איך בין ווילד געווארען... איך האב דערפיהלט א בעגעהר צו דערשטיקען דאס קינד, צו דערשטיקען מיין פרוי... איך האב אבער דאס ניט געטהאן... איך האב נור א שליידער געטהאן דאס קינד צו מיין פרוי, און מיט א פערשטיקט קול אויסגעשריען:

— סטאן! סטאן'ס קינד!

די קינפּעטארין האט מיך אנגעכאפּט פאר א האנד. זי האט קיין איין ווארט ניט געקענט ארויסרעדען... נור א מאדנעם בליק האט זי אויף מיר געווארפען... נעווער, נעווער אין מיין לעבען וועל איך אט דעם דאזיגען

בליק פערגעסען. איך האָב זיך אַרויסגעריסען... אַרויסגעלאָפען פון הויז, און ניט מעהר צוריקצוקומען.

איך בין אַוועקגעפאָהרען זעהר ווייט פון דעם שטעדטעל וואו מיין היים איז געווען.

ניט איינינע וואָכען שפּעטער האָט זיך צו מיר אַ נאַכריכט דערטראָגען, אַז מיין פרוי איז פון דעם קינדבעט נישט מעהר אויפגעשטאַנען, און אין אַ וואָך אַרום נאָך איהר ענטבונדען ווערען, איז זי געשטאָרבען.

מיין האַרץ איז צו יענער צייט געווען אויף אַזוי פיעל פער'סם'ט מיט ביטערע געפיהלען גענען פּאַולינע'ן, אַז די נאַכריכט וועגען איהר פריה־צייטיגען טויט האָט מיך אַ האָאר ניט געריהרט, און וואָס מיט דעם קינד איז געוואָרען, האָב איך זיך קיין מאָל ניט אינטערעסירט צו וויסען.

עס איז אַריבער אַ צייט פון אַ יאהר צוואַנציג... ווען איין מאָל, איז מיר אויסגעקומען, וועגען ביזנעס־אַנגעלעגענהייטען, צו בעזוכען די שטעטעלע וואו איך האָב אַמאָל אַזוי פיעל דורכגעמאַכט.

געקומען בין איך אין שטעדטעל דעקאַריישען דעי. די גאַנצע בעפעל־קערונג פון דער קליינער שטעדטעלע האָט זיך אַוועקגעלאָזען אויפ'ן בית־עולם, צו בעזוכען און בעעהרען איהרע טוידטע, און אויך מיר איז איינגעפאַלען אַ געדאַנק צו געהן אויפ'ן בית עולם און בעזוכען דעם קבר פון מיין אַמאָליגער פרוי.

ווען איך האָב זיך געווענדעט צום בית־עולם וועכטער, ער זאָל מיר אָנצייגען דעם און דעם קבר, האָט דער טוידטען־אויפפּאַסער מיך אָנגעקוקט זעהר נייגיעריג, און ער האָט מיר געענטפערט:

— איך האָב אָט ערשט צוגעפיהרט צום קבר אייער זוהן... ער איז יעצט דאָרט, איהר דאַרפט ניט מיין הילף; איך וועט זיין לייכט אויס־צוגעפינען...

איך בין געבליעבען שטעהן אויף אַ קליינע ווייל ווי פּאַראַליזירט פון ערשטוינונג.

— פון וואַנען ווייסט איהר, אַז דאָס איז מיין זוהן? — האָב איך געפרעגט דעם וועכטער, ווען איך בין געקומען צו זיך פון מיין איבערראַשונג— איהר קענט מיך דען? און איהר קענט דען מיין זוהן?

— ניין. — האָט דער וועכטער געענטפערט — ניט אייך און ניט אייער

זוהן קען איך... נור איהרביידע קוקט אויס אזוי עהנליך איינער צום צווייטען, אז איך האָב גאָר אנדערש דענקען ניט געקענט.

איך בין פון דעם וועכטער'ס עטליכע ווערטער אויפגעציטערט געוואָרען אין אַלע מיינע גליעדער.

דער וועכטער האָט הפנים ניט געפונען פאר נויטיג מיט מיר ווייטער צו רעדען, און ער האָט זיך פון מיר אָבגעקעהרט...

מיט א פערציטערט הארץ, פערדעכטענדיג עטוואָס פון דעם שרעקליכען אמת, וועלכען איך האָב באַלד דערגאַנצען, האָב איך גענומען צווישען די קברים וואַנדערען.

און באַלד בין איך געבליעבען שטעהן אַן ערשטוינטער פון שרעק און וואונדער... נעבען א געוויסען קבר איז געשטאַנען א יונגער מאַן, אין וועמעס פנים און אין גאַנצען געשטאַלט איז געווען צו זעהען א מערקווירדיגע עהנליכ־קייט צו מיין פּאַאולינע'ן און צו מיר זעלבסט... מיין פיגור... מיין הויך, אזוי ווי אָבגעמאָסטען... מיינע שוואַרצע געקוירלטע האאר... נור אויף זיינע ליפּען האָב איך דערקענט מיין פּאַאולינע'ס טרויעריגען שמייכעל...

וואָס איך האָב אין דער מינוט דערפיהלט, קען איך אייך ניט איבער־געבען... נור דאָס געדענקט איך, אז קאַלטע טראָפּענס שוויים זיינען מיר אויף מיין גאַנצען לייב ארויסגעקומען.

איך בין האסטיג צו דעם קבר צוגעלאָפען... איך האָב נאָך אמאָל א קוק געטהאָן אויף דעם יונגען מאַן, און מיר האָט זיך פערוואַלט אומאַרמען איהם און אויסשרייען:

— מיין קינד! מיין זוהן!

איך האָב געפּרובירט איבערלעזען דעם אויפשריפט אויף דער מצבה. דאָס איז געווען אונמעגליך... די בוכשטאַבען זיינען געווען אויפגעגעסען פון אַלטקייט... איך האָב נור איבערגעלעזען דעם יאהר פון דער פערשטאָר־בענער'ס טויט... אין דעם יאהר איז מיין פרוי געשטאָרבען.

רוהט דאָ אייער מוטער? — האָב איך מיט א פערציטערט קול געפרעגט דעם יונגענמאַן, וועלכער איז ביים קבר געשטאַנען.

— יעס, מיין הערר. — האָט דער יונגערמאַן געענטפערט: און מיר האָט זיך געדאכט אז איך הער מיין אייגענע שטימע.

איך האָב פון אויפרעגונג קוים אויף די פיס געקענט זיך האַלטען.

— האָט איהר אייער מוטער געקענט ? — האָב איך ווייטער געפרעגט.

דער יונגער מאַן האָט מיך אָנגעקוקט... און אויך אין זיינע אויגען האָב איך ערשטוינונג בעמערקט.

— איך האָב זי ניט געקענט. — האָט דער יונגערמאַן געענטפערט, און פון מיר קיין אויג ניט אַרונטערגענומען — איך האָב זי ניט געקענט, ווייל זי איז געשטאָרבען, ווען איך בין אַ וואָך אַלט געווען.

— ווי האָט אייער מוטער געהייסען ?

— פּאַאולינא.

— זאָגט מיר, — האָב איך געשטאַמעלט — ווען איהר זייט געווען אַ קינד זיינען אייערע האָאר אויך געווען אַזוי שווארץ ווי זיי זיינען יעצט ?

— מען פּלעגט מיר דערצעהלען, אַז אַלס בייבי האָב איך געהאַט האָאר ווייסע ווי פלאַקס... נור יאָהר צו יאָהר זיינען מיינע האָאר טונקעלער געוואָרען...

— מיין זוהן ! מיין פּאַאולינא ! — האָב איך אַ געשריי געטהאָן, און צוגעפאַלען צו מיין פרוי'ס קבר...

וואָס מיט מיר איז ווייטער געווען, געדענק איך ניט... ווען איך בין צו זיך געקומען, בין איך געלעגען אויף אַ בעטעל אין וועכטער'ס הויז, און נעבען מיר איז געזעסען דער יונגערמאַן, ועמען איך האָב אַלס מיין קינד דערקענט...

דעם דערצעהלער'ס אויגען זיינען געווען פון טרעהרען פערלאָפען. פּלוצלונג האָט ער זיך האַסטיג אַ הייב געטהאָן, און אָנצייגענדיג אויף אַ ווייטען ווינקעל פון דעם גרויסען האָלל, האָט ער צו מיר געזאָגט:

— קוקט זיך צו, אָט דאָרטען רעדט מיט אייער פריינד ריי אַ יונגער מאַן...

איך האָב זיך צוגעקוקט, און איך האָב דערזעהן אַ יונגען מאַן, וועלכער איז מערקווירדיג עהנליך געווען צו דעם דערצעהלער פון דער טרויעריגער געשיכטע.

— אייער זוהן. — האָב איך געזאָגט.

— יאַ, דאָס איז ער ! — האָט מיין בעקאַנטער געענטפערט, און איבער זיין גאַנצען פּנים האָבען זיך אַזוי ווי ליכטשטראַהלען צוגאָסען...

XII.

מען האָט זי ניט פערשטאַנען.

עס איז אַן אמת'ע פּאַסירונג.....

איך זעלבסט האָב דאָס ניט בייגעוואָהנט; דאָס האָט מען מיר דער־צעהלט; און איך וועל די געשיכטעלע אייך דערצעהלען פּונקט אַזוי ווי מען האָט זי מיר דערצעהלט; איך וועל עס נור מאַכען גלאַטער, ליטעראַרישער, ווי אַן אַנדערער וואָלט זיך פיעלייכט אויסגעדריקט.

— זי איז אַ באָרדערין ביי אונז — האָט אָנגעפאַנגען דער דערצעהלער — זי שטעהט ביי אונז לאַזשי זייט זי איז אריבער אהער אין לאַנד, שוין גוטע אַכט יאָהר, אויב ניט מעהר. פון דער היים איז זי גאָר פון די געהויבענע, אַזוי זאָגט מען. זי זעלבסט האָט כמעט נעוועד דערצעהלט פון איהר היימי־שען לעבען; זי איז אַ קנאַפּע ריידערין: זי איז אַ שטילע, אַ שווייגעדיגע, נור פון לאַנדסלייט האָבען מיר זיך דערוואוסט, אַז אין דער היים, אין רוס־לאַנד, איז זי געווען אַ געלערענטע, אין גימנאַזיום געגאַנגען און געווען פערי־מישט אין די „זאַפּרעשצאָננע" זאַכען — דאָ איז זי אַוועק ארבייטען אין שאָפּ, און זייט דאַן ארבייט זי נאָך אימער, ארבייט און ארבייט. קיין אי־בעריגס געזונדע איז זי ניט געווען, ווען זי איז אהער אין לאַנד אריבער, און דער שאָפּ האָט פון איהר גאָר אין גאַנצען געמאַכט אַ תל; שוואַך איז זי זעהר; קוים וואָס זי לעבט. דער שאָפּ עסט זי אויף לעבעדיגערהייט; ביי דער נעה־מאַשין געהט זי אויס ווי אַ ברענענדע ליכט און פון יאָהר צו יאָהר ווערט זי שטילער, שוואַכער, איינגעשלאָגענער; דער פּנים ווערט בלאַסער, עלטער, עלטער, אַ גרויסער רחמנות אויף איה ר!

געקומען איז זי אהער אין לאַנד מיט נאָך אַ מיידעל, מיט איהרער אַ נאָהענטער חבר'טע, אַ חבר'טע נאָך פון די קינדערשע יאָהרען; אָנפאַנגס זיי־נען זיי ביידע ביי אונז לאַדזשי געשטאַנען...

ווי צוויי שוועסטער זיינען זיי געווען: ניין, ווען איך זאָג: ווי צוויי שוועסטער, איז ווייניג; דאָס זיינען געווען צוויי שוועסטער מיט איין נשמה; אַוועק זיינען זיי ארבייטען אין דעם זעלבען שאָפּ. און ווען זיי פלעגען קו־מען פון דער ארבייט, פלעגען זיי זיך אויף איין מינוט ניט שיידען... אימער, אימער צוזאַמען.

ריוועלע און חיענקע!

חיענקע הייסט זי, מיין יעצטיגע באַרדערין און ריוועלע האָט געהייסען איהר חבר׳טע.

ריוועלע און חיענקע! איינע אָהן דער צווייטער האָבען זיי ניט געקענט אויסקומען; איינע אָהן דער צווייטער האָבען לעבען ניט געקענט; איך האָב אין מיין גאַנצען לעבען ניט געזעהען, אַז צוויי פרויען זאָלען איינע די צווייטע אַזוי ליעב האָבען, אָבער טאַקע באמת ליעב האָבען ווי עס איז געווען דער פאַל מיט חיענקען און ריוועלען.

פלעגט ווען עס איז פּאַסירען, אַז ריוועלע פלעגט זיך פיהלען ניט אין גאַנצען, איז שוין חיענע אַרומגעגאַנגען איינפאַך אָהן אַ קאָפּ, פלעגט חיענע זיך פיהלען ניט אַם בעסטען, פלעגט ריוועלע זיין משוגע; איז ריוועלע געוואָרען עפּעס אומעדיג, פלעגט אויך חיענע זיין ווי אַ צובראָכענע. פלעגט חיענע האָבען עפּעס אַ שמחה, פלעגט אויך רבקה זיין העכסט גליקליך; ווי איך זאָג אייך, דאָס זיינען געווען צוויי מיידלעך מיט איין נשמה!

איינער, אַ יונגער מאַן, איז געוואָרען צו אונז אַן אָפטער אריינגעהער, זיין נאָמען איז געווען מאַקס גריבאָוו; ניט צו אונז אייגענטליך איז דער גריבאָוו געגאַנגען, נור צו אונזערע צוויי באָרדערינס.

גריבאָוו איז געווען אַ באָי פון אַ יאָהר זעקס-זיעבען און צוואַנציג, אַ שעהנער, אַ פרעהליכער, אַ לעבעדיגער, אויך אַ געלערענטער, אַ סאָציאַליסט, און אַ גוטער פערדיענער.

מיר האָבען גענומען בעמערקען, אַז ביידע, חיענע און ריוועלע, פאַנגען אָן צו ליעבען גריבאָוו׳ען.

חיענע און ריווע האָבען זיך פלוצלונג גענומען פיהלען איינג צוזאַמען... ביידע זיינען געווען טרויעריג; שטענדיג פערטראַכט און האָבען איינע די צווייטע גענומען אויסוויכען...

איינמאָל, ביי-נאַכט... דאָס איז געווען שוין גאַנץ שפּעט, אין פראָנט-רום איז געווען פינסטער, איך בין געלעגען אויפ׳ן לאָנדזש און געדרעמעלט... דער לאָנדזש שטעהט ביי אונז לעבען דער וואַנד פון זייער צימער, איך מיין פון דעם צימער, וועלכען עס האָבען פערנומען מיינע באָרדערינס.

די מיידלעך זיינען ניט געווען צו הויז... איך האָב זיי זיינען געקומען. זיי זיינען אריין צו זיך אין צימער... האָבען אָנגעצונדען די גאַז...

זיי האָבען גאָר נישט גערעדט.... און מיר האָט זיך געדאַכט, אזביידע האָבען גענומען אריינקוקען אין ביכער...

עס האָט געדויערט אַ ווײַלע... איך הער ביידע, ביידע וויינען זיי שטיל... נאכהער הער איך ווי חיענע זאָגט:

— ריוועלע... הער מיך אויס!

און ביידע זיינען ווייטער שטיל געבליבען.

— האָסט ליעב גריבאָוו׳ען? — האָט חיענע געפרעגט מיט אזא מאָדנער שטימע.

— איך גלויב, אז דו פערשטעהסט מיך, חיענע — האָט רבקה געענט־פערט דורך טרעהרען.

— ריוועלע — איך האָב איהם אויך ליעב....

— איך פערשטעה — האָט רבקה געזאָגט.

אפשר האָבען זיי דערהערט מיינעם אָן אָטהעם, וואָרים מעהר האָבען זיי אין דער הויך ניט געהערט. נור אזוי שטיל, אז איך האָב גאָר נישט געקענט הערען.

איך בין אוועק שלאָפען צו זיך אין צימער. מיט׳ן טאָג, ווען איך האָב זיך אַ כאַפּ געגעבען, האָב איך געהערט, אז די צוויי מיידלאך שלאָפען נאָך ניט....

אויף מאָרגען פריה, ווען איך האָב זיי דערזעהען, איז זיי געווען שווער צו דערקענען... ביידע האָבען זיי אויסגעקוקט זעהר בלאַס, די אויגען זיינען געווען רויט פון טרעהרען.... עפּעס האָט זיך מיר געדאכט אז זיי זיינען בייד־דע פאר אָט דער נאכט עלטער געוואָרען אויף גאַנצע יאָהרען....

אויף מאָרגען האָט רבקה פון אונז ארויסגעטופּט; חיענע איז ביי אונז פערבליבען!

גריבאָוו האָט אויפגעהערט צו אונז צו קומען; אין איינינע חדשים ארום האָט מיין באָרדערין אַ שמחה געהאַט; דאָס איז געווען ריוועלע׳ס חתונה מיט גריבאָוו׳ען!

— וואָס איז געווען ווייטער?

וועלל, איך וועל עס מאַכען קורץ, ווייל איך וויל שוין צוקומען צום רעכ־טען פונקט, וועלכען איך וויל דערצעהלען.

די גריבאָווס האָבען געעפענט עפּעס אַ געשעפט ווייט אין די בראָנקס,

האָבען געמאכט פיינע ביזנעס און האָבען געלעבט גאַנץ רייך; חיענע איז פערבליבען ארבייטען אין שאפּ, אזוי ווי זי האָט געארבייט תמיד, און איז פערבליבען ביי מיר א באָרדערין.

אין די בראָנקס צו איהר אמאָליגער חבר'טע פלעגט זי פאָהרען גאַנץ אָפט, אויך פלעגט די יונגע פּאָאר פאָלק אָפט קומען צו איהר, איך מיין צו חיענען מיט וויזיטען.

אזוי האָבען זיך געצויגען די יאָהרען, א יאָהר נאָך א יאָהר.

וועגען די גריבאָווס האָט מען געוואוסט, אז דער פאמיליען־לעבען איז דאָרטען זעהר א צרה'דיגער; מען האָט געוואוסט, אז דאָרטען קומען פאָר אָפטע פאמיליען־סקאנדאלען.... אז גריבאָוו האָט ניט איבעריגס ליעב זיין פרוי.

ווען חיענע פלעגט נור קומען פון די בראָנקס, פלעגט זי זיין טרויעריג און אין גאַנצען צובראָכען...

איין מאָל האָט חיענע א בריעף בעקומען; ווען מיר האָבען איהר איבער־געגעבען אָט דעם בריעף, האָט זי אויפגעריסען דעם קאָנווערט און גענומען לעזען.

— פון ריוועלען — האָט זי א מורמעל געגעבען עפּעס אזוי ווי פאר זיך און זי איז אוועק צו זיך אין צימער לעזען אָט דעם בריעף....

וואָס מען האָט איהר אָט אין דעם בריעף געשריעבען ווייס איך ניט. נור עטליכע טעג נאָך דעם בריעף איז חיענע ארומגעגאנגען א טוידט־קראַנ־קע... און אין די בראָנקס איז זי מעהר נעוועך, נעוועך געפאָהרען....

עס איז אזוי אריבער ביי א יאָהר צייט, ווען אין איין שעהנעם טאָג איז חיענען אָנגעקומען א שרעקליכע בשורה: ריוועלע, די מיסעס גריבאָוו, איהר אמאָלינע חבר'טע האָט זיך גענומען דעם לעבען דורך גאַז...

וואָס מיט חיענען איז דאן פאָרגעקומען, קען איך אייך ניט איבערדער־צעהלען.... איך קען ניט, עס איז גאַנץ שווער איבערצודערצעהלען... די מיידעל איז שיער ניט אראָפּ פון זינען פון שמערצען און פון טרויער.....

חדשים האָבען זיך אוועקגעצויגען און מיר האָבען בעמערקט, אז מיט חיענען קומט פאָר עטוואָס זאָנדערבארעס; ווען מען פלעגט דערמאָנען רי־וועלע'ס נאָמען, פלעגט עס אויף איהר ניט מאכען אזא שרעקליכען איינדרוק ווי עס פלעגט מאכען דער דערמאָנען פון גריבאָוו'ס נאָמען. האָט מען פאר

חיענען דערמאָנט איהר חבר'טע, פלעגט זי געבען א שווערען זיפץ, פלעגט מען אָבער דערמאָנען גריבאָוו'ס נאָמען, פלעגט זי ווערען בלאַס און פער־ציטערט....

חיענע האָט געקראַנקט עפּעס אזא מין מרה שחורה... זי פלעגט תמיד זיין אזוי פערטראַכט, אז מען האָט צו איהר ניט געקענט רעדען... נעכט פלעגט זי ניט שלאָפען.... און פלעגט זיצען פערטראַכטערהייט.... נאָכהער האָבען מיר בעמערקט, אז חיענע פיהלט זיך עפּעס אזוי ווי זי וואָלט וועלען פון זיך אליין אנטלויפען.... זי האָט פאר זיך גאָר קיין אָרט ניט געהאַט.... זי האָט זיך געפיהלט, אזוי ווי עפּעס וואָלט זי נאָכגעיאָגט און זי וואָלט פון דעם וועלען אנטלויפען, נור זי האָט ניט געקענט....

גריבאָוו פלעגט צו איהר ווען עס איז קומען... און יעדעס מאָל נאָך זיינען א וויזיט פלעגט זי ארומגעהן ווי א צומישטע.... מיר האָבען בע־מערקט אז כמעט יעדען מאָל נאָך גריבאָוו'ס א וויזיט פאָהרט חיענע ערגעץ־וואו אוועק און ווען זי פלעגט קומען צוריק פלעגט מען זעהען, אז זי האָט זעהר פיעל געוויינט... נור נאָך דעם פאָהרען פלעגט זי זיך איינינע טעג פיהלען בע־סער, פריייער, עפּעס אזוי ווי א שווערער שטיין פלעגט איהר ארונטערפאַלען פון הארצען....

שפּעטער האָבען מיר זיך דערוואוסט, אז זי פלעגט עס פאָהרען אויף ריוועלע'ס קבר.

גריבאָוו'ען פלעגט זי אויסווייכען: ער האָט דאָס הפנים פערשטאַנען און ער האָט אויפגעהערט צו איהר צו קומען... איז זי געוואָרען נאָך טרויעריגער... מעהר, מעהר מרה־שחורה'דיג, און מיר האָבען אַלץ געטראַכט, וואָס וועט עס ווערען מיט אונזער אָרעמער חיענע'ן?

איין מאָל, דאָס איז געווען אין אבענד, ווען זי איז געקומען פון דער אַרבייט, האָט דער בריעף־טרעגער אויסגערופען מיין נאָמען; איך בין אַרונטערגעלאָפען און האָב דעם בריעף גענומען. איך טהו א בליק דאָס איז פאַר איהר, פאַר חיענע'ן...

אַן אָפענער בריעף, עפּעס ווי א קאַרטיל אינעווניג.

ריכטיג! איך האָב געטראָפען, דאָס איז פון איהם, פון גריבאָוו'ען, אַן „אינוויטיישען" צו זיין חתונה עפּעס מיט איינער א מיסס סאַברין...

גאָרנישט, ברענג איך ארויף דעם בריעף און גיב עס אָבער חיענע'ן....

זי האָט ארויסגענומען דעם קאַרטיל פון קאָנווערט האָט אויף דעם א בליק געגעבען.... א גלאָז טהעע האָט זי געהאַלטען אין האַנד, איז די גלאָז טהעע ארויסגעפאַלען... בלאַס ווי א טוידטע איז זי געוואָרען... און זי האָט זיך צו־לאַכט מיט א מאָדנעם נערוועזען געלעכטער... גלייך איז זי אנטלאָפען צו זיך אין צימער, פערשפאַרט זיך... קיין סאַפּער האָט זי דיזע נאַכט ניט גע־געסען.

אָבער הערט אויס, מיט חיענע'ן האָט נאָך דיזען בריעף עפּעס אזוי ווי א נס געשעהן.... די מרה־שחורה האָט זיך פון איהר אָפּגעטהאָן, זי איז ווי ניי געבאָרען געוואָרען.... איהר פּנים איז געוואָרען ליכטיגער, פרייער... עס איז געוועזען קענטיג עפּעס אזוי ווי א שווערע, שווערע משא, וועלכע עס פלעגט שטיקען איהר הארץ, זייט איהר חבר'טע איז געשטאָרבען; אָט די שווערע משא איז ארונטערגעפאַלען, פערניכטעט געוואָרען.... און אָט דאָס איז דער פּונקט, וועלכען איך האָב געוואָלט דערצעהלען... ניט איך און קיינער אין אונזער הויז פערשטעהט ניט, ווארום האָט דיזע קאַרטעל, די בשורה ווע־גען גריבאָוו'ס הייראַטהען, בעפרייט חיענע'ן פון איהרע שווערע, טיעף־פערבאָרגענע יסורים...

XIII.

די פערגעסענע.

בערהטא, טהייערע מיינע, אונגליקליכע, פערגעסענע בערטהא !....

איך האָב זי ליעב געהאַט, די שעהנע, די שטילע, די קלוגע בערטהא. איך בין געניינגט צו גלויבען, אז אויך זי איז ניט געוועזען גלייכגילטיג צו מיר, נור אונזער ליעבע איז געוועזען אַן אונגליקליכע.

ווען איך האָב זיך מיט בערטהא'ן צום ערשטען מאָל בעגעגענט, איז זי געוועזען א פערהייראַטע פרוי, א מוטער פון דריי קליינע קינדערלאַך. איך בין ביי זיי א באָרדער געוועזען אונגעפעהר ביי דריי יאָהר צייט. איך האָב זי ליעב בעקומען, און גאָט איז מיין עדות, אז מיין הארץ האָט געבלוטעט פאַר דיזער אונגליקליכער פרוי.

איהר מאן איז געווען אַ קראַנקער, אַ צורייצטער, אַ נערוועזער, אַ שלעכ־טער און אַ פוילער. ער האָט זעלטען ווען אַ סענט פערדיענט; געאַרבייט, געהאָרעוועט האָט בערטהאַ זעלבסט, געהאַלטען צעהן באָרדערס, געוואַשען זייערע וועש, געפיקס זייערע קליידער, מפרנס געווען איהר קראַנקען מאַן און איהרע קינדער, און דער מאַן איהרער פלעגט נאָך תמיד זיין ניט צו־פריעדען, פלעגט שטענדיג ארומגעהן אַ פערכמורעטער, פלעגט בורטשען אונ־טער'ן נאָז... פלעגט שילטען זיין וויב, זיינע קינדער און פלעגט מאַכען בערטהאַ'ס לעבען פאַר אַ גיהנום....

און זי פלעגט שטיל און געדולדיג טראָגען איהרע יסורים, אימער מיט דעם זעלבען גוטמוטהיגען קלוגען שמייכעל.אַך, בערטהאַ, בערטהאַ, ווי ליעב איך האָב זי געהאַט, דיזע שטילע מאַרטירערין!

איך האָב זי ליעב בעקומען פאַר איהרע ליידען: איהרע יסורים, איהר ביטערער אונגליקליך לעבען, איהר הייסע ליעבע צו איהרע אָרימע דריי קינ־דערלעך, האָבען מיין הארץ מיט בלוטענדע וואונדען אָנגעפילט, און צוזאַ־מען מיט דיזע וואונדען איז געבאָרען געוואָרען מיין ליעבע צו איהר.

איהר מאַן איז געשטאָרבען!

דער תהום, וועלכער איז געלעגען צווישען מיר און מיין געליעבטער, האָט מעהר ניט עקזיסטירט און איינמאָל האָב איך מיט בערטהאַ'ן אָן אָפע־נעם געשפּרעך געהאַט. איך האָב איהר מיינע ערנסטע געפיהלען ערקלערט.

איך בין דאַן געווען אין מיין סאַמע בליהענדע יוגענד, געזונד, קרעפ־טיג, אַן אויסגעצייכענטער פערדיענער, פול מיט מוטה און לעבען. איך האָב געוואוסט פון פיעלע מיידלאַך, שעהנע, יונגע, געראָטענע מיידלאַך, וועלכע האָבער געגאַרט און וואָלטען פאַר אַ גליק גערעכענט מיין כלה צו ווערען, און בערטהאַ האָט געדענקט, אַז זי וועט צוזאַמען מיט מיר קיין גליק ניט געפינען.

אויפמערקזאַם און ליעבליך פערטראַכט האָט זי זיך צוגעהערט צו מיין אויפגערעגטען רעדען. עפּעס אַזוי ווי אַ מוטער הערט זיך צו צום רעדען פון איהר קינד. אויף אַ מינוט האָט איהר פּנים אויפגעשיינט, אָבער באַלד איז זי ווידער געוואָרען שווער פערטראַכט און איבער איהר שעהנעם זיסען גע־זיכט האָט זיך צושפּרייט אַ מוטערליכע דאגה...

איך האָב געענדיגט רעדען.... אַ ווײַלע איז זי געבליבען פערטראַכט.... ראַפּטום האָט זי מיר אַ כאַפּ געגעבען... בעטראַכט מיט אַ דורכדרינגענדען

בליק.... האָט מיך אָנגענומען פאַרביידע הענד און געזאָגט צו מיר מיט אַ פערציטערטער שטימע:

— יונגער פריינד מיינער, איהר וועט הייראַטען אייער גליכען, איהר וועט האָבען אייערע אייגענע קינדערלאַך, וועט זיין אַ ליעבער פאָטער צו זיי, און איהר וועט גליקליך זיין... און וועגען מיר? עס איז שוין לאַנג, אַז איך לעב נור צוליעב מיינע קינדער, און אצינד וועל איך שוין געוויס נישט זוכען קיין אנדער גליק...

איך בין אוועקגעפאָהרען פון ניו יאָרק, בעגעגענט זיך מיט אַן אנדער פרוי, געהייראַטה די אנדערע און אָן בערטהא'ן פערגעסען.

דערוואוסט זיך האָב איך נור, אַז בערטהא'ס פריינד און פערוואַנדטע האָבען פאַר דער אלמנה צונויפגעמאַכט עטליכע הונדערט דאָלאַר, געקויפט פאַר איהר אַ קענדי סטאָרקע, און פון דיזער ביזנעס איז זי מפרנס איהרע דריי יתומים'לאַך.

עס איז אַריבער אַ צייט פון איינינגע יאָהר, ווען עס איז מיר אויסגעקו־מען ווידער אין ניו יאָרק צו זיין.

איך האָב גענומען זוכען שפּורען ווי אַזוי צו דערוויסען זיך וואָס עס טהוט זיך עפּעס מיט בערטהא'ן און איך האָב זיך ענדליך אָנגעטראָפען אויף איינעם, וואָס איז געוועזען אימשטאַנדע מיין נייגיעריגקייט צו בעפרידיגען.

— וואָס טהוט זיך עפּעס פאָרט מיט בערטהא'ן? האָב איך געפרעגט.

— בערטהא א י י ע ר ע האָט געהייראַטה!

— בערטהא געהייראַטה? — האָב איך אַן ערשטוינטער איבערגע־פרעגט.

—אַ קריסט.

— וועמען?

— אַן אַלטען דייטש, אין צווייען עלטער פון איהר, און נאָך צו דעם אַ גרויסער שכור.

— וואו? ווי אַזוי? ווארום?... בערטהא.... געהייראַטה? אַן אַלטען קריסט? — האָב איך ווי אַ צומישטער געפּלאָנטערט זיך אין מיינע אייגענע פראַגען.

— ווי אַזוי ווייס איך ניט.... נאָר פּאַסירט האָט דאָס טאַקי דאָרטען אין

איהר קענדי סטאַרקע, וועלכע איהרע פריינד האָבען פאַר איהר געקויפט — האָב איך בעקומען אַ קורצען ענטפער.

טראָץ דעם, וואָס איך האָב שוין געהאַט אַן בערטהאַ'ן פערגעסען, טראָץ דעם וואָס איך האָב געליעבט אַן אַנדער פרוי, פערהייראַטה און פערמאָגט מיינע צוויי קינדערלאַך, דאָך האָט דיזע מאָדנע בשורה וועגען בערטהאַ'ן מיך בעליידיגט און שמערצליך אָנגעגריפען. עס האָט זיך מיר געדוכט, אַז בערטהאַ האָט מ י ך פערביטען אויף דעם אַלטען שיכור'ען קריסט, און מיר האָט זיך פערוואָלט לויפען צו דיזער פרוי, אויסדריקען צו איהר האַס און פעראַכטונג, ערגערען זי און לאַכען, לאַכען פון איהר מיט אַ גיפטיגען, שטע־כיגען געלעכטער.

איך האָב בערטהאַ'ן געזעהען. איך האָב בעזוכט איהר צרה'דיגע חושך'דיגע סטאַרקע, וועלכע איהרע פריינד האָבען פאַר איהר געקויפט אויס רחמנות און וואו זי האָט געהייראַטה דעם אַלטען שיכור'ן דייטש....

איך האָב אַלעס געהערט און האָב אַלעס פערשטאַנען...

אַט בין איך אָנגעקומען אין דעם קוואַרטאַל, וואו איך האָב געהאַט צו געפינען דעם אַדרעס פון בערטהאַ'ס סטאַרקע. וואָס פאַר אַ מין העסליכער געגענד! ניגערס, איירישע, פער'שכור'טע פרויען, פערדעכטיג אויסקוקענדע מענער — און קינדער! וועה, וואָס פאַר אַ שרעקליכע קינדער! אָפּגעריסענע, האַלב נאַקעטע, שרעקליך פערשמוצטע.... און סאַלונען! צעהן אויף'ן בלאָק! שמוץ, בלאָטע — אַ שרעקליכע געגענד!

„און דאָ אין דיזען גיהנום האָבען דאָס בערטהאַ'ן בעזעצט איהרע גוטע פריינד“ — האָב איך אַ טראַכט געטהאָן, און איידער איך האָב נאָך צייט גע־האַט צוצוקומען צו בערטהאַ'ס קענדי סטאַרקע, איז שוין מיין האַס און מיינע שלעכטע געפיהלען צו דיזער אונגליקליכער פרוי פערשוואונדען געוואָרען און מיין האַרץ האָט צוזאַמענגעדריקט אַ שווערער, שטיקענדער געפיהל.... נור אָט איז די סטאַרקע... און אָט בין איך אינוועניג... עס קומט מיר אַנטקעגען אַ בלאַסע, עלטערע פרוי אין שוואַרצען...

— בערטהאַ! — האָב איך אַ פערצווייפעלטען געשריי געטהאָן... אָה, בערטהאַ!

זי האָט מיך גלייך דערקענט; אין איהר פּנים האָבען זיך גענומען ביי־

טען אַלערליי קאַלירען.... מיר האָט זיך געדאַכט, זי קען אויף די פיס ניט איינשטעהן...

— רודערמאַן! — האָט בערטהאַ מיך אָנגערופען ביי מיין נאָמען.

מיר האָבען זיך אַ לענגערע ווײַלע אָנגעקוקט אָהן אַ וואָרט אויסצו־רעדען....

בערטהאַ, ווי אַלט, ווי פערענדערט זי איז געוואָרען, קוים, קוים האָב איך אויף איהר פּנים געקענט בעמערקען די שפּורען פון איהר אַמאָליגען חן.

איך האָב גענומען נאָכפרעגען זיך וועגען די קינדער, און איבער בערטהאַ'ס פּנים האָט זיך ווי אַ ליכטיגע שכינה צושפּרייט.

— שוין גרויסע, שעהנע קינדער, אַלע געהען אין סקוהל, לערנען זיך זעהר גוט — האָט די מוטער דערצעהלט.

— און ווי איז דאָס עפּעס געגאַנגען די גאַנצע צייט? — האָב איך געפרעגט.

— זעהר שלעכט! — האָט בערטהאַ גענומען דערצעהלען ווי עס איז איהר געגאַנגען — מיינע פריינד האָבען מיר אויסגעהאָלפען, בעזאָרגט מיך מיט אַ סטאָרקע, מיט אַ לעבעדיגער גרוב.... און מען האָט אָן מיר פערגעסען, עפּעס אזוי ווי איך וואָלט מעהר אויף דער וועלט ניט געווען. דער קוואָרטאַל איז דאָ אַ שרעקליכער. מען פלעגט מיינע קינדערלעך שלאָגען, באָמס, שכורים פלעגען זיך יעדע ווײַלע צו מיר אין סטאָר אריינרייסען, מען פלעגט מיר אָנטהאָן כל הצרות: בעליידיגען, ערניעדריגען. איינע אַליין בין איך דאָ געווען, עלענד ווי אַ שטיין. און וואָלט כאָטש ווער עס איז פון מיינע אַמאָליגע פריינד אריינקומען ווען עס איז. קיין מאָל ניט! פערגע־סען האָט מען אָן מיר, אין גאַנצען פערגעסען. די הארץ פלעגט צושפּרונגען ווערען פון צרות און בייַנקען. גאַנצע נעכט פלעג איך אָבשטיקען זיך מיט טרעהרען און פאַר וועמען אויסרעדען אַ וואָרט איז ניט געווען... נור מעהר פון מיר האָבען געליטען מיינע קינדערלאַך; הפקר זיינען זיי דאָ געוואָרען; יעדער פלעגט זיי שלאָגען, יעדערער פלעגט זיי בעליידיגען.

אין סטאָר איז אריינגעקומען אַ קריסט מיט אַ שרעקליך־אָפּגעלעבטען פּנים, ער האָט געטראָגען אַ פּיינטעל ביער און איז מיט דעם פערשוואונדען אין דעם הינטערסטע צימער פון דער סטאָרקע.

איך האָב פערשטאַנען וועד דאָס איז און מיר האָט א ריס געטהאָן אין הארצען.

— דאָס איז מיין מאַן — האָט בערטהא געזאָגט — איך האָב דאָך גע־הייראַט.

— יעס, איך האָב געהערט.

— דיזער מאַן איז געווען איינער פון מיינע קאַסטימערס — האָט בערטהא גערעדט מיט א פערשטיקט קול — און דער איינציגער מענש אויף דער גאַנצער וועלט, וועלכער פלעגט זיך אָננעהמען פאַר מיר און פאַר מיינע אָרימע קינדער. ער איז אויך אַן עלענדער מענש אויף דער גאַנצער וועלט, איינער אַליין.... א מאָל האָט ער געהאַט א פרוי און קינדער; זיי זיינען אַלע צושטאָרבען; אַן אונגליקליכער, אָבער אַן עדעלער מענש. ער איז געווען דער איינציגער, וועלכער האָט צו מיר א גוט וואָרט אויסגערעדט. ער איז געגאַנגען פייטען זיך פאַר מיינע בעליידיגטע קינדער און מען האָט מיינע יתומים'לעך אויפגעהערט צו שלאָגען. ער האָט מיין סטאָר געהיט, ער האָט מיך בעשיצט און פאַר לאַנגע יאָהרען איז דיזער אונגליקליכער עלענדער מאַן געווען דער איינציגער פריינד מיינער אויף דער גאַנצער וועלט, און ענדליך האָבען מיר געהייראַט.

בערטהא'ס געזיכט האָט געפלאַמט; אין איהרע אויגען האָבען טרעהרען געפינקעלט.

ווען איך האָב פערלאָזען בערטהא'ס קענדי סטאָרקע האָט מיר אין קאָפּ געשווינדעלט, טרעהרען האָבען מיך אין האלז געוואָרגען. און איך האָב גע־טראַכט וואו צו געפינען עפּעס א שטיקעל ווינקעלע און דאָרט גוט, גוט אויס־וויינען זיך.

בערטהא. טהייערע, אונגליקליכע, פערגעסענע בערטהא.

XIV.

אין א שפּעטיגער נאַכט־שטונדע.

עס איז געווען א שפּעטיגע שטונדע פון א קאַלטער, קאַלטער ווינטער־נאַכט, ווען מיסטער גאָלדוועדק און מיסטער בוקסענהאָלץ זיינען ביידע אַהיים געגאַנגען פון א פערשפּעטיגטען מיטינג.

ביידע געהען זיי שוויינענדיגערהייט, און זיי שווייגען דערפאַר, ווייל זיי פוילען זיך עפענען די מיילער, און צו דעם האָבען זיי טאַקע ניט וואָס צו רעדען.

דער מיטינג, פון וועלכען די ביידע מענער קומען, איז געווען זייערער אַ געוועהנליכער פעראיין־מיטינג, עם זיינען דאָרט פערהאַנדעלט געוואָרען די געוועהנליכע סקאַרבאָווע געשעפטען און די ביידע מיטגליעדער האָבען זיך געגונג אָנגעגודיעט. האָבען זיי ניט וועגען וואָס צו רעדען.

געהען זיי זייט ביי זייט און שווייגען. ווען מען שווייגט, אַרבייט דער קאָפּ גאָר ניט געבעטענערהייט, און עם טראַכט זיך.

וועגען וואָס קענען טראַכטען פערשפּעטיגטע מענער, אין אַ שפּעטיגער נאַכט־שטונדע, ווען מען געפינט זיך אין דרויסען, אין אַ ביטערער קעלט? עם טראַכט זיך וועגען אַ וואַרימער בעט.

גאָלדוועריק און בוקסענהאָלץ זיינען לאַנדסלייט, פעראיין־ברידער, און צו דעם נאָך שטיקלעך פריינד. גאָלדוועריק איז אַ פערהייראַטהער מאַן, אַ פאַטער פון דריי קינדער, און בעוואָהנט מיט זיין פאַמיליע דריי רומס; בוקסענהאָלץ איז אַן אַלטער, פערזעסענער בחור, עלענד ווי אַ האָלץ, און וואָהנט אויף אַ לאָדזשי אין אַ פּיטשענאַנטשיקער „ספּערעט־רומקע“.

טראַכט זיך גאָלדוועריק'ן וועגען זיין היים, און עם טראַכט זיך בוקסענ־האָלץ'ן וועגען זיין ספּערעט־רום.

גאָלדוועריק האָט אַ פּאָאַר מאָל בעזוכט זיין פריינד'ס ספּערעט־רום, און אַצינד, ווען עם האָט זיך איהם געטראַכט וועגען זיין אייגענער היים, האָט אין זיינע געדאַנקען אויף אַרומגעפּלאָנטערט זיך דער קליינער צימערל פון זיין ניט־פערהייראַטהען פעראיין־ברודער.

בוקסענהאָלץ איז נור איינמאָל געווען ביי די גאָלדווערקס, נור ער געדענקט זעהר גוט זיין לאַנדסמאַנס פאַמיליען־ווינקעלע און, אַצינד, ווען ער האָט געטראַכט וועגען זיין ספּערעט־רום, איז איהם צו דערזעלבער צייט כסדר אין די געדאַנקען געקראָכען גאָלדוועריק'ס דריי רומס... איבערהויפּט האָט אין זיינע מחשבות איינגעשניטען זיך זיין לאַנדסמאַנס שלאָפצימער.

די גאָלדווערקס זיינען זעהר אָרים. וואו דער דלות שטיקט, דאָרט הערשט זעהר זעלטען פאַמיליען־פריעדען. פון שטענדיגער נויט זיינען די הערצער צורייצט און פערביטערט, און פאַר יעדער קלייניגקייט, פאַר יעדער נאַריש־

קיט זיינען מאַן און ווייב פערטיג אויפצופרעסען איינער דעם צווייטען לעבעדיגערהייט.

איז גאָלדוועדק מיט זיין ווייב אימער צוקריעגט. מען איז אימער אויף מעסערס... פאַר וואָס? פאַר ווען? אַט מען געפינט שוין צו וואָס צו־צוטשעפּען זיך.

ווען גאָלדוועדק קומט פון אַ מיטינג, קריעגט ער פון זיין ווייב אַ פינסטערע גאָב, און ווען ער פערשפּעטיגט זיך אויף דעם מיטינג, כאַפּט ער נאָך אַ גרעסערע פּאַרציע.

און אַצינד, ווען ער געהט פון דעם מיטינג אַ פערשפּעטיגטער, ליעגען איהם שווערע שטיינער אויפ׳ן הארצען. אַט שטעלט ער זיך פּאַר, ווי ער קומט צו זיך אין הויז אריין, אין שטוב איז קאַלט און חשך. ער כאַפּט זיך גלייך אין קיטשען אריין. דאָ אין קיטשען שלאָפט ער. זומער שלאָפט ער אין בעדרום און די קינדער שלאָפען אין פראָנט־רום; מחמת די קעלטען שלאָפען יעצט די דיעטקעס מיט דער מאַמען אין בעדרום, און ער שלאָפט אין קיטשען.

אַט צינדט ער אָן די געז... אין קיטשען איז אַ הקדש... מיסט, בלאָטע... אין סינק שטעהט ניט געוואַשען געשיר, פערבליעבען פון נעכטיגען סאַפּער; פון קראַנט קאַפּעט וואַסער, און פון סינק טראָגט זיך אַ שווערער גערוך... אויף די גרינע, חשך׳דיגע ווענד שפּאַציערען ארום קאַקרויטשעס, און אויפ׳ן וואַש־טאָב שפּרינגען מייז ארום... ער נעהמט פונאנדער זיין פאָלדינג־בעטעל — ניטאָ קיין ליילעך, נישטאָ קיין „טשיכעל" פאַר דער קישעלע, און פון דער קישעלע קריכען פעדערן... נעכטען האָט זיין פרוי וועש געוואַשען, ער וויים, אז עס איז דאָ אַ ריין ליילעך, אַ וויסע טשיכאָלקע... עס ליעגט אבער אין בעדרום אין ביוראָ, וויל ער נישט געהען זוכען — מעהר פעהלט איהם ניט ווי אָנצופאַנגען זיך מיט דער ווייב... נעהמט ער זיך שטילערהייט אויסטהון, דערהערט ער די בייבים געוויין... אַט קריכט זיין ווייב פון איהר בעט אַרויס... זי געהט צו איהם מיט דער בייבי אויף די הענד... אַט איז זי אין קיטשען...

ווי שרעקליך עס קוקט אויס איהר בייזער, איהר וואָלקענדער פּנים... עס דאַכט זיך דעם אָרימען מאַן, אז אַט ווארפט זי זיך ארויף אויף איהם און נעהמט איהם ווערגען.

— נאַ, — טהוט זי אַ וואַרף די וויינענדע בייבי — נאַ דיר, האָסט אָנגעפּלאַדיעט ממזרים, ווערג זיך מיט זיי!...

ער נעהמט פערשלעפערן די בייבי, און די ווייב געהט אוועק אין בעד־רום און לעגט זיך אין בעט אריין... אבער זי שלאָפט ניט; אין דער צייט וואָס ער פערשלעפערט די בייבי, הערט ניט אויף פון איהר מויל צו גיסען זיך אַ שטראָם פון זידלעריי און קללות...

געהט זיך אַזוי גאָלדוועדק, טראַכט וועגען זיין היים, און אַ שווערער אומעט שטיקט זיין האַרץ; און אַזוי טראַכטענדיג וועגען זיין היים, טראַכט ער אויך וועגען זיין פריינד'ס צימער... ער שטעלט זיך פאָר אַ שעהן חדר'ל... ווארעם, ליכטיג, ציכטיג, די בעט איז פערבעט מיט אַ שנעע־ווייסען ליילעך, פון דער קישעלע קריכען ניט קיין פעדערן ארויס... און ער זעהט אין זיינע רעיונות, ווי זיין לאַנדסמאַן קריכט אריין אין בעט, צושפּרייט זיך אין פערגניגען מיט'ן סיגאַר אין מויל, מיט אַ בוך פאַר די אויגען (פּונקט אַזוי פּלעגט ער אַמאָל, אין זיינע סינגעל־יאהרען, זיך לעגען שלאָפען), און אין חדר'ל איז שטיל, רוהיג... קיינער שילט ניט, קיינער מוסר'ט ניט, קיינער קלאָגט ניט...

און גאָלדוועדק וואַרפט אַ זייטיגען בליק אויף זיין פעראיין־ברודער, און דער פערהייראטהער מאַן איז מקנא דעם אלטען, פערזעסענעם בחור. אוי, ווי ער איז מקנא!...

און בוקסענהאָלץ טראַכט זיך וועגען זיין היים — און אויך אויף זיין פערזעסענער האַרץ שטיקט אַ שווערע משא... ניט ניחה איז איהם זיין סעפּרעט־צימער... פיינט האָט ער זיין רומקע, אַזוי ווי אַן ארעסטאַנט האָט פיינד זיין פּריזאָן...

צעהן יאהר צייט אַז ער וואָהנט אין דער זעלבער רומקע; צעהן יאהר צייט אַז ער קוקט אָן די זעלבע שטומע ווענדד, די זעלבע עלענדע, אייזערנע בעטעל... דער זעלבער טישעלע, דער זעלבער טראַנק... ווי צוגעגעסען דאָס האָט זיך איהם! ווען ער קומט אריין אין צימער צו לעגען זיך שלאָפען, צינדט ער ניט אָן קיין פייער... ער האָט מורא צו דערזעהען די זעלבע ווענד... אַ שרעק, אַ פּחד וואַרפען זיי אָן אויף איהם...

אַמאָל, מיט יאהרען צוריק, ווען ער איז אינגער געווען, האָט ער

גע'חלום'ט וועגען חתונה האָבען, האָט ער אָבער דאַן וועניג פערדיענט, און ער האָט אַלץ געוואַרט אויף בעסערע צייטען. קיין בעסער צייטען זיינען ניט געקומען, און ער איז דערווייל עלטער און עלטער געוואָרען... ער איז שוין אַ מאַן אין די פערציגער... פערדיענען, פערדיענט ער יעצט נאָך וועניגער ווי אַמאָל, און ער טראַכט שוין כמעט ניט וועגען חתונה האָבען. נור עפּעס פעהלט איהם אוים אין לעבען, עטוואָס פּלאָגט, עטוואָס מאַטערט זיין נשמה, עס בייינקט זיך נאָך עטוואָס... און דיזער בייינקען ווערט שטאַרקער, אָנגרייפענדער, שמערצליכער, דאַן ווען ער קומט אַריין אין זיין שטילער, פערשטומטער, עלענדער רומקע, און ווען ער לעגט זיך אין בעט אַריין, דאַכט זיך איהם אוים, אַז די בעט איז ברייט און וויים ווי אַ גאַנצע פינסטערע וועלט... און ער פיהלט זיך מאָדנע פערלאָזען, מאָדנע עלענד...

טראַכט ער וועגען זיין רומקע... און אַ שווערער, שווערער אומעט שטיקט זיין הארץ, און דערביי טראַכט זיך איהם וועגען זיין לאַנדסמאַנס פאַמיליען־ווינקעלע... איין מאָל איז ער נור דאָרט געווען, אבער ער געדענקט יעדע ברעקעלע...

אין הויז איז ער דאַן אַריין טאַקע צוזאַמען מיט גאָלדווערק'ן, און אַזוי ווי ער איז אַריין צוזאַמען מיט'ן בעל־הבית, האָט מען אין טהיר ניט אָנגעקלאַפּט... און ווי נור ער איז אין די רומס אַריין, איז זיי געקומען אַנטקעגען זיין לאַנדסמאַנס פרוי... זי האָט זיך געהאַלטען אין איבערטהון, אום וואו אוועקצוגעהען, איז זי געווען בלויז אין אַ קאָרסעט, אָהן אַ ווייסטעל... פערשעהמט איז זי גלייך אין בעדרום אַנטלאָפען... נור ער האָט געזעהן איהרע נאַקעטע פולע, רונדע, שעהנע אָרעמס... איהרע קלאָרע, הויכע בריסט... נאָכהער איז זי אַרויסגעקומען אָן אָנגעטהאָנענע, אַ שעהנע, ליעבענסווירדיגע פרוי... און אין די רומס איז געווען אַזוי היימליך, אַזוי שעהן, און ווען ער איז געזעסען אין פראָנט־רום, האָט ער געזעהן אַ שעהן פערבעטע דאָבעל־בעט... ער געדענקט יעדע ברעקעלע...

יעצט טראַכט זיך איהם וועגען זיין פריינד'ס היים... ער זעהט פּאָר זיך וואַרימע, ליכטיגע, היימליכע צימערען, אַ שעהן־פערבעטע בעט, און אין בעט ליעגט זיין פריינד געאָרעמט מיט דער ווייבעלע, וועמעס נאַקעטע אָרעמס ער האָט אַזוי בעוואונדערט... זיי ליעגען און רעדען פרעהליך און פריינדליך...

זי פרעגט זיך נאָך ווי איהר מאַן האָט אויפ׳ן מיטינג פערבראַכט... ער דער־צעהלט איהר אלע קליינינקייטען...

און ווען בוקסענהאַלץ האָט אַזוי געטראַכט, האָט זיך זיין האַרץ אויף שטיקער געריסען פון בייניקען. און דער אַלטער בחור האָט שמערצליך מקנא געווען זיין פערהייראַטהען לאַנדסמאַן...

דער קריזיס.

דער קריזיס

I.

דער קריזיס און די פריינדליכע שכנים.

מען האט גערעדט וועגען אן אנקומענדען קריזיס....

די צייטונגען האבען אזוי ווי א מחנה שווארצע וואראנעס געוועשצע־וועט שלעכטע, ביטערע צייטען; גלחים אין די קירכען, און להבדיל, די רע־ווערענדס אין די אידישע רעפארמירטע שוהלען האבען גערעדט וועגען דעם פון זייערע פלאטפארמען און געווארענט דעם עולם מען זאל בעסער ווערען; פילאנטראפען, כלל פערזארגער און גלאט נגידים, וועלכע עס האבען ליעב אפט צו לאזען וועגען זיך הערען, האבען אויפגעהויבען אן אלארם און גע־ווארענט דעם עולם, מען זאל ווערען וואס קארגער, מען זאל שפארען ווי ווייט מען קען נור.

איבעראל, אומעדום האט זיך געפיהלט א פערשטיקטע אימה; אן אנ־קומענדע שווארצע געפאהר. און מענשען האבען אויסגעקוקט אונרוהיג, צו־שראקען, אזוי ווי חיות אין וואלד בעפאר דעם אנקומען פון א שטארקען שטורם....

מענשען, וועלכע עס זיינען געווען פעהיג צו זארגען וועגען א צווייטען, האבען דיזע פעהיגקייט פערלארען.... יעדערער האט נור גטראכט וועגען זיין אייגענעם קלעגליכען נפש; יעדערער האט מורא געהאט אז דאס אייגענע שטיקעל ברויט איז ניט זיכער; ווייכע, גוטע הערצער זיינען פערשטיינערט געווארען, פערגליווערט געווארען.... יעדערער האט נור געטראכט וועגען זיך, וועגען זיך און נישט מעהר ווי וועגען זיך...

אוי, ווי קלעגליך, ווי קליינליך מען ווערט עס, ווען אין קאן שטעהט דער שטיקעל ברויט!

* * *

מר. ריסקינד מאכט א לעבען פון דעם,וואָס ער פערקויפט פּאַנאָגראַפס; דער מאַן ארבייט פאר א געוויסע פירמע, און פאר יעדען פּאַנאָגראַף, וועלכען ער פערקויפט, קריגט ער פינף דאָלער קאָמישען. דורכשניטליך מאכט ריסקינד זיינע דרייסיג אָדער פינף און דרייסיג דאָלאר די וואָך.

אמת, דער מאַן ארבייט ווי א רוח, עוויג־עוויג ארומשלעפּען זיך איבער די סטריטען מיט א שווערען פּאַנאָגראַף אין איין האנד און מיט א שווערער „קייס" מיט רעקאָרדס אין דער צווייטער האנד, איז גאָר ניט אזא לייכטער ביסען; אָבער ריסקינד איז צופריעדען מיט זיין פּרנסה — און ווער איז דאָס ניט צופריעדען אין ניו יאָרק ווען מען קען נור מאכען א לעבען?

ביילין איז אן איינפאכער קאַרפּענטער; א מאָל ווען ער איז נאָך געווען גרין אין ניו יאָרק האָט ער זיך אזוי נישט־קשה'דיג געפּלאָגט און דער מאַן איז מיט זיין קארפּענטעריי געלעגען טיעף אין דער ערד; נור דאָס איז שוין א מעשה פון עטליכע יאָהר ווי ער האָט זיך ארייגנעכאפּט אין א פעקטאָרי, וואו מען ארבייט „טרונעס" פאר טוידטע... און ער פערדיענט יעצט סטעדי זיינע אכטצעהן דאָלער א וואָך.

ווען עס פאַלט אוים א גוטער סיזאָן און עס ווערט אין ניו יאָרק א ביזי אויף מתים, ארבייט ביילין אָווערטיים און ברענגט אהיים עטליכע דאָלאר עקסטרא.

סלעק איז ביי דער ארבייט קיין מאָל ניטאָ; דער עולם שטארבט רעגעל־מעסיג און טרונעס מוז מען האָבען צו יעדער צייט.

ריסקינד איז א פאמיליען־מאַן; ביילין איז א פאמיליען־מאַן; מען איז שכנים און פריינדליכע שכנים....

דרייסיג דאָלער א וואָך איז ניט אכטצעהן, און די ריסקינדס לעבען אויף א פיעל ברייטערע פוס פון זייערע שכנים, די ביילין'ס.

די ריסקינדס וואָהנען צו די פראָנט — די ביילין'ס — צו די בעק, אזוי ווי עס פיהרט זיך אין ניו יאָרק: ווער עס פערדיענט וועניגער, יענער איז פערשטופּט אהינטער.

ביי די ביילין'ס גיט מען אָפּ א צימער פאר א באָרדער; די ריסקינדס האַלטען אָנשטאָט א באָרדער א דיענסט — עס איז א ביסעל אנגענעהמער, ווי רעכענט איהר?

און ביי די ריסקינדס איז שעהנערע מעבעל אין הויז ווי ביי זייערע שכנים... מען עסט בעסער, מען טרינקט בעסער און מען איז בעסער געקליי־דעט, מען געהט אָפטער אין אַ טהעאַטער, מען איז ניט אַזוי אויסגערעכענט אין אַ פּעני, אָבער קיין אָפּגעשפּאָרטער דאָלער איז ביי ביידע שכנים ניטאָ — מען פערלעבט וויפיעל מען פערדיענט...

און ווען די מיסיס ביילין אָדער דער מיסטער ביילין קומט אריין צו די ריסקינדס, קען אַ געניטע אויג בעמערקען, אַז די אָרימערע שכנים זיינען גוט מקנא די רייכערע פון זיי; און ווען די ריסקינדס קומען ארויף פערברענגען צו די ביילין'ס, קען אפילו נישט אַ געניטע אויג בעמערקען, אַז די רייכערע פיהלען זיך זעהר אנגענהעם, ווייל מען איז בעסער אָפּ פון זייערע פריינד־ליכע שכנים.

די ריסקינדס בעמערקען גוט זייערע שכנים'ס מקנא זיין, און די לייטע האָבען פערגניגען פון דעם; די ביילין'ס פערשטעהען פון וואָס די ריסקינדס האָבען הנאה און זיי פיהלען אַ שנאה, אַ טיעפע שנאה צו זייערע שכנים... אָבער די שנאה בעגראָבט מען טיעף אין הארצען און מען איז צווישען זיך זעהר, זעהר פריינדליך....

האָט מען גענומען רעדען וועגען דעם אָנקומען פון אַ גרויסען קריזיס... און די לאַגע פון אונזערע צוויי שכנים האָט זיך אַ ביסעל געביטען.

אַ פאָנאָגראַף איז אַ לוקסוס־זאַך, מען קויפט עס נור דאַן, ווען עס איז גוט אויפ'ן הארצען און גראָם אין פּאַקעט; ווען די צייטען זיינען אָבער נישט אַם בעסטען, קען מען ווייניג פאָנאָגראַפס אויסברענגען. ריסקינד האָט עס זעהר גוט געוואוסט און ער האָט גענומען שטארק זיך שרעקען פאַר זיין פּרנסה, און דאָס האָט איהם געמאַכט צום פיהלען שטארק געפאַלען ביי זיך.

ביילין האָט זיך אָבער געפיהלט ווי אויף אַן אייזערנעם בריק; די פּעק־טאָרי, וואו ער ארבייט, וועט אין דעם ביטערסטען קריזיס ניט סטאָפּען... פערקעהרט, אין שלעכטע צייטען שטארבט מען מעהר און די נאָכפראַגע אויף טרונעס ווערט נאָך גרעסער; ביילין האָט עס זעהר גוט געוואוסט, און וואָס שטארקער מען האָט גענומען רעדען וועגען דעם אָנקומענדען קריזיס — האָט דער ארבייטער אַלץ שטארקער און שטאָלצער דעם קאָפּ אויפגעהויבען.

און שטארקער און שטארקער איז אַלץ געוואָרען דער מורמלען וועגען

דעם אָנקומענדען קריזיס און ריסקינד'ס פערדיענסטען האָבען שוין בעצייטענס געגומען פאַלען....

דער עולם האָט אויפגעהערט קויפען פאַנאָגראַפס — מען האָט מורא ספּענדען אַן איבעריגען סענט, מען פיהלט אַן אָנקומענדע געפאַהר, און ווער עס האָט נור אַן איבעריגע פעני האַלט עס פעסט ביי דער נשמה....

ריסקינד ארבייט אין צווייען... ער קענוועסט קאָסטאָמער ביז שפּעט אין דער נאַכט אריין... אפילו זונטאג ערלויבט ער זיך ניט צו רוהען... און פונדעסטוועגען ברענגט ער שוין ניט מעהר אהיים די פינף און דרייסיגער... ער בענוגענט זיך שוין מיט פינף און צוואַנציג....

ביי די ריסקינדס האָט מען די דיענסט אַוועקגעשיקט... און ווען די ביילין'ס האָבען דאָס זיך דערוואוסט, האָט זיי פון דער מעשה ווילד הנאה געטהאָן....

די ריסקינדס האָבען אויפגעהערט צו בעזוכען זייערע שכנים; די ביילין'ס האָבען פערשטאַנען ווארום דאָס איז אַזוי און די לייטע האָבען ווידער געקוואַלען פאַר שמחה....

און ביילין האָט אויסגעקליעבען אַן אבענד, ווען זיין פריינד ריסקינד איז צו הויז געווען און דער קאַרפּענטער האָט צו זיין פריינדליכען שכן אין טיהר אָנגעקלאַפּט.

— קאָם אין! — האָט ריסקינד געענטפערט אויף דעם אָנקלאַפּען.

ביילין איז אריינגעקומען.

ביילין'ס פנים האָט עפּעס מאָדנע געלויכטען און ריסקינדען האָט פאַר עפּעס א קלאַפּ געטהאָן אין הארצען.

— א גוטינקער אבענד — מאַכט ביילין זעהר פריינדליך.

— גוטען אבענד, גוטען אבענד — ענטפערט ריסקינד.

— ווי געהט עס? — פרעגט ביילין זעהר פריינדליך....

— סאָ ענד סאָ!

ביילין זעצט זיך... מאַכט זיך בעקוועם און טהוט א זאָג מיט א געמאַכטער פערזאָרגטקייט:

— עס הערען זיך זעהר שלעכטע נייעס....

— וואָס פאַר א נייעס? — פרעגט ריסקינד, כאָטש ער ווייס זעהר גוט וועגען וואָס דער שכן לאָזט דאָ הערען.

— מען זאָגט, אַז עס קומט אָן אַ שרעקליכער קריזיס — טהוט זיך אַ זאָג דער קארפּענטער, און ווי ער סטאַרעט זיך ניט אויסצוקוקען פערזאָרגט, בעמערקט ריסקינד, אַז זיין שכן פיהלט זיך זעהר גליקליך, ער דערפיהלט צו דעם קארפּענטער אַ גיפטיגע שנאה, נור זאָגען זאָגט ער מיט אַ פריינדליכער שטימע:

— עט, מאַלע וואָס מען זאָגט?

— מענשען, וועלכע עס וויסען אין דעם, זאָגען, אַז אזא קריזיס איז נאָך קיינמאָל ניט געוועזן — רעדט זיך ביילין זיין זאָך...

ביי דעם אָרעמען פּאַנאָגראַף־פּערקויפער רייסט זיך אָפּ אין הארצען פון זיין שכן׳ס עטליכע פריינדליכע ווערטער און ווי ער סטאַרעט זיך ניט אויס־צוקוקען רוהיג און פריילאָך, בעמערקט דאָך ביילין, אַז ביי זיין פריינד אויפ׳ן הארצען איז זעהר ניט יום־טוב׳ד׳יג, און ער טהוט ווייטער אַ זאָג מיט אַ שטימע, וועלכע עס איז פערשטיקט פון אנגענעהמע געפיהלען:

— און מיך ארט עס ניט... מיין ארבייט וועט אָנגעהן ווי תמיד...

—מיך ארט אויך ניט. —ענטפערט ריסקינד, דאַכט זיך, גאָר געלאַסען, נור זיין הארץ ווערט פערגליווערט פון אנגסט און שרעק... ער וויים גאַנץ גוט, אַז ווען ניט די פּאַנאָגראַפס וועט ער זיין אויף גרויסע צרות, ער איז שוין זיעבען יאָהר אין דעם טרייד, און ער פיהלט, אַז פון זיין גאַנצען וועזען האָט זיך אויסגעארבייט אַ פּאַנאָגראַף פערקויפער, ער קען וועגען קיין אַנדער זאָך ניט אַ טראַכט טהאָן ווי נור וועגען מיטלען ווי אזוי צו קריגען אַ קאָס־טאָמער. עס איז איהם גענוג איין בליק וואַרפען אויף אַ מענשען און ער וויים שוין ווי צו האַנדלען, ווי צו רעדען... מיט וואָס פאַר אַ „רעקאָרדס" צו בעצויבערן איהם... ער פיהלט, אַז צו קיין אַנדער זאָך אין דער וועלט וועט ער שוין מעהר ניט זיין פעהיג, און עס דאַכט זיך איהם, אַז די גאַנצע וועלט געהט אונטער... און זיין פּנים ווערט בעצויגען מיט אַ שווערען, וואָלקען....

און ביילין נעהמט ניט ארונטער די אויגען פון זיין שכן און זיין הארץ וואַקסט פון פערגניגען.

און אזוי האָט דער אָנקומענדער קריזיס געבראַכט צו דעם, דאָס ביילין דער קארפּענטער קען נקמה נעהמען פון זיין פריינדליכען שכן...

II.

די ארויסגע׳גנב׳עטע נדבה.

א גאַנצע נאַכט איז די מוטער ניט געשלאָפען: שרעק, ביטערער כעס, ברענענדע יסורים האָבען פון דער אונגליקליכער פרוי איהר שלאָף פעריאַגט.

נעכטען פאַרנאַכט איז זי געווען די הויפט־פיגור פון א שרעקליכער, אב־שייליכער סצענע!

עס איז שוין א געשיכטע פון פערצעהן וואָכען, אז דער קריזיס האָט ביי איהר מאַן ארויסגעריסען דעם שטיקעל ברויט פון מויל; מען האָט אָבגעלייגט אין זיין שאָפּ די ארבייט אויף אַן אונבעשטימטע צייט... און די שווארצע צייט ציהט זיך און ציהט זיך און וויל קיין סוף ניט נעהמען.

יעדען טאָג לאָזט ער זיך אוועק צום שאָפּ מיט דער האָפנונג וויעדער אָנגענומען ווערען צו דער ארבייט; טאָג אין טאָג קומט ער אין אָפּיס אריין, נור אימער בעגעגענט איהם דער זעלבער טרויעריגער שמייכעל פון דעם קלוירק, אימער, אימער דער זעלבער טויט־קאַלטער ענטפער:

— נאָטהינג דואינג!

— ווי לאַנג וועט עס אזוי זיין? — פרעגט דער ארבייטסלאָזער.

און דער קלוירק ענטפערט וויעדער מיט׳ן זעלבען טרויעריגען שמייכעל; ס׳איז א גאָר נישט־פערשפרעכענדער, א האָפנונגסלאָזער שמייכעל, א שמיי־כעל, וועלכער איז שוידערליך און קאַלט ווי דער טויט!

און טאָג איין, טאָג אויס פערלאָזט ער דעם אָפּיס און שלעפט זיך אוועק וואַנדערען איבער ניו יאָרק, איבער דער גרויסער, הערצלאָזער, שרעקליכער שטאָדט, אפשר וועט זיך עפּעס מאַכען, אפשר וועט ער וואו עס איז אָנטרע־פען זיך אויף הילף, אויף רחמנות.

נישטאָ גאָרנישט!

און יעדען אָבענד קומט ער אהיים א מיעדער, א צובראָכענער, א פער־צווייפעלטער...

נישטאָ גאָרנישט!

און די נויטה וואַקסט און אין הויז ווערט פון טאָג צו טאָג שווארצער און פינסטערער און זי וואַקסט זיך פאַנאַנדער: פול איז מיט איהר די גאַנצע

הויז, אין יעדען ווינקעלע איז פול איהר שטיקענדער, קאלטער אָטהעם. אלעס וואס זי האָט נור געקענט, האָט זי פערזעצט.

הונגער!!

און אין איין פארנאכט, ווען דער ארבייטסלאָזער איז געקומען אהיים שווארץ, פינסטער, פערצווייפעלט, האָט איהם בעגעגענט זיין פרוי מיט בלי־קען, וועלכע האָבען געפלאַמט פון הונגער און יסורים....

— וואָס הערט זיך? — האָט די פרוי געפרעגט.

— גאָרנישט....

זי האָט איהם געציינגט אויפ׳ן פוסטען ברויט־באקס....

— איך קען גאָרנישט העלפען. — האָט דער אונגליקליכער געענטפערט.

— די קינדער האָבען היינט ניט געגעסען.

— איך קען נישט העלפען.

— ביזט א טאטע! — האָט די הונגעריגע פרוי אויסגעשריען מיט א פערשטיקט קול — געה ברענג די קינדער ברויט!...

— איך האָב ניט וואו צו נעהמען.

— געה גנב׳ע, גזל, ברעך איין טהירען, פענסטער... ברעך פאר מיינע קינדער!... איך וויל ברויט פאר די קינדער! — האָט געציטערט די מוטער פאר אונגליק און צאָרן.

— פערריקטע! — האָט דער מאן געענטפערט, און זיין פנים האָט זיך אויסגעקרימט פון א מאָדנעם שמייכעל.

און האלב משוגע פון פערצווייפלונג, האָט זי איהם א שליידער געטהאן דעם ברויט־באקס אין קאָפּ אריין מיט א ווילדען אויסגעשריי:

— עסען פאר די קינדער... איך צוריים דיר אויף שטיקער!

און דער אונגליקליכער איז ארויסגעלאָפען פון הויז.

די נאכט האָבען די קינדער קיין סאפער ניט געגעסען און הונגעריגע האָט זיי די מאמע שלאָפען צוליינגט....

און א גאנצע נאכט איז די פרוי ניט געשלאָפען. וועגען איהר מאן האָט זי געטראכט.

פריהער האָט איהר געשטיקט א ווילדער כעס: זי האָט נור אין איהר מאן געזהען די אורזאכע פון איהרע יסורים און פון די ליידען פון איהרע קליינע קינדער; אויף איהם האָט זי די גאנצע שולד געוואָרפען!

ווען ער זאָל וועלען — האָט זי געטראַכט — וואָלט ער געקענט פער־דיענען, ער וואָלט זיך עפּעס אויפּזוכען... ער וויל ניט... ער איז פויל... ער האָט קיין הארץ ניט... איהם ארט ניט פאר די קינדער.

און דער פרוי האָט זיך געדאַכט, אַז ער זיצט יעצט אין אַ ווארימער הויז ערגעץ וואו צווישען גוטע פריינד און עסט און טרינקט... און איהר האָט זיך געוואָלט ארויסלויפען פון הויז, לויפען אין די גאַסען ווי אַ משוגענע... פרעגען ביי יעדען איינציגען וואו איהר מאן איז, אויסגעפינען וואו ער איז... ארויפוואַרפען זיך אויף איהם, אריינעסען זיך מיט די ציינער אין זיין פּנים, אין זיין טרפה'נעם פּנים און שרייען מיט אַ ווילדען קול:

„האָסט אַנגעפלאַדיעט קינדער, גיב זיי עסען!!"

ווי אַ וואַהנזיניגע האָט זי גענומען ארומלויפען איבער'ן צימער, ביז עס זיינען איהר אויסגעגאַנגען איהרע שוואַכע כּוחות, די פיס האָבען גענו־מען חלש'ן און זי איז צוגעפאַלען צום בעט.

— פּאַפּאַ! — האָט אַ קינד אַ מורמעל געטהאָן פון שלאָף.

דער מאַמען האָט אַ ריס געטהאָן אין הארצען.

זי האָט זיך ארומגעקוקט. שטיל איז געווען ארום, אַ טויטע שטיל־קייט... אויף דער פענסטער האָט זיך אַנגעטהאָן דער פראָסט, און דרויסען האָט הערצרייסענד און בענומען דער ווינד געוויינט...

און די אויפגערעגטע פרוי האָט אין איהרע רעיונות דערזעהען ווי איהר מאַן וואַנדערט ארום אין די סטריטען אַ דערפראָרענער, אַ בלאַסער ווי אַ טויטער....

„ער איז גאָר אַ נאַקעטער," — האָט זי יעצט גאָר אַנדערש געטראַכט — אויפ'ן לייב אַ זומערדיגער לייכטער קאָוט'ל, אויף די פיס אַ פּאָר צוריסענע דינע זאָקען, צוריסענע שיך...."

דער פרוי'ס כעס נעהמט ביסלעכוויז פערשווינדען: רחמנות בעזעצט זיך אין דער צוריסענער, צופליקטער הארץ.

און איהרע צורודערטע רעיונות נעהמען פאר איהר שילדערען פערשיע־דענע עראַינערונגען, פערשיעדענע בילדער פון דעם פאָטער'ס הערצרייסענ־דער ליעבע צו די קינדער, צו די זעלבע קינדרלאַך, וועלכע האָבען זיך שלאָ־פען געלייגט נישט געגעסען.

אַט זעהט זי ווי ער קושט זיי, ווי ער האַלזט זיי, אַט זעהט זי ווי ער

איז זיך מוסר נפש ווען א קינד איז קראנק... ווי ער שלאפט ניט נעכט און זיצט ביי דער בעטעל פון דער קראנקער קינד.... אט זעהט זי א בילד, ווי ער בריינגט ווײדזשעס... פליהט אין סטאָר, קויפט אלע קינדערלעך שיכ־לעך... און ווען זי בעמערקט איהם, אז ער געהט דאך אליין ארום באָרוועס, טהוט ער אפילו אויף זיינע שיך ניט א קוק און איז אין זיבעטען הימעל פון גליק וואס די קינדערלעך האבען פערגעניגען.

יעדען אבענד, ווען ער פלעגט קומען פון דער ארבייט, האט ער געמעגט זיין ווי מיעד, ווי פערמאטערט, האט ער גלייך געכאפט זיך צו אלע דריי קינ־דער, און אזוי מיט די קינדער אויף די הענד סאפער געגעסען. און ביי איהם אויפ׳ן שוים זיינען אימער איינגעשלאפען די קינדער.

אט דערמאנט זי זיך אן א פאסירונג. גאר ניט לאנג האט עס געטראפען. זייערע עטעלע איז פערפאלען געוואָרען אויף צוויי שעה, וואס פון איהם איז געוואָרען! א טויטער מענש! און ווען עטעלע האט זיך אויסגעפונען, האט ער א שעה אויפ׳ן זייגער געוויינט פאר שמחה, געוויינט ווי א קינד.

וואס האט זי צו איהם? וועהטאגט דען ניט זיין הארץ אויף די קינדער אזוי ווי עס וועהטאגט איהר איינענע הארץ?

זעהט זי דען ניט, ווי ער ווערט פון טאג צו טאג שווארצער און פינסטע־רער, פאר וואס האט זי צו איהם שלאגען זיך געוואָרפען?

וואס איז ער שולדיג?!

און די פרוי׳ס הארץ נעהמט שרעקליך וועה טהאן אויף איהר מאן, און זי פיהלט אזוי ווי נעהמען און צורייסען אויף שטיקער איהר אנגעוועהטאגטע הארץ....

— פאפא — טהוט ווייטער א מורמעל א קינד פון שלאף....

— דיין פאפא, דיין אונגליקליכער פאפא! — איז די מוטער צוגע־פאלען צו דער שלאפענדער קינד און האט זיך ביטער צו־וויינט.

אין דרויסען קלאגט דער ווינד, קלאגט אזוי בענומען, אזוי הערצריי־סענד; עפעס אזוי ווי ער וואלט געווען א שליח פון דעם שווארצען, פון דעם פינסטערען קריזים.

און די פרוי׳ס הארץ ווערט צוזאמענגעדריקט פון שרעק.

וואו איז ער יעצט? וואו איז איהר מאן? וואוהין איז ער אוועק?

און דער שרעק וואקסט און וואקסט... און אט זעהט זי ווי איהר מאן

פאַלט אין סטריט א פערפראַרענער... אַט זעהט זי ווי ער געהט צו צו א טייך, ווארפט זיך אין וואַסער אריין....

און די אימה וואַקסט און כאַפּט ארום איהר גאַנצען וועזען.... עס קלאַפּט איהר א צאָהן אָן א צאָהן.

אין פענסטער נעהמט אריינקוקען דער בלאַסער מאָרגען.

מען האָט אין טהיר אָנגעקלאַפּט...

זי לויפט צום טהיר.

— ווער איז דאָס?

— איך — ענטפערט איהר מאַן.

זי עפענט די טהיר...

און איהר מאַן איז אין הויז אריין.

איין בליק, און זי האָט דערזעהען אז ער איז שכור, א ציטער איז איהר אריבער איבער'ן גאַנצען קערפּער.

— וואו ביסטו געווען? — פרעגט זי מיט א פערשטיקט קול....

ער ענטפערט גאָר נישט... און נעהמט עפּעס זוכען אין די פּאַקעטס.

— גע'שכור'ט? — פרעגט זי.

— יעס — ענטפערט ער מיט א מאָדנער שטימע.

— וואו האָסטו גענומען געלד?

— ביים באָס אין אָפיס א נדבה געבעטען....

ער זוכט אין די פּאַקעטס.... זוכט און זוכט....

פלוצלונג קרימט זיך אויס זיין גאַנצער פנים, אין די אויגען ציינט זיך טוידט שרעק....

אימיצער האָט דעם באָס'ס נדבה ארויסגע'גנב'עט...

III.

יעצט וועט ער שוין שווייגען.

אין א צייט פון א צרה העלפט זיך יעדער איינער אם בעסטען ווי ער קען נור!

ווען עס האָט אויסגעבראָכען דער קריזיס, האָט יעדער איינער, וועמען עס איז נור אויסגעקומען פון דער קריזיס צו ליידען, גענומען איינאָרדנען זיך לויט ווי די נייע אומשטענדען האָבען געפאָדערט.

יעדער איינער האָט געזוכט מיטלען ווי אזוי אריינצוברענגען דאָס וואָס דער קריזיס האָט ארויסגעבראכט.

דער באָס, וועלכער האָט איבער דעם קריזיס פערלאָרען עטליכע אָרדערס, האָט זיין שאדען, ווי ווייט עס איז נור מעגליך געווען, ארויפ־געוואָרפען אויף זיינע אַרבייטער:

געשניטען די ווייזשעס, געריסען די פרייזעס, געשונדען מיט א נייער אכזריות די, פון וועלכע מען האָט נור שינדען געקענט.

דער הענדלער, דער געשעפטסמאַן, וועלכער האָט איבער דעם קריזיס פיעל—ווענינ פון זיין טרייד פערלאָרען, האָט געזעהען ווי־עס־איז ארויסצו־רייסען זיין אָנווער פון די פערבליעבענע קונדען:

געהעכערט די פרייזעס אויף סחורה, ניט דערוועגען, ניט דערמאָסטען, געריסען פון טוידטע און פון לעבעדיגע.

און דער, ווער עס האָט ניט געהאַט פון וועמען צו רייסען און צו שינדען, האָט זיך זעלבסט גענומען שינדען.

האָט מען געמופט אין א ביליגערע דירה, אָדער מען האָט אריינגענומען באָרדער, אום צו פערקלענערען די אייביג שטיקענדע רענט, מען האָט גענומען שפּאָרען פון עסען, פון טרינקען, פון קליידער, פון די טעג, פון די יאהרען.

יעדער איינער האָט זיך געהאָלפען ווי ווייט ער האָט נור געקענט.

מאַקס שינדעלמאַן, וועלכער האָט געארבייט ביי וועבעריי, האָט פון דעם קריזיס נור א ביסעל געליטען. דער באָס זיינער האָט נור א ביסעל געקלענערט די פּרייזעס און האָט נאָך צו דעם ווענינער ארבייט ארויס־געגעבען.

אין די גוטע צייטען האָט שינדעלמאַן אויסגעארבייט זיינע אכטצעהן דאָלאַר א וואָך; זייט דער קריזיס האָט זיך אָנגעפאנגען, פערדיענט ער פון צעהן ביז צוועלף דאָלאַר א וואָך.

שינדעלמאַן איז א פאטער פון פיער קליינע קינדער, און פון אכטצעהן דאָלאַר א וואָך האָט מען קיין געלד שפּאָרען ניט געקענט. ווי אזוי־זשע לעבט מען פאַר צוועלף דאָלאַר?

די מיסעס שינדעלמאַן פלעגט איין מאָל אין וואָך אויף אַ טאָג אַריינ־נעהמען אַ וואַש־פרוי; די געדונגענע פרוי פלעגט צוואַוואַשען די וועש און פלעגט אויסקלינען די הויז פאַר דעם טאָג. דער פערגניגען פלעגט קאָסטען אַ דאָלאַר.

טהוט עס מעהר ניט די מיסעס שינדעלמאַן, און זי שפּאָרט איין דעם דאָלאַר — וואַשט זי און רייניגט אַליין.

ווען אַ געדונגענע הילף פלעגט דער מיסעס שינדעלמאַן אויסהעלפען. דאַן פלעגט ביי דער פרוי אַ מאָל אין אַ שמיטה אַרויסכאַפּען זיך אַ פרייע שטונדע און זי פלעגט קענען מיט די קינדער אַרויסכאַפּען זיך אויף אַ ווײַלע אויף דער פרייער לופט. יעצט קען זי דאָס ניט מעהר אַפּאָרדען, און זינט דער קריזיס האָט זיך אָנגעפאַנגען פערבלייבט די פרוי אין דער היים פּונקט ווי לעבעדיג בעגראָבען.

פון עסען שפּאָרט מען אויך!

אַ מאָל פלעגט די מיסעס שינדעלמאַן נעהמען יעדען טאָג אַ פונט און אַ האַלב פלייש. אַצינד בענוגענט מען זיך מיט אַ פונט.

אין גראָסערי פלעגט מען נעהמען דריי קוואָרט מילך טעגליך, יעצט נעהמט מען נור צוויי; מען פלעגט נעהמען זעקס אייער אַ טאָג, יעצט פערברויכט מען דריי, א. ז. וו.

אבער דער בוטשער דאַרף דאָך אויך מאַכען אַ לעבען, און דער גראָסער אויך. און מען איז ניט קיין אַרבייטער, מען איז ביזנעס־לייט; מען איז געוועהנט געוואָרען שפּאַרען אַ דאָלאַר. וואָס־זשע טהוט מען? מאַכט מען מאָנקי ביזנעס!...

זעהט דער בוטשער צו געבען דער מיסעס שינדעלמאַן אַזאַ מין גוטען חלק פלייש, אַז דער פונט זאָל אַריינברענגען פּרנסה ניט ווייניגער חלילה ווי די פריהערדיגע אַנדערהאַלבען פונט און דער גראָסער טהוט אויך זיין בעסט.

וואו מען קען ניט־דערוועגען, דערוועגט מען ניט; וואו מען ניט־דערמעסטען, דערמעסט מען ניט; וואו עס לאָזט זיך אַרויפרייסען אַ פּעני, רייסט מען אַרויף א. ז. וו.

און ווער קומט אָב מעהר פון אַלעמען? ער — דער אייביגער אַרבייטער, דער ווער עס האָט ניט פון וועמען צו פליקען און צו רייסען.

און ווען מיסיס שינדעלמאַן האָט דערלאַנגט סאַפּער צום טיש און איהר מאַן האָט גענומען עסען, האָט דעם וועבערס פּנים אויסגעקרימט זיך פאַר צאָרן און ערגערניש...

וואָס איז דאָס פאַר אַן עסען? — האָט מאַרקס בייז אָנגעקוקט זיין פרוי — דאָס ברויט איז הוילע טייג, דאָס שטיקעל הערינג איז פערפוילט, דאָס פלייש איז הוילע ביינער און פון די ביינער שמעקט פּאַדלע. — האָט דער וועבער אויסגערעכענט די מעלות פון דעם סאַפּער.

האָט דעם וועבערס ווייב אויף דעם געענטפערט:

— וואָס קען איך העלפען, מיין מאַנעלע? זינט מען נעהמט איין פונט פלייש איזדעקוועט זיך דער בוטשער איבער אונז, ער טהוט וואָס ער וויל.

— און דער הערינג און דאָס ברויט? — האָט מאַקס געפרעגט.

— דער גראָסערי מאַן איז ניט בעסער פון דעם בוטשער. — האָט די מיסיס שינדעלמאַן ערקלערט איהר מאַן — ווען מען איז קליינע קאַסטאָמער אין ניו יאָרק, דערשטיקט מען.

מאַקס האָט זיך מיט דעם ענטפער ניט בענוגענט, און דער הונגעריגער ארבייטער האָט זיך צובייזערט אויף זיין פרוי:

— איך צאָהל גוטע געלד. — האָט גע׳טענה׳ט דער ארבייטער — יעדער פעני קאָסט מיך בלוט... אויב זיי ווילען ניט פערקויפען קיין סחורה כאַפּט זיי די גוטע קלאָג... אבער ווען זיי נעהמען מיינע דאָלארס, דאַן זאָלען זיי מיך ניט בעשווינדלען.

— אמת, אמת. — האָט צוגעגעבען דעם וועבער׳ס פרוי.

— טאָ ווארום זאָגסטו דאָס זיי ניט? — האָט דער ארבייטער געקאָכט זיך — ווארום שווייגסט דו זיי? ווארום צושפּאַלסטו זיי ניט זייערע פּאַסקודנע ניעדערטרעכטיגע קעפּ.

— אזוי אפילו? איז שוין יעצט דעם וועבערס פרוי געוואָרען בייז, אזוי אפילו... איך זאָל געהן מיט זיי רעדען? און ווער האָט דאָס אויף דעם צייט? ווער קען זיך דאָס אָברייסען אויף אַ מינוטעלע פון הויז? איך ליעג דאָך ווי אַ בעגראָבענע. ווען איך קען ארויסגעהן, געהט מען אין אַן אנדער סטאָר... רעדט מען אויס, זידעלט מען אָן, גיט מען אָבטונג, מען זאָגט אַ דעה... אבער אז געהען קען איך ניט און מען טראָגט מיר אַלעס

ארויף... טהוט מען א ווארף ביים טהיר און שלאג זיך קאפ אן־דער־וואנד.

מאקס האט בעשיינפערליך געזעהן אז זיין ווייב האט רעכט; האט ער מיט איהר אבגעמאכט, אז מארגען ווען ער וועט געהן צו דער ארבייט, זאל ער זעלבסט פערגעהן אין גראסערי און בוטשער סטאר, און איןביידע פלעצער גוט אויס'טענה'ן זיך, פאר זיך און פאר איהר.

—ווארט, ווארט! — האט מיט כעס געערדט דער וועבער, וועלכער האט זיין סאפער אין מויל ניט געקענט נעהמען — ווארט, איך וועל זיי געבען די וועלט צו זעהן; פינסטער וועל איך זיי אין זייערע גנב'שע אויגען מאכען!

אויף מארגען פריה, צו ברעקפעסט, איז שינדעלמאנס כעס נאך פער־שארקערט געווארען, ווייל די ראללס זיינען געוועזן נעכטיגע, די פוטער איז געוועזן טוכלע און די מילך הוילע וואסער.

— באלד וועל איך זיך מיט זיי רעכענען! — האט דער ארבייטער זיך געטרייסט — איך וועל זיי שוין משלם זיין אי פאר נעכטיגען סאפער אי אפר היינטיגען ברעקפעסט.

— עפען זיי א מויל. — האט די ווייב אונטערגעגעבען מוטה איהר מאן — גיב זיי אוועק א פינסטערע גאב, אז זיי זאלען דיך האבען צו געדענקען.

— גנבים וועל איך זיי אנרופען, פליין גנבים! — האט מאקס ניט אויפ־געהערט צו קאכען זיך.

ווען מאקס האט שוין געזאלט פון הויז ארויסגעהן, האט צו איהם זיין ווייב געזאגט:

— אז שוין רעכענען זיך, האסטו בעדארפט צום לענדלארד אויך אריינ־געהן. אין וואשטאב געהט ניט ארונטער די וואסער; איך ווער אויסגעריסען און כאטש שריי „שמע ישראל“ העלפט עס ניט...

— וואס וויל ער די כאלעריע!! — מאכט מאקס — רענט צאהלט מען דאך.

— פערגעה צו איהם.

— שור, וועל איך פערגעהן. — האט מאקס פערשפראכען זיין ווייב — און איך וועל איהם אויך אוועקגעבען, וואס אויף מיין הארצען איז.

— מיט'ן הויזקיפער האסטו זיך אויך געדארפט אויסשמועסען. — גיט די פרוי איהר מאן נאך א דושאב.

— וואָס איז שוין מיט'ן הויזקיפּער? — פרעגט מאַקס.

— ווען נור אונזער צייטעלע געהט דורך דעם האָלל פאַלט ער אַן אויפ'ן קינד ווי אַ בייזער הונד.

— ווער? דער הויזקיפּער?! —— איז מאַקס אויפגעשפּרונגען.

— דער הויזקיפּער.

— צו איהם געה איך די מינוט אריין... אוי, וועל איך איהם פערגע־בען! ער וועט, דאַכט מיר, אנטלויפען אַ מייל ווייט, ווען ער וועט נור צייטעלען דערזעהען.

— גיב איהם, גיב איהם — האָט די מיסיס שינדעלמאַן אויפגערייצט איהר מאַן — גיב זיי אַלעמען, אַז די קלאָג זאָל זיי נעהמען.

און מאַקס שינדעלמאַן איז ארויס פון הויז מיט דעם גערדאַנק באַלד אָפּ־צורעכענען זיך מיט אַלע זיינע שונאים.

ווי מאַקס איז נור ארויס פון טהיר, קומט איהם דער לענדלאָרד אנט־קעגען.

ביי דעם וועבער האָט דאָס הארץ גענומען קלאַפּען ווי ביי אַ גזלן; געוויינטליך ווען ער בעגעגענט דעם לענדלאָרד, בעגריסט ער איהם פריינד־ליך, יעצט האָט דער ארבייטער געשוויגען.... און האָט אָנגעשטעלט אַ בייז פּנים אויף דעם לענדלאָרד.

— וואָס איז דער מעהר, מר. שינדעלמאַן? — האָט דער לענדלאָרד מיט אַ פראַגע בעגריסט זיין שכן — אַזוי שפּעט צו דער ארבייט? איז שוין סלעק?

דער וואָרט „סלעק" האָט געהאַט אַ מאָדנע ווירקונג אויף דעם ארביי־טער. איהם איז פּלוצלונג געוואָרען שווער אויפ'ן הארצען און ער האָט שוין מעהר קיין מוטה ניט געהאַט צו פערפיהרען מיט דעם לענדלאָרד אַן אר־גומענט.

— נאָ, איך בין ניט סלעק! — האָט מאַקס געענטפערט אונטער'ן נאָז און ער איז דרויסען ארויס.

מאַקס האָט נאָך צייט געהאַט צו געהן צו דער ארבייט. ער איז אָבער ניט פערגאַנגען ניט צום בוטשער, ניט אין גראָסערי און אויך ניט אפילו צום הויזקיפּער. עפּעס האָט זיך מאַקס'ען פערוואָלט וואָס שנעלער זיין אין

שאפּ. ער האָט אָבגעלייגט זיין „אָפּרעכענען" זיך אויף פּארנאכט, ווען ער וועט געהן צוריק פון דער ארבייט און ער איז גלייך אין שאפּ אוועק.

אין שאפּ האָט דעם וועבער ערווארטעט א סורפּרייז. מען האָט איהם און נאָך איינינע העגד אויף אַן אונבעשטימטער צייט אָפּגעלייגט די ארבייט.

ווען מאקס איז געגאנגען אהיים, האָט ער שוין געגוג, גענוג צייט גע־האט צו רעכענען זיך מיט'ן בוטשער, מיט'ן גרסערי־מאן און מיט אלע אי־בעריגע; ער האָט דאָס אָבער ניט געטהאָן.

ווען מאקס איז פערבייגעגאנגען דעם בוטשער סטאָר, איז איהם ארויף א געדאנק, אז יעצט וועט שוין מסתמא אויסקומען צו באָרגען דעם פונטיק „פּאדלע" און אָנשטאָט זידלען דעם בוטשער, האָט ער זיך פאר איהם זעהר פריינדליך און אונטערטהעניג פערנייגט.

דאָס זעלבע האָט פּאסירט מיט דעם גראָסערי־מאָן....

ווען מאקס איז פערבייגעגאנגען דעם לענדלאָרד'ס טהיר האָט ער א טראכט געטהאָן:

„יעצט וועט מסתמא אויסקומען צו ערנידעריגען זיך פאר דעם לענד־לאָרד און צו קלאָגען און צו בעטען, אז ער זאָל ניט אזוי רייסען די רענט און דעם וועבער האָט שטארק פערדראָסען, וואָס ער איז פריהער געווען אזוי אונ־פריינדליך צו דעם לענדלאָרד...

דאָס זעלבע איז אויך געווען מיט מאקס'ס פרוי. ווען זי האָט זיך דער־וואוסט פון דער גוטער בשורה, האָט זי מעהר ניט פערלאנגט, אז איהר מאן זאָל זיך געהן אָפּרעכענען מיט זייערע בלוטצאפּער... די פרוי האָט דער־פיהלט זיך אזוי געפאלען, אז זי איז אויך געווען צופריעדען, וואָס איהר מאן האָט זיך מיט קיינעם נישט איינגעריסען.

IV.

ווען מען קומט צו דעם.

צייטע איז א מוטער פון צוויי שעהנע קליינע קינדערלעך, און צייטע איז א הייסע, א ליבענדע מוטער, קיין גרעסערער גליק פון איהרע צוויי קינדער גיט נאָר פאר איהר ניט.

ווען מען פלעגט ווען עס איז צייטען דערצעהלען א געשיכטע, אז דארט און דארט געהען אוים קליינע קינדער פאר הונגער, פלעגט זי די ערשטע זאך א פרעג טהאן:

— האבען די דאזיגע קינדער א מאמען?

און ווען מען פלעגט נור צייטען מיטטהיילען, אז די דאזיגע קינדער, וועלכע עס געהען אוים פאר הונגער, האבען יע א מוטער, דאן פלעגט זי־ ענטפערען מיט א פעסטער, זיכערער שטימע:

—— איז די גאנצע מעשה א ליגען.

— פלעגט מען איהר פרעגען:

— ווארום עפעס א ליגען?

און איהר געזיכט פלעגט אויפפלאמען, און איהרע אויגען פלעגען זיך אנצינדען, און זי פלעגט ענטפערען:

— א מאמע וועט קיינמאל ניט דערלאזען, אז איהרע קינדער זאלען הונ־ גער ליידען...

— אבער ווי טהוט מען, בעהיט זאל מען ווערען, אז עס איז פארט ניטא מיט וואס דעם הונגער צו שטילען? — פלעגט מען דאך איהר פרעגען; האט זי רעדען נישט געלאזט און זי פלעגט איינפאך שרייען:

— נישט א מאמע! נישט א מאמע! זאלען מיינע קינדער נישט האבען וואס צו עסען, וועל איך ניט שווייגען. איך וועל געהן בעטלען, איך וועל אין די גאסען שרייען: „ברויט פאר מיינע קינדער" ! און זאל מען נישט געבען וועל איך זיך שלאגען, ווארפען, איך וועל אויסצאראפען אויגען, איך וועל פענסטער צוברעכען און פאר מיינע הונגעריגע קינדער וועל איך צום עסען דאקאזען!...

צו דער צייט, ווען צייטע פלעגט אזוי רעדען, זיינען איהרע קינדער זאט געוועזען און עס האט גאר ניט אויסגעקוקט, אז עס זאל זיי ווען עס איז אויס־ קומען הונגערען; אבער די מוטער האט געמיינט ערנסט מיט איהרע ווער־ טער; אין איהר האט דאס געררעדט די ברענענדע ליעבע צו איהרע קינדער.

צייטען בייטען זיך!

צייטעס מאן איז געוועזען אן ארבייטער, א גוטער פאך־מאן, וועלכער האט געהאט סטעדי ארבייט און שטענדיג פיין פערדיענט. זיינען אבער אנגע־ קומען שווערע ביטערע צייטען. צייטעס מאן האט זיין דזשאב פערלארען,

א לאנגע, לאנגע צייט איז עס סלעק געווען, ביז עס איז אנגעקומען א שוואר־צער, א פינסטערער טאָג און צייטע האָט נישט מעהר פערמאָגט מיט וואָס צו שטילען דעם הונגער פון איהרע קליינע קינדער.

ווען צייטעס קינדער האָבען געבעטען עסען און די מוטער האָט ניט גע־האַט וואָס צו געבען, איז זי ארויסגעלאָפען פון הויז, האלב משוגע פון אנגסט און שמערצען.

ווי זי האָט נור פערמאכט הינטער זיך די טהיר, איז איהר גלייך אריינ־געפאַלען א געדאנק אנקלאָפען אין דער טיהר פון מיסיס דראכמאן, איהר נעקסטדאָריגער שכנה, און בעטען בארגען א האלבען דאָלער, אם וויינינ־סטען א קוואָדער, און פאר די געבאָרגטע פּאָאר פּענים קויפען צום עסען פאר די קינדער.

עס האָט אויך בעפאָר פאסירט און טאקע גאנץ אָפט, אז צייטע פלעגט אויסבאָרגען ביי איהר שכנה קליין־געלד, ווען דאָס פלעגט איהר אויספעה־לען; אויך די שכנה פלעגט ביי איהר אָפט אויסבאָרגען געלד, און די הלואה פלעגט געמאכט ווערען גאָר אָהן קונצען — אנגעקלאָפּט אין טיהר, אריינגע־גאנגען און געבעטען וואָס מען דארף און א סוף... נור יעצטיגען מאָל, ווען צייטע איז צוגעאנגען צו די דראכמאן׳ס טיהר און געוואָלט אנקלאָפען, זיי־נען איהר די הענד געבליבען הענגען ווי אָפּגענומענע און דאָס הארץ איז אזוי ווי אָפּגעשטאָרבען.

צייטען האָט זיך געדאכט, אז אָן איהר געזיכט וועט מען שוין גלייך פערשטעהען צוליעב וואָס זי בעט דאָס באָרגען עטליכע פּענים...עס האָבען איהר גענומען ציטערען אלע גליעדער אזוי ווי פון קעלט... מיט א פער־שטיקטען אָטהעם איז זי געשטאַנען ביי דער טהיר פון דער שכנה, נישט וואָ־גענדיג אנצוקלאָפּען.

פּלוצלונג האָט זיך צייטען אָפּגעדאכט, איז אימיצער פּרובירט עפענען די טיהר פון אינעווייניג און, ניט וויסענדיג ווי אזוי דאָס איז געשעהען, האָט זי אין טיהר אנגעקלאָפּט...

— קאם־אין! — האָט זיך דערהערט פון אינעווייניג די מיסיס דראכ־מאן׳ס שטימע.

מיט א פערציטערטען הארץ איז צייטע אין הויז אריין. זי האָט גע־סטאַרעט זיך אויסקוקען פרייליך און מונטער, נור הפנים איהר סטאָרען זיך

איז געווען אומזיסט, ווייל ווי נור זי איז אין הויז אריין, האָט די מיסיס דראַכמאַן זי בעגעגענט מיט אַזא מין בעגריסונג:

— אוי וועה, צייטע, איהר קוקט אויס אזוי שלעכט אויפ׳ן פנים... עפּעס אזוי ווי איהר וואָלט צעהן טעג ניט געגעסען שונא ציון!...

ביי צייטען איז אין הארצען איינגעפאַלען... זי האָט דערפיהלט אזוי ווי די פיס וואָלטען איהר געווען אונטערגעהאַקט..

— יעס... איך פיהל... פיהל זיך טאַקע ניט אין גאנצען — האָט גענומען שטאַמלען די אונגליקליכע פרוי....

— געהט צו א דאָקטאָר... א כפרה די פּאָאר דאָלאר... דער געזונד איז טהייערער — האָט צייטעס שכנה געבייזערט זיך, גוטמוטהיג.

— געווים אזוי, געווים אזוי — האָט צייטע גערעדט צומישט, כמעט אליין נישט וויסענדיג וואָס זי ענטפערט.

— איהר ווילט עפּעס? — האָט געפרעגט די מיסיס דראַכמאַן...

ביי צייטען האָט דאָס הארץ נאָך מעהר און מעהר גענומען קלאַפּען; זי האָט אָבגעזאָגט א פּאָאר ווערטער, ווענען דעם נעכטיגען טאָג און שנעל ארויסגעלאָפען פון איהר שכנה׳ס הויז.

די אונגליקליכע מוטער איז האסטיג ארונטערגעלאָפען פון די טרעפּען אין האָלל און ניט וויסענדיג אליין צו וואָס און צו ווען, איז זי אין סטריט ארויסגעלאָפען.

צייטע האָט דערזעהען, אז אנטקעגען איהר קומט איהרע א שכנה פון דעם זעלבען הויז, פון גראונד פלאָאר; זי איז מיט דער שכנה געווען גאנץ גוט בעפריינדעט און עס איז איהר ארויף א געדאַנק צו בעטען ביי אָט דער שכנה באָרגען עטליכע פּענים.

— וואָס מאַכט איהר עפּעס, צייטע? — האָט די שכנה פון גראונד פלאָאר בעגריסט די מוטער פון די הונגעריגע קינדער.

— אָלל־ראַיט! — האָט צייטע געענטפערט, און זי האָט שוין געוואָלט צוגעבען:

— אפשר זייט איהר רייך אויף אויסצובאָרגען א האַלבען דאָלער. עס איז איהר אָבער געווען שווער אויסצורעדען אָט די עטליכע איינפאַכע ווערטער און זי איז געבליבען אויף א ווייל שטילשווייגען; נור אין הארצען

האָט זי פּעסט בעשלאָסען ניט אָבטרעטען פון דער שכנה ביז זי וועט ניט בעטען בּאָרגען א האלבען דאָלער.

— איז אייער מאן נאָך אלץ סלעק? — האָט א פרעג געטהאָן מיט א רחמנות'דיג קול די שכנה פון גראונד־פלאָאר.

— יעס, דערוויילע, אָבער ער וועט אין גיכען קריגען ארבייט — האָט ציילע געענטפערט, און די שכנה'ס פראַגע האָט ביי איהר צוגענומען די לעצ־טע ביסעל מוטה צו בעטען בּאָרגען געלד.

די שכנה איז אריין אין האָל פונ'ם הויז און ציילע איז געבליבען שטעהן אליין, פערלאָרען און אונגליקליך...

ארומקוקענדיג זיך, זיינען איהרע בליקען געפאלען אויף דער בעקערי־סטאָר, וועלכע עס געפינט זיך אין דעם זעלבען בלאָק, אויפ'ן צווייטען זייט סטריט און איהר איז אָט וואס ארויף אויף די געדאנקען: זי וועט אריינגעהן אין בעקער־סטאָר, וועט נעהמען ראָללס און עפּעס א רעכטע קייק, נאכהער ווען עס וועט קומען צו צאָהלען וועט זי זיך כלומר'שט צולאכען און וועט א זאָג טהאָן:

— „נו, ווי געפעלט עס ווענען? איך האָב פערגעסען טשענזש ארונטער־צונעהמען"... אין בעקערי־סטאָר קען מען זי זעהר גוט, זי איז דאָרט געווען א גאנץ גוטע קאָסטימער, און מען וועט ביי איהר די סחורה פון האנד ניט ארויסנעהמען... אזוי האָט ציילע געטראכט און זי האָט זיך געלאָזט געהן צו דער בעקערי...

ווען זי איז שוין געווען ביים רעכטען סטאָר, האָט זי זיך פּלוצלונג דער־מאָנט, אז עס איז שוין אריבער א צייט פון פיינע עטליכע וואכען זינד זי האָט אין בעקערי־סטאָר גאָר נישט געגעבען צו לייזען... און זי האָט זיך אָבגע־שטעלט אין צווייפעל....

די פרוי פון סטאָר האָט ארויסגעקוקט פון טיהר און האָט בעגריסט ציילען... ציילע האָט מיט א שמייכעל געענטפערט די בעגריסונג... אָבער אויספיהרען איהר נייעם פלאן האָט זי שוין פאר עפּעס ניט געקענט. זי איז פערבייגעגאנגען די סטאָר אין איילעניש און זיך פערקעהרט אויפ'ן קאָרנער, כדי אויף דער פרוי פון דער בעקערי־סטאָר מאכען דעם איינדרוק, אז זי איילט זיך וואו עס איז צו געהן. עפּעס אזוי ווי די פערוואלטערין פון דער בע־

קערי וואָלט געהאַט פערשטאַנען איהרע מחשבות און מיט איהר מאַנעווערע האָט זי, צייטע, געוואָלט פערניכטען יעדען חשד וועגען זיך.

א ווײלע פערבלײבענדיג אויפ'ן נעקסטען בלאָק, האָט זי א טראַכט געטהאָן וועגען דעם פרוכט סטענד אויפ'ן קאָרנער.

עס פלעגט אָפט פּאַסירען אין די גוטע צייטען, ווען איהר מאַן פלעגט ברענגען ווײדזשעס, פלעגט זי ארונטערקומען צום סטענדקיפּער אויסבײטען א צעהן־דאָלערדיגע... דער סטענדקיפּער האָט נעוואר פערמאָגט גענוג קעש אום אויסצובײטען אזא גרויסען בילל, און ער פלעגט אימער אין אזא געלעגענהײט אָנשלאָגען זיך מיט אויסבאָרגען א ביסעל געלד, א דאָלער אָדער מעהר, ביז זי וועט האָבען אויסגעביטען די אסיגנאַציע, און אָפט פלעגט צייטע טאַקע בענוצען זיך מיט דעם סטענדקיפּערס געפעליגקײט — איז צייטען א געדאַנק ארויף: זי וועט אויך יעצט צוגעהן צום סטענדקיפּער און בעטען כלומרשט טשענדזשען א „גרויסען בילל"... וועט ער דאָך מסתמא ניט האָבען און אזוי ווי געוועהנליך וועט ער געווים אָנבאָטען אויסצובאָרגען איהר א ביסעל געלד....

איז זי צוגעגאַנגען צום סטענד... דער סטענדקיפּער איז געווען שטאַרק ביזי און געהאַלטען אין איין לײזען און דאָ, קוקנעדיג ווי דער מאַן איז ביזי, האָט צייטע א טראַכט געטהאָן: און ווי וועט זיין, אז דער סטענדקיפּער וועט גראַדע אויף איהר גוטען מזל האָבען גענוג געלד אום אויסצובײטען איהר „גרויסען בילל"? און טראַכטענדיג אזוי, האָט צייטע שטילערהייד גענומען אָפּטראָגען זיך פון דעם פרוכט־סטענד.

און צייטע האָט קיין פּעני ניט געקראָגען, און ווען זי איז אריין צו זיך אין הויז, און אנטקעגען איהר זיינען געלאָפען איהרע צוויי הונגעריגע קינדערלעך... האָט זי געקענט זיי בעפרידיגען נור מיט א ביטערען געוויין...

V.

ניט פערווירקליכטע פלענער.

און א שווערער, עקאָנאָמישער קריזיס האָט זיך ווי א שוואַרצער, מעכטיגער, גרויזאַמער רויב־פויגעל ארונטערגעלאָזען און געלויערט איבער די קעפּ פון דער ניו יאָרקער שטאַרק־פּעראָרימטער אידישער בעפעלקערונג.

פאַטערס און מוטערס האַלב משוגע פון יסורים און פערצווייפלונג; אויסגעמוטשעטע, אויסגעמאַטערטע, הונגעריגע קינדער — אַלעס האָט זיך געצאַפּעלט צווישען זיינע אימה'דיגע, שטיקענדע פליגלען, און דער פערצוויי־פעלטער געשריי פון די קרבנות האָט אַנגעפילט די לופט!

די גרויזאַמע פינסטערע קעניגין, וועלכע עס איז בעקאַנט אונטער דעם נאָמען: נויטה! האָט ווייט און ברייט פערשפּרייט איהר שרעקליכע מלוכה און אין איהר ממשלה איז אויך אריינגעפאַלען משה פישעל דער קאַרפּענ־טער, זיין פרוי צירע פייגע און זייערע דריי קליינע קינדער.

אוים! ניטאָ קיין ארבייט! די גאַנצע וועלט איז אויסגעשטאָרבען. משה פישלען דאַרף מען ערגעץ ניט!

טאָג אין טאָג נעהמט ער מיט זיך זיין קעסטעלע מיט די אינסטרומענ־טען, געהט ארום זוכען א קונה אויף זיינע הענד. ניטאָ! קיינער דאַרף זיי ניט!

יעדען טאָג קומט משה פישעל אין העסטער סטריט פּאַרק, שטעלט זיך אוועק צווישען די איבעריגע נויטה־בעדערפטיגע ארבייטער. ער שטעהט און וואַרט און קוקט אוים די אויגען אפשר וועט זיך איינער גע־פינען וואָס דאַרף א קאַרפּענטער. ניטאָ! קיינער קומט ניט רופען איהם!

ער וואָלט אַבגעגעבען די נשמה, ער וואָלט זיך געלאָזט אויסצאַפּען טראָ־פּען־ווייז זיין בלוט, אָבער א פּעני פערדיענען... אוים, קיינער דאַרף עס ניט!

און אין דער היים וואַקסט די נויטה... הערשט גרויזאַם אָהן רחמנות... און עס קומט אָן א שוואַרצער טאָג און אין הויז איז מעהר קיין שטיקעל ברויט ניטאָ!

וואָס טהוט מען? ווי אַזוי ראַטעוועט מען זיך?

און משה פישעל דער קאַרפּענטער פאַלט אויף אַזאַ מין פּלאַן: ער וועט זיך פער'סמ'ען!

שטאַרבען וויל ניט משה פישעל, חלילה! ער האָט זעהר ליעב זיינע דריי קליינע קינדערלאַך, און דער געדאַנק, אַז זיינע קינדער וועלען בלייבען יתומים אָהן א פאָטער, שרעקט איהם מעהר, פיעל מעהר, איידער דער שוואַרצער טויט, וויל ער ניט שטאַרבען... נאָר אַזוי זיך, איינגעהמען א

ביסעל סם: ער זאָל נור קראַנק ווערען און מען זאָל איהם קענען אָפּראַטע־
ווען — דאָס איז משה פּישעל׳ס פּלאַן!

מיט דעם פּלאַן איז משה פּישעל אויסען נור אַ רעש אָנמאַכען: די
וועלט זאָל זיך וועגען איהם דערוויסען. און ער האָפט, אַז דאַדורך וועט ער
געהאָלפען ווערען.

דער סטאָליער האָט דאָ אין ניו יאָרק פריינד, בעקאַנטע, קרובים, נור
קיינער וויל פון איהם ניט וויסען. אַזוי לאַנג ווי ער לעבט, וויל קיינער ניט
הערען און ניט זעהען וועגען זיין שרעקליכער לאַגע. רעכענט משה פּישעל,
אַז ווען ער וועט אייננעהמען סם און עס וועט ווערען אַ געדודער, וועט מען
זיך דערמאָנען אָן איהם.... מען וועט דערזעהען אַז זיין לאַגע אַזי אַ גאַנץ
ערנסטע, און מען וועט איהם ווילענדיג ניט ווילענדיג מוזען מיט וואָס עס
איז העלפען...

קיין אַנדער וועג ווי אַזוי צו העלפען זיך, האָט דער סטאָליער פאַר זיך
ניט געזעהען...

און צירע פייגע, דעם סטאָליאַר׳ס ווייב, איז אויך געפאַלען אויף אַ
פּלאַן, שוין גאַר אַן אַנדער מין פּלאַן!

ניט איין מאָל האָט זי געהערט ריידענדיג וועגען איינעם אַ וואַנדער־
בילט, וועלכער עס געפינט זיך אויף דער פינפטער עוועניו.

געהערט האָט זי, אַז די וואַנדערבילטס זיינען גרויסע נגידים, אַז ביי
דיזע מענשען וואַלגערט זיך גאָלד אין די מיסט...

ווען משה פּישעל, איהר מאַן, איז געוועז גוט־אָב, פלעגט ער יעדען טאָג
לייענען אַ צייטונג און פלעגט כמעט יעדען טאָג דערצעהלען איהר וואונדער־
ליכע געשיכטעס פון די וואַנדערבילטס, און ניט איין מאָל זיינען אָט די
וואונדערבאַרע וואַנדערבילטס דעם סטאָליער׳ס ווייב צו חלום געקומען.

און צירע פייגע האָט אַזוי און אַזוי געטראַכט: זי וועט זיך אוועק־
לאָזען אין דער פינפטער עוועניו. אַ וואָס? זי ווייסט ניט אַקוראַט וואו
די וואַנדערבילטס געפינען זיך, איז זי אָבער ניט קיין גרינע אין אַמעריקאַ,
זי קען שוין רעדען אַ פּאָאַר ווערטער ענגליש, און זי ווייסט שוין צו וואָס עס
איז דאָ אַ פּאָליסמאַן אויף דער וועלט, וועט זי שוין דעם אַדרעס אויס־
געפינען...

און צירע פייגע איז זיכער, אז קוים טרעפט זי זיך פנים לפנים מיט דער מיסיס וואנדערבילט, און זי וועט זיך נעהמען אויסריידען א ביסעל איהר ביטער־הארץ, וועט זי זאל נור דערציהלען ווי אזוי איהרע קליינינטשקע טהייערע קינדערלעך קומען נעבעך אפ, ווי אזוי זיי ליידען הונגער — וועלען הארטע, קאלטע שטיינער צוואויינען זיך, און אהן הילף וועט מען זי שוין ניט אפלאזען.

און צירע פייגע האט זיך בעצייטענס גענומען פארשטעלען ווי זי טענה'ט דאס פאר דער מיסיס וואנדערבילט.... ווי זי קריגט א טהייערע מטבעה, און ווי זי קומט עס אהיים א גליקליכע, און ווי זי דערצעהלט עס איהר בריה'שאפט... און ווי זי קויפט איין פאר די קינדער גוטע זאכען צום עסען, קליידעלעך, שפיעלצייג... א. ז. וו.

און דעם סטאליער'ס ווייב איז געווען גאר זיכער אין דעם ערפאלג פון איהר אונטערנעהמונג.

רעדען, דערצעהלען אימיצען וועגען איהר פלאן האט צירע פייגע ניט געוואלט. זי האט מורא געהאט מען זאל זי פון דעם חלילה ניט אפשלאגען...

און ווען עס איז געקומען דער לעצטער טאג, ווען ביי דעם סטאליער אין הויז איז קיין ברויט ניט געווען... האט זיך צירע פייגע אנגעטהאן און איז אוועק וויט־ווייט צו דער פינפטער עוועניו צו...

צו דער זעלבער צייט וואס צירע פייגע האט געשפאנט צו די וואנדער־בילטס, האט משה פישעל גענומען זיך פאר אויספיהרען ז י י ן פלאן.

דער סטאליער האט ארויסגעשיקט די עלטערע צוויי קינדער פון הויז, די בייבי האט ער געמאכט צום שלאפען...נאכהער איז ער אוועק אין קי־טשען, גענומען א באקס שוועבעלעך, וועלכע ער האט צוליעב זיין צוועק אנגעגרייט, און ער האט די מעטשעס אוועקגעלייגט ווייקען זיך אין וואסער. נאכהער האט ער גענומען א פענסיל מיט א פייפער, און גענומען שרייבען א צוואה...

ווען ער האט זיך גענעצט שרייבען האט ער געשמייכעלט, ווייל ער האט דאך געוואוסט, אז ער געהט דא נארען די וועלט, און עס איז נור א „באגוס צוואה". נור ווען ער האט שוין גענומען שרייבען און דערמאנען זיך וועגען זיינע ארימע קינדערלעך, האבען דעם סטאליער'ס הענד גענומען ציטערען, און טרעהרען זיינען איהם געקראכען אין האלז אריין....

אַט איז די צוואה פערטיג... ער געהט אין קיטשען... ער האלט שוין אין האנד די גלאַז מיט גיפט... נור טרינקען קען ער ניט... ער האַט מורא געקראַגען...

דער סטאָליער פיהלט זיך די לעצטע צייט שוואך אין געזונד... יעדע ווײַלע נעהמט איהם אזוי שטארק קלאפען דאָס הארץ, און איהם דאכט זיך, אז אַט, אַט פאלט ער אוועק... און משה פישעל האַט פלוצלונג מורא גע־קראַגען, אז אפילו פון אביסעלע סם וועט ער ניט נור קראנק ווערען, נור ער וועט טאקע באמת שטארבען....

און דער סטאָליער דערזעהט פלוצלונג פאר זיך דעם שווארצען טויט... זיין אייגענע לויה... דער קבר... אַט זעהט ער ווי צירע פייגע און די קינ־דערלעך בעוויינען איהם... אַט זעהט ער ווי מען לייגט איהם אין גרוב אוועק... נאכט קומט! ! זיינע קינדערלעך זוכען דעם פאפא... זיי וויי־נען... זיין בלאַנדינקער באַיעלע, זשולינקע, שלאָפט מיט איהם צוזאמען... אָהן פאפא'ן האַט ער מורא צו שלאָפען... זוכט דער אָרימער נפש'ל דעם פאפא, וויינט: פאפא! פאפא!...

און ביי דעם סטאָליער טרייסעלט זיך די האנד, אין וועלכער ער האלט די סם... און פון די אויגען נעהמען זיך גיסען טרעהרען, און פאלען אין גלאַז אריין....

א ווײַלע לענגער טראכט ער... עס קומען די קינדערלעך פון נאָס... קלאפען אין טהיר...

— עפען, פאפא!

משה פישעל האַט אויסגעגאָסען די צואווייקטע שוועבעלעך. זיין פּלאַן האַט זיך ניט איינגעגעבען!

און צירע פייגע געפינט זיך שוין ניט ווייט פון דער פינפטער עווניו, אין דעם קווארטאל וואו עס וואוינען די ניו יאָרקער מיליאָנערען....

די הויכע, שעהנע פאלאצען, די קעררידזשעס, די אויטאָמאָבילס, די רייך־געקליידעטע דאמען און הערען ווארפען אָן א שרעק אויף דער אָרימער, אויסגעהונגערטער פרוי.

זי נעהמט זיך פיהלען פערלאָזען, זי האָט מורא א טראָט צו טהאָן; איהר נעהמט זיך דאכטען, אז יעדערער קוקט אויף איהר... און איהר פערגלוסט זיך

לויפען צוריק... אהין, אין דעם אידישען קווארטאל... דארטען איז זי ניט אזוי עלענד... דארטען זיינען דא נאך אזעלכע ווי זי....

דאך געהט זי ווייטער און ווייטער אויטאמאטיש, אזוי ווי א מאשינע. ביי איהר אין הארצען איז שוין ניט פערבליבען איין טראפען פון דעם מוטה מיט וועלכען זי האט איהר הויז פערלאזען. נור זי געהט ווייטער און ווייטער.....

אין די רייכע האטעלען ברענט די עלעקטריק.... און די פאלאצען ווערען אלץ העכער און שעהנער.... און צירע פייגען נעהמט שווינדלען אין די אויגען... עס דאכט זיך איהר, אז די שעהנע, הויכע מויערן פוןביידע זייטען סטריט וועלען באלד אויף איהר ארויפוואַרפען זיך, צואקוועטשען זי....

אט דערזעהט זי א פאליסמאן... איהר דאכט זיך דער פאליסמאן קוקט זי אן פערדעכטיג... אנשטאט פרעגען איהם וועגען די וואנדערבילטס, נעהמט זי זיך אבדרוקען פון דעם פאליסמאן אלץ ווייטער און ווייטער.

האט זיך איהר אבגעדוכט, אז דער פאליסמען געהט איהר נאך און זי איז נאך מעהר צוציטערט געווארען...

זי האט זיך דערמאנט אן א געשיכטעלע, וועלכע דער מאן האט א מאל פאר איהר געלעזען פון א צייטונג, ווי מען האט צונענומען אין א משוגעים־הויז א קרענק, וועלכער פלעגט בעטען געלד פון מיליאנערען.... פריהער האט זי וועגען דער געשיכטע גאר ניט א טראכט געטהאן... ווען עס וואלט איהר דאס ארויף אויף די געדאנקען, וואלט זי אפשר איהר גאנצע נסיעה אויפגעגעבען... נור יעצט, דער רייכער קווארטאל, דער פאליסמען, וועלכער איז איהר נאכגעגאנגען... דער שרעק, די ציטערניש האבען אויפגעטרייסעלט איהר גאנצען מח, און זי האט זיך אויך דערמאנט אן דער געשיכטע מיט דעם קרענק...

און צירע פייגען האט גענומען שרעקען איהר הארץ נאך מעהר און מעהר און איהר האט זיך גענומען דאכטען, אז אט, אט, מען טהוט זיך א ווארף צו איהר... מען נעהמט איהר פרעגען וואס טהוט זי דא? וואס דארף זי דא? זי וויים ניט וואס צו ענטפערן... מען פיהרט זי אוועק אין משוגעים־הויז... און איהרע קינדערלעך בלייבען אהן א מאמען....

א שארפער וועהטאג האט צוזאמענגעדריקט צירע פייגע׳ס פערקלעמטע

הארץ... זי האט זיך אומגעקעהרט און מיט שנעלע טריט איז די ארימע פרוי אהיים אוועק....

אויך צירע פייגע'ס פלאן האט זיך ניט איינגעגעבען!

VI.

זייערע ערשטע באָרדער.

די בינטשיקס זיינען א יונגע פּאָאר פּאָלק ערשט א יאָהר צוויי נאָך דער חתונה, האָבען זיי שוין אריינגעקראָגען מיט מזל א באָרדער, און דאָס איז זייער ערשטער באָרדער.

אָנגעלעבט האָבען די מענשען דעם באָרדער זייערען נישט פאר וואויל־טאָג, געבראכט האָט זיי צו דעם דער עקאָנאָמישער קריזיס, וועלכער האָט ווי א שווארצע פעסט אויסגעבראָכען און האָט גרויזאם געשטיקט די, וועל־כע עס מאכען א לעבען פון האנד צום מויל.

די בינטשיקעס האָבען פערנומען פיער צימערן: א שלאָפצימער, א פּארלאָר רום, א דייינינג רום און א קיך די גרויס ווי א גענעץ. און פאר פיער צימערען דארף מען אין ניו יאָרק צאָהלען פיינע דירה געלד.

ווען בינטשיק האָט געארבייט, האָט ער געקענט בעהויפּטען אזא לוק־סוס ווי אָנצוהאַלטען גאנצע פיער רומס, ווען עס איז אָבער געקומען דער קריזיס, און בינטשיק האָט געקראָגען א שניט אין דער פרנסה, איז די מאָ־נאטליכע רענט געוואָרען א זאך ניט נאָך זיינע כחות.

און דאן האָבען מאן און ווייב גענומען טראַכטען וואָס צו טהאָן; ווי אזוי צו פערקלענערען די הוצאה פון רענט צאָהלען.

צוויי וועגען האָבען די בינטשיקס פאר זיך געזעהען; אָדער אויפגעב־בען די פיער רומס, און אריבערקלייבען זיך אין דריי צימערען, אָדער טאַקע ווייטער אָנהאַלטען די פיער רומס און אריינגעהמען א באָרדער צום שלאָפען אין פראָנט רום.

די בינטשיקס זיינען ביידע גלייך געוועזן זעהר שטילע מענשען, שטיל און שעמעוודיג און דער געדאנק צו האָבען א פרעמדען מענשען אין הויז

האָט זיי עפּעס ווי געשראָקען. און מאַן און ווייב זיינען געווען מעהר גע־נייגט זיך אריבערצוקלייבען אין דריי רומס, און זיין אליין, אָהן א באָרדער.

איז אָבער דער דייגינג־רום סעט אין וועג געשטאַנען?

וואָס טהוט מען מיט דעם דייגינג־סעט?

ווען מען וועט האָבען נור דריי רומס, וואו וועט מען זיך מיט דעם אהינטהאָן?

פאַר'ן פראָנט רום איז דאָ א וויכער פראָנט־רום סעט, און אריינשטעלען אין קיטשען הייסט עס צו רואינריען די פאַרניטשור און נישט ביי בינ־טשיקען און נישט ביי רייטשלען זיין פרוי האָט געכאַפּט הארץ צו טהאָן אזא זאַך.

אזא סעט! אזא סעט! זעקס שטיק פון אמת גוטע האָלץ, און געדעקט מיט גוטען לעדער; עס האָט זיי געקאָסט אַן אייגענס מיט געלד, א האַל־בען נדן איהרען האָט רייטשעל אויף דעם דייגינג רום סעט פערספענדט, ווי נעהמט מען אזעלכע גוטע חפצים אוועקשטעלען אין א קיטשען?

אָט דער דייגינג־רום סעט איז רייטשעל'ס גאַנצער לעבען... יעדען פרייטאג פּוצט זי דאָס אויס מיט אזא מין לאַק און עס בלישצעט און עס גלאַנצט און עס נעהמט אָפּ אַן אויג... און די פרוי איז איינפאַך אין זיע־בעטען הימעל פאַר גליק....

וואָלטען זיי שוין געמופט אין דריי רומס, נור דער דייגינג־רום סעט שטעהט זיי אין וועג.

— וואָס־זשע וועט זיין? — פרעגט בינטשיק זיין ווייב — מופען אין דריי רומס אָדער אריינגעהמען א באָרדער?

— אוי, עפּעס א באָרדער? — מאַכט רייטשעל פערשעהמט — עפּעס א פרעמדער מענש אין הויז?

— נו, איז דריי רומס? — טהוט בינטשיק א זאָג.

— און דער דייגינג־רום סעט? — טהוט רייטשעל א פרעג — וואו טהוט מען אהין דעם דייגינג־רום סעט?

— אין קיטשען — זאָגט בינטשיק.

— אוי, וואָס רעדסטו? — ענטפערט רייטשעל און מען זעהט אז עס רייסט איהר נעבעך דאָס הארץ.

מאַן און ווייב פערטראַכטען זיך אויף א ווײַלע.

— היינט אפשר וואָלט געווען א סברא — זאָגט בינטשיק עפּעס ווי פער־טראַכט און ציהענדיג די ווערטער אזוי ווי פון פעך — היינט אפשר וואָלט געווען א סברא, דעם דיינינג־רום סעט אריינשטעלען אין פּארלאָר־רום.

— און דעם פּארלאָר־סעט? — שטעלט אוועק רייטשעל א קלאָץ־קשיה.

— אין בעד־רום וועלען מיר פּרואווען אריינשפּארען. — פּלאַנעוועט בינטשיק.

— און די גרויסע בעט? וואו וועט מען אהניטהאָן די בעט? וואו וועט מען שלאָפען?

— די בעט וועט אויך אריין אין פראָנט־רום.

— א שעהן פּנים וועלען אונזערע רומס האָבען, ווען מען זאָל צושטע־לען די פאָרניטשור אזוי ווי דו מיינסט — איז רייטשעל אויף איין האָאר ניט איינשטימיג מיט איהר מאַן.

— נו, טאָ זאָל זיין ווי עס איז יעצט. — גיט בינטשיק זיינע נייע פּלענער.

— וואָס הייסט: ווי יעצט? — בעגרייפט ניט רייטשעל, וואָס איהר מאַן מיינט מיט זיינע ווערטער.

— דער פראָנט־רום סעט אין פראָנט־רום — ערקלערט זיך בינטשיק עט־וואָס דייטליכער — די גרויסע בעט אין בעד־רום.

— און דער דיינינג־רום סעט? — שלאָגט איבער רייטשעל איהר מאַן.

— וועלען מיר פון דער קיטשען מאכבען א דיינינג־רום. — דריקט אויס בינטשיק א שפּאָגעל נייע סברה.

רייטשעל איז אָבער ניט פון די, וועלכע עס לאָזען זיך פון א מאַן א קאָפּ פערדולען, און זי טהוט א זאָג:

— אזוי! פון קיטשען מאכען א דיינינג־רום? און וואו וועט שטעהן דער אויווען? און דער וואש־טאָב? און דער סינק? און וואו וואשט מען? און וואו קאָכט מען? אין דיין דיינינג־רום? א פיינע דיינינג־רום וועט עס זיין?

בינטשיק זעהט, אז ער איז מיט זיין נייער סברה מיאוס דורכגעפאַלען, מאכט ער אויף א ווײַלע א שוויג.

— איז וואָס בלייבט? — דערמאָנט רייטשעל איהר מאַן וועגען דער דרינגענדער פראגע.

— מיר קענען אָבער פיער רומס ניט אָנהאַלטען — ענטפערט בינטשיק מיט אַ פעסטער שטימע.

— מוז מען נעהמען אַ באָרדער — זאָגט רייטשעל.

עס פערטראַכט זיך בינטשיק, עס פערטראַכט זיך זיין ווייב.... ביידע שטעלען זיך פאָר ווי ביי זיי אין די פיער רומס געפינט זיך אַ באָרדער.... עס איז ערשט צוויי יאָהר נאָך דער חתונה, מען איז נאָך אַ יונג פּאָאַר פאָלק.... מאַן און ווייב האָבען זיך נאָך גאַנץ ליעב און זיי נעהמען זיך פיהלען נישט אנגענעהם, פאָרשטעלענדיג זיך ווי אַ פרעמדער מענש וועט ביי זיי שטענדיג זיין אויף די אויגען. אָן אַנדערש מאָל פערגינט מען זיך אַ שפּיעל־טהאָן אין מיטען העלען טאָג.... אַז עס איז ניטאָ וואָס צו טהאָן, נעהמט מען זיך גאָר קושען אין מיטען „וויאמר"..... און דאָ וועט גאָר זיין אַ פרעמדער מענש.....

— איך רעכען פאָרט בעסער דריי רומס איידער אַ באָרדער — טהוט אַ זאָג בינטשיק.

— איך רעכען אויך אַזוי. — איז רייטשעל איינשטימיג מיט איהר מאַן'ס מיינונג.

אָבער אָט טהוט אַ קוק רייטשעל אויף דאָס ביסעל מעבעל אין דיינינג־רום, און עס ווערט איהר שווער און פינסטער אויפ'ן הארצען און איהר גאַנ־צער פנים בעדעקט זיך מיט אַ שווערען וואָלקען.

בינטשיק קוקט אָן זיין ווייב, און ער פערשטעהט זיין רייטשעל'ס מחשבות און עס ווערט איהם אויך שווער אויפ'ן הארצען און אויך אויף זיין פנים צושפּרייט זיך אַ מעלאַנכאָליע.

נור אָט האָט בינטשיק'ס פנים אויפגעשטראַהלט — דאָס האָט זיך דער מאַן דערמאָנט אָן צאַדיקאָוו'ען!

בינטשיק און צאַדיקאָוו זיינען לאַנדסלייט, און אַזוי ווי רייטשעל איז מיט איהר בינטשיקען פון איין שטאָדט, איז צאַדיקאָוו אויך איהרער אַ לאַנדסמאַן.

אמאָל ווען ער, בינטשיק, און זיין רייטשעל זיינען נאָך ניט געווען פער־הייראטה, פלעגען זיי זיך ביידע טרעפען אָט מיט דעם צאַדיקאָוו'ען; מען איז געווען נאָהענטע בעקאַנטע און אויף בינטשיק'ס חתונה איז צאַדיקאָוו גאָר אַ גאַנצער מחותן געווען.

מיט א יאָהר דריי צוריק איז בינטשיק צוזאמען מיט צאַדיקאָוו׳ען אויף איין לאָזשי געשטאַנען און בינטשיק דערמאָנט זיך יעצט, וואָס פאר א טהייערער, וואָס פאר א זעלטענער באָרדער אָט דער צאַדיקאָוו איז געווען. בינטשיק גערענקט זיין לאַנדסמאַן אַלס א גרויסער האָרעפּאַסניק... ער געדענקט ווי צאַדיקאָוו פלעגט ארבייטען שבת און זונטאג און כמעט אַלע נאַכט אָווערטיים, צאַדיקאָוו פלעגט נעוואר אין דער היים א מינוט זיצען. אויב עס פלעגט זיך מאכען א שטונדע וואָס ער פלעגט ניט האָבען קיין ארבייט, פלעגט ער געהן אין א מרחץ, נור אין הויז פלעגט ער נעוועך זיצען.

און בינטשיק׳ען איז ארויפגעקומען א געדאַנק דאָקאַזשעו זיין לאַנדסמאַן אַלס א באָרדער....

דאָס וואָלט געהייסען טאַקע א באָרדער און צו דערזעלבער צייט עפּעס ווי גאָר נישט קיין באָרדער.

קיין פרעמדער מענש איז דאָך דאָס ניט.... הייסט א מענש, וואָס קומט נור אַהיים איבערשלאָפען איז דאָך גלאַט א פערגניגען צו האָבען אַלס א באָרדער.

בינטשיק האָט דערצעהלט רייטשלען וואָס ער טראַכט און ביי דער פּאָאַר פּאָלק איז געבליבען אויפזוכען זייער גוטען לאַנדסמאַן און אריינגעהמען איהם אין באָארד...

און די בינטשיקס האָבען זייער לאַנדסמאַן אויסגעפונען און צאַדיקאָוו איז זייער באָרדער געוואָרען, זייער ערשטער באָרדער.

דער קריזיס מאַכט ניט קיין אויסנאַהמע מיט סינגעל־לייט און צו דער זעלבער צייט, וואָס בינטשיק איז געווען אויף צרות, האָט שוין צאַדיקאָוו אויך מעהר נישט געהאַט זיינע אַמאָליגע צייטען און דער מאַן האָט זיך גוט ארומגעפּלאָגט; בינטשיק האָט אויף דעם גאָר ניט פערטראַכט, דערוואוסט האָט ער זיך פון דער צרה דאַן, ווען צאַדיקאָוו איז שוין ביי איהם אין פראָנט־רום איינגעשטאַנען....

און זינד צאַדיקאָוו האָט פערלאָרען די ארבייט איז ער געוואָרען גאָר אַן אנדער מענש, עפּעס גאָר ניט אזא ווי בינטשיק האָט איהם געדענקט.

צאַדיקאָוו איז געווען אַ היימישער מענש... אָבער טאַקע גאָר אַ היימישער.... ער געהט ניט ארויס פון הויז אויף א מינוט ניט... ווייטער האָט בינטשיק זיך דערוואוסט, אז דער צאַדיקאָוו איז זעהר א פריינדליכער מענש

און האָט אימער ליעב זיך צו געפינען מיט אַמיצען צוזאַמען.... אויף איין מינוטעלע האָט דער מענש ניט ליעב צו פערבלייבען אַליין... און וואו עס געפינט זיך נור ער, בינטשיק, און זיין פרוי, דאַרטען געפינט זיך אויך זייער היימליכער באָרדער.... איז בינטשיק און זיין רייטשעל אין פראָנט־רום... איז צאַדיקאָוו אויך אין פראָנט־רום.... געהען זיי אַוועק אין דיינינג־רום... געהט ער אויך אין דיינינג־רום.... איז מען אין קיטשען, איז ער אויך דאָ.... אפילו אין בעד־רום לאָזט ער זיי אָפּ נור ביי־נאַכט.... ביי־טאָג געהט ער זיי נאָך אין בעד־רום אויך....

און זינד צאַדיקאָוו האָט אריינגעמופט צו די בינטשיקס, זיינען די פּאָאר פאָלק קיין איין מינוט ניט פערבליבען אויג אויף אויג אָהן דער אנוועזענהייט פון זייער באָרדער!

צאָהלען צאָהלט ניט צאַדיקאָוו; ער ארבייט ניט האָט ער ניט מיט וואָס צו צאָהלען... שוין דריי חדשים, אז ער וואָהנט ביי די בינטשיקס און ניט בינטשיק און ניט רייטשעל האָבען די מוטה צו בעטען בעצאָהלט פון זייער לאַנדסמאַן....

און אונזער פּאָאר פאָלק ווערען ביידע באַלד משוגע פון צרות איבער זייער נייעם באָרדער...ביידע וואָלטען גערן פּטור ווערען פון זייער אונגליק, אָבער ניט בינטשיק און ניט רייטשעל קענען אַ וואָרט זאָגען זייער באָרדער ווענען דעם וואָס זיי ווילען.

ווענען קושען זיך אָדער ווענען אַ שפּיעל טהאָן זיך ביי טאָג איז שוין גוט־באַי ביי די בינטשיקס! מען קען ניט! צאַדיקאָוו איז שטענדיג אויף די אויגען... מען איז דאָך אָבער ניט מעהר ווי זינדיגע מענשען, און ווי מאַן און ווייב האָבען זיך ליעב, פונדעסטוועגען מוז מען דאָך אַן אנדערש מאָל דורכווערטלען זיך... וואָס־זשע טהוט מען? וואו בעגראָבט מען זיך פון דעם באָרדער? האָבען די בינטשיקס אַ לאַנגע צייט דורך דעם זעהר געליטען, נור יעצט האָבען זיי אַ מיטעל געפונען... ווען מאַן און ווייב פיהלען, אז מען מוז אַ קריעג טהון זיך אַ ביסעל, געהען זיי אַוועק אויפ׳ן רוף און דאָרטען גיסט מען אויס די הערצער.

און אזוי ווערגען זיך די בינטשיקס מיט זייער ערשטען באָרדער!

VII.

דער געפונענער דאָלאר.

פינסטער און שוואַרץ איז אויפ'ן האַרצען פון יענער אונגליקליכער מאַמע, וועלכע עס מוז צוקוקען ווי איהרע קליינע קינדערלאַך ליידען הונגער, און זי פערמאָגט ניט מיט וואָס דעם הונגער צו שטילען.

אַזעלכע מאַמעס געפינען זיך גאַנץ גענוג אין דעם ניו יאָרקער אידישען קוואַרטאַל צו יעדער גוטער צייט און ווען די צייטען זיינען שלעכט, ווען עס פאַלט אויס אַן עקאָנאָמישער קריזיס, גרעסערט זיך און מעהרט זיך די צאָהל פון אַזעלכע מוטערס.

* * *

ווען לילי, אַ מיידעלע פון אַ יאָהר אַכט, איז פון סקוהל אַהיים געקומען, האָט זי געזאָגט צו דער מוטער:

— מאַמאַ, אַי עם האַנגרי!

לילי'ס מוטער האָט ניט פערמאָגט קיין שטיקעל ברויט אין הויז און דער אָרימער פרוי האָט אַ ריס געטהאָן אין האַרצען און איהר בלייכער געזיכט איז נאָך בלייכער געוואָרען פון איהר קינד'ס ווערטער.

— איך ווייס גאָר ניט, טאָכטעריל, וואָס צו געבען דיר עסען — האָט די מוטער געזאָגט.

— עניטהינג — האָט געענטפערט די סקוהל־מיידעלע.

—עס איז גאָרנישט ניטאָ אין הויז, מיין קינד.

— אַי עם ווערי, ווערי האַנגרי!

— אָט פּאַפּאַ וועט קומען, וועט ער ברייגנגען געלד, וועל איך אַרונטער־געהן עפּעס קויפען צום עסען.

— ווען קומט פּאַפּאַ? — האָט לילי געפרעגט.

— באַלד, מיין קינד — האָט געענטפערט לילי'ס מאַמע מיט אַ שוואַכער שטימע, און איהר שטימע איז געוועזען שוואַך דאַרום, ווייל די פרוי האָט אין איהר פערשפּרעכען שטאַרק געצווייפעלט.

פריה־מאָרגענס, ווען לילי'ס פאָטער האָט דערזעהען, אַז אין הויז אין קיין שטיקעל ברויט ניטאָ, האָט ער זיך אָוועקגעלאָזט צו פריינד, מיט דער האָפנונג צו קריגען עטליכע דאָלער אויסגעבאָרגט.

און בעפאר דער מאן איז פון הויז ארויס, האט די פרוי צו איהם אזוי און אזוי געזאגט:

— זאלסט וויסען, אז לילי איז אוועק אין סקוהל ניט א געגעסענע.

— איך ווייס, איך ווייס — האט געענטפערט לילי'ס פאטער, מיט א שטימע, וועלכע איז געווען פערשטיקט פון ברענענדע יסורים.

— דו מוזט ברענגען עפעס געלד צו דינער, ווען ניט, וועט לילי נאך דינער מוזען לויפען אין סקוהל ווייטער ניט א געגעסענע...

— איך וועל קומען בעפאר דינער.

— זאלסט וויסען זיין אז איך האב ניט וואו צו בארגען, איך האב ניט וואו צו לייהען אפילו א צובראכענע פעני — האט די פרוי ערקלערט איהר מאן די לאגע — און אין גראסערי וועט מען אפילו א ציבעלע ניט בארגען. און אין סטריט קען איך די אויגען ניט ציינגען, ווייל איך בין אלע שכנים שולדיג געלד... דא א ניקעל, דא א דיים, דא א קוואדער....

— אללרייט, אללרייט — האט געענטפערט דער מאן.

— דו מוזט קומען בעפאר דינער, ווען ניט, וועט לילי הונגערען — האט די פרוי פערשווארען איהר מאן צו קומען....

און דאך איז לילי'ס פאטער נישט געקומען... ער איז נישט געקומען צו דינער און יעצט איז שוין באלד אבענד און ער איז נאך אלץ ניטא....

איז ביי לילי'ס מוטער שווער אויפ'ן הארצען... זי ווייס גאר ניט וואס איבערצוטראכטען וועגען איהר מאן... עס קריכען איהר אין קאפ פערשיע־דענע שרעקליכע רעיונות, נור דאך האפט זי, אז איהר מאן וועט באלד קו־מען, און זי טרויסט זיך און טרויסט דאס ארעם קינד מיט דער האפנונג, אבער די טרויסט ווערט אלץ שוואכער און שוואכער.

— מאמא, איך וויל עסען...

די מוטער שפרינגט אויף אזוי ווי א שלאנג וואלט זי א ביס געטהאן....

— ווייסטו וואס, מיין קינד? געה אין גראסערי!

— איך וועל געהן, מאמא, איך וועל געהן — איז לילי זעהר גערן מיט איהר מוטער'ס פארשלאג.

— ברענג פאר דריי סענט זעמעל און א פערטעל פונט פוטער — אר־דערט די מוטער, וואס צו ברענגען פון גראסערי.

— גיב מיר געלד! — בעט לילי.

דער מוטער׳ס געזיכט קרימט זיך אויס פון א ביטערער איראָניע און זי זאָגט צו דעם קינד:

— זאָג דאָרט, אז שפּעטער וועל איך זיין אין סטאָר, און איך וועל בע־צאָהלען.

— אָללרייט — ענטפערט לילי.

און דאָס קינד איז אין גראָסערי סטאָר אוועק...

און די מוטער זיצט און וואַרט... און וואַרטענדיג, טראַכט זי אַלץ, וואָס דער גראָסערי־מאַן וועט ענטפערען איהר קינד... אָט דאַכט זיך איהר: די סטאָר איז פול מיט פרויען... לילי געהט אריין, בעט זעמעל און פּוטער, דער גראָסערי־מאַן טרייבט דאָס קינד ארויס... און נאָכהער דערצעהלט ער פאַר אַלע פרויען... אז מען איז איהם שולדיג א סך געלד און מען וויל ניט בעצאָהלען, און מען האָט נאָך די חוצפּה צו שיקען א קינד וויטער באָרגען...

לילי׳ס מוטער פיהלט ווי די בלוט קומט איהר צו צום פּנים פאַר בזיונות... עס פערדריסט איהר שוין וואָס זי האָט דאָס קינד געשיקט.

נור אָט קומט ארויף לילי...

די מאַמע דערזעהט גלייך, אז דאָס קינד איז געקומען מיט ליידיגען און עס טהוט איהר וויטרע א ריס אין הארצען.

— נו, וואָס? — פרעגט די אונגליקליכע מאַמאַ מיט א פערשטיקטען אַטהעם....

— דער גראָסערי־מאַן האָט געזאָגט דו זאָלסט אליין קומען.

— איז אימיצער געווען אין סטאָר? — פרעגט לילי׳ס מוטער.

— קיינער נישט... נור דער גראָסערי־מאַן....

די פרוי כאַפּט אָפּ דעם אָטהעם....

— געה, מאַמאַ, אין סטאָר... איך וויל עסען — בעט זיך דאָס קינד.

— אָט באַלד, פּאַפּאַ וועט קומען, וועל איך געהן....

— ווען קומט פּאַפּאַ?

— באַלד, לילינקע.... ער וועט מוזען באַלד אונטערקומען....

— איך וועל געהן אין סטריט זעהען אויב ער געהט — טהוט א זאָג די פערהונגערטע מיידעלע...

— יעס, מיין קינד, געה!

און לילי איז אוועקגעלאָפען אין סטריט....

און אין א ווײַלע אַרום איז לילי אַרויפגעלאָפן מיט גרויס שמחה.

— לוק, מאמא, לוק, זעה וואָס איך האָב געפונען! מאָני!

און לילי האָט געצייגט א פּייפּער־ביל.

— א דאָלאַר! — האָט לילי'ס מוטער אויסגעשריען ניט מיט מענשלי־כע קרעפטען, א דאָלאַר! קינד מיינע, לילינקע, ווי אַזוי? וואו, דאַרלי מיינע טהייערע?!

— אָט דאָ לעבען הויז...

די פרוי האָט געציטערט פאַר גליק...

— יעצט לויף איך אַרונטער, קויף גוטע זאכען און מאַך פאַר מיין מזל־דיגער טאָכטער א טהייערען, א גוטען דינער — האָט לילי'ס מאמא געשפּרונ־גען פון גליק...

— און איך ווייס ווער עס האָט דעם דאָלער פערלאָרען — טהוט זיך א זאָג לילי גאַנץ אונשולדיג...

דער מאמען גיט א קלאַפּ איבער'ן האַרצען!....

— פון וואַנען ווייסטו?

— איך האָב געזעהען די מיסיס ניומאַן פון ערשטען פלאָאָר זוכט עפּעס...

— איז פון וואַנען ווייסטו וואָס זי זוכט?

— טעסי, איהר מיידעלע, האָט מיר געזאָגט: מאמא האָט געלד פער־לאָרען...

— האָסטו געזאָגט טעסי'ן, אַז דו האָסט געפונען? — פרעגט לילי'ס מאמא מיט א פערשטיקטען אָטהעם....

— ניין, איך האָב גאָר נישט געזאָגט.... איך בין געקומען דיר פריהער זאָגען...

ביי דער מוטער פאַלט אַרונטער א שטיין פון האַרצען....

אבער גלייך בעדעקט זיך איהר געזיכט מיט א שווערען וואָלקען.

לילי'ס מאמא איז נישט קיין אונוויסענדע פרוי, זי ווייס וואָס עס הייסט ערציהען א קינד, און אין איהר קליינער מיידעלע האָט זי אימער געסטאַרעט זיך גוטע מידות פערפלאַנצען... וואָס זאָל זי יעצט טהאָן? ווי זאָל זי האַנדלען?.... זאָל זי דעם דאָלער פערנעהמען? און ווען לילי וועט פראַגען שטעלען? וואָס זאָל זי ענטפערען? און ווען לילי לויפט אַרונטער דאַון־סטערז, און פּלאַפּעלט אויס, אַז זי האָט דעם דאָלער געפונען? זאָל זי פער־

זאָגען לילי'ן צו שווייגען ?... ווי וועט איהר מיידעלע דאָס פערשטעהען ? וועט זי צום מאָל נישט בעטראַכטען די מוטער אַלס א גנב'טע ?....

— מאַמא, איך וועל געהן פרעגען דער מיסים ניומאַן אויב זי האָט דעם דאָלאַר פערלוירען ! — טהוט א זאָג לילי גאַנץ אונשולדיג...

— יעס ! געה !

די מוטער האָט מיט א פערשטאַרבענעם הארצען געוואַרט אויף לילי'ס צוריק־קומען....

„אפשר האָט דאָס קינד עפּעס א טעות... אפשר איז דער דאָלאַר נישט דער מיסים ניומאַן'ס" — האָט די מוטער געפּרובירט האָפען, אָבער איהר האָפנונג איז באַלד פערשוואונדען געוואָרען....

לילי איז צוריקגעקומען...

— נו ?

— יעס, מאַמא, דאָס איז די מיסים ניומאַן'ס דאָלער.

— וואָס האָט זי געזאָגט ? — פרעגט לילי'ס מוטער.

— זי האָט געזאָגט, איך בין א וועריִ נייס גוירל... זי איז אוועק אין קייק־סטאָר, געקויפט קייקס און געוואָלט מיר געבען.

— נו, פאר וואָס האָסטו ניט גענומען ? — פרעגט די מוטער....

— זאָגסט דאָך מיר אימערצו, אז איך זאָל ביי קיינעם גאָר נישט נעה־מען — האָט לילי געענטפערט דורך פערשטיקטע טרעהרען ; און די הונגע־ריגע מיידעלע האָט זיך צוואויינט....

— לילינקע, קינד מיינע — האָט די מוטער געכאַפּט קושען דאָס קינד... אָט קומט פּאַפּאַ... וועל איך דיר קויפען קייקס וויפיעל דו ווילסט אַליין...

— אִי עם האַנגרי, מאַמאַ !

און די אונגליקליכע מוטער האָט מעהר נישט אויסגעהאַלטען און זי האָט זיך צוואויינט צוזאמען מיט איהר קינד...

VIII.

דעם לענדלאָרד'ס רחמנות.

אז ארבייטסלאָזער שכן, וועלכער האָט גרויס נויטה געליטען, האָט זיך

געוועגדעט צום לענדלאָרד מיט אַ געפעליגסטער בקשה, ארונטערצולאָזען עט־וואָס פון די מאָנאַטליכע רענט.

דריי יאָהר באַלד, אַז דער שכן וואָהנט אין דעם זעלבען הויז, ביי דעם זעלבען לענדלאָרד, דריי יאָהר האָט מען געצאָהלט רעגעלמעסיג און פּינקט־ליך אַזוי פיעל רענט, וויפיעל דער לענדלאָרד האָט זיך נור געהייסען געבען!

פאַר די דריי יאָהר צייט האָט דער לענדלאָרד דריי מאָל די רענט גע־העכערט. אָנפאַנגס, ווען דער שכן האָט אין דער הויז אריינגעמופט, האָבען די רומס געפּרייזט זיך צוועלף דאָלער אַ חודש; נאכהער האָט מען געהע־כערט צוויי דאָלער רענט מיט איינמאָל; אין אַ צייט אַרום האָט מען ווייטער אַ דאָלער געהעכערט, און באַלד נאָך אַ דאָלער, און יעצט צאָהלט דער שכן זעכצעהן דאָלער אַ חודש.

אַנדערע שכנים האָבען זיך נישט געלאָזען אַזוי לייכט שינדען; מען האָט געשריען, געליאַרעמט, געמופט, נור אונזער שכן האָט געדולדיג ארוי־בערגעטראָגען דעם לענדלאָרד'ס גזרות, נישט ווייל דער שכן איז רייך געווען און אַ דאָלער האָט אַ קנאַפּע ראָלע געשפּיעלט, נישט דערפאַר חלילה! עס איז טאַקע געווען זעהר שווער, זעהר ביטער צו צאָהלען די איבעריגע רענט, נור מען איז שטילע מענשען געווען, האָט מען שטילערהייט געליטען.

נור יעצט האָט די ביטערע נויטה געבראַכט צו דעם, אַז דער שכן זאָל אַפּעלירען צו דעם לענדלאָרד'ס גוטען ווילען.

פערלאַנגט האָט דער שכן אַן ערלייכטערונג אויף צוויי דאָלער אַ חודש, ביז עס וועלען אָנקומען בעסערע צייטען.

אַ שטילער מענשעל איז דער שכן געווען, אַ שטילע, שעהמעדיגע בעשע־פענים איז דעם שכן'ס פרוי געווען. און ביי ביידען גלייך, אי ביי דעם מאַן, איז ביי דער פרוי, זיינען די הערצער מיט פיעל בלוט בעגאָסען געוואָרען ביז מען האָט פאַר דעם לענדלאָרד אויסגערעדט דאָס, וואָס מען האָט פון איהם פערלאַנגט.

— מיינט איהר, חלילה, איך וועל אַזוי לאַנג זיין אָהן ארבייט? — האָט דער שכן גערעדט, און אין זיין קול איז געלעגען אַזוי פיעל געבעט, אַזוי פיעל אונטערטעניגקייט — מיינט איהר, חס ושלום, עס וועט אַזוי לאַנג ציהען? אַ חודש! אויב צוויי חדשים, וועט דאָס שוין זיין אַ זאַך וואָס איז גאָר אונ־מעגליך, און ווי איך קריעג נור ארבייט, צאָהל איך ווי אַ מאָל....

דער לענדלאָרד האָט געשוויגען.

— איהר ווייסט דאָך שוין — האָט דער שכן ווייטער געבעטען זיך — איהר ווייסט דאָך שוין, אז ביי מיר איז רענט דער ערשטער חוב.

— נו, וואָס־זשע דען? — האָט דער לענדלאָרד א זאָג געטהאָן מיט א קאַלטער, הארטער שטימע — געוויס מוז מען צאָהלען רענט — עס קאָסט אונז אויך... מיר קריגען גאָר נישט אומזיסט... טעקסעס, בעהייצען, א הויזקי־פּער, פלאָמבינג, פיקסען, פיינטען.... מיר פערדיענען גאָרנישט. מיר דער־לעגען נאָך מאנכעס מאָל... צו אונזערע טענענטס...

דער לענדלאָרד האָט א שווערען זיפץ געטהאָן.

— מאָהלט אייך, אויף אַלע אידען געזאָגט געוואָרען אחוץ אייער שאָ־דען — האָט א זאָג געטהאָן דעם שכן'ס ווייב.

און ווי דער לענדלאָרד האָט ניט געטרייעט אויסצוקוקען ערנסט, האָט דאָך אויף זיינע ליפּען א שמייכעל זיך געצייגט.

— מיר זיינען דאָך עפּעס אַלטע טענענטס — האָט דער שכן נישט אויפגעהערט צו בעטען זיך — און גוטע שכנים, מען מאַכט ניט אָן קיין טראָ־בעל, מען צאָהלט צו דער מינוט....

— און מען וועט 'מרצה'שם ווייטער אויך צאָהלען — האָט דעם שכן'ס ווייב אונטערגעהאָלפען איהר מאַן — עס איז גאָר ניט אזא סכנה... 'מרצה'־שם די סלעק וועט אריבער, וועלען מיר אין א דאָלאר ניט שטעהן...

— מיר וועלען נאָך דאָ וואָהנען און וואָהנען — האָט דער שכן מיט חניפה גערעדט — און אזוי פיעל געזונדע מזל'דיגע יאהר זאָלען מיר אַלע האָ־בען וויפיעל זעכצעהן־דאָלערדיגע אונזער לענדלאָרד וועט נאָך ביי אונז צו־נעהמען.

— מ"ה! — האָט די פרוי געהאָלפען מינטערען איהר מאַן — מ"ה, מען וועט לעבען און מען וועט צאָהלען. דער הימעל לייגט זיך נאָך ניט אויף דער ערד.

— דו דאַרפסט גאָר צופיעל ניט רעדען — האָט דער שכן כלומר'שט געזאָגט צו זיין פרוי — איך קען אונזער לענדלאָרד, נעוועך מיינד, ווען אַלע זאָלען נור זיין אזעלכע לענדלאָרדס, וואָלט גאָר א קנאַפּע צרה געווען.

— נו, וואָס דען? איך ווייס דאָס נים? מיר וועלען זיך חלילה נישט קריגען — האָט די פרוי כלומר'שט געענטפערט איהר מאַן — אונזער לענד־

לאָרד איז חלילה קיין גזלן ניט, ער ווייס, אז אן אלטען שכן דריקט א ביסעל צו, דאַרף מען רחמנות האָבען...

דער גוטער לענדלאָרד איז געזעסען ווי א שטיק האָלץ. די חניפות פון זיין שכן האָבען אפילו גאַנץ אנגענעהם געווירקט אויף זיינע געפיהלען, אָבער איינלאָזען צוויי דאָלאַר האָט זיך איהם שטאַרק ניט געוואָלט... און ער איז א היבשע ווײַלע געבליבען שטום ווי א פיש.

— עס וועט אונז אפילו זיין זעהר ניט אנגענעהם; עס וועט זיין א שאָדען — האָט דער שכן דער ערשטער איבערגעריסען די שווערע, נישט אנגענעהמע שטילקייט — פאַרט דריי יאָהר אָפּגעוואָהנט — נור אז מיר קענען פאַרט ניט צאָהלען אזוי פיעל רענט, וועט מען מוזען מופען. —

דער וואָרט „מופען" האָט דעם פערהילצערטען לענדלאָרד צום בעוואוסטזיין געבראַכט און אין זיין הארצען האָט געגומען ריידען, נישט חלילה א געפיהל פון יושר אָדער רחמנות נור דער פּראָסטער טרוקענער חשבון: „א וואָך האָט דער שכן שוין אָפּגעוואָהנט" — האָט גערעכענט דער לענדלאָרד — „ביז זיי וועלען ארויסמופען, ביז עס וועט זיך אַן אנדער שכן געפינען וועלען אריבער א פּאָאר וואָכען און עס קען אזוי צוריבען ווערען א חודש רענט. עס לוינט זיך ניט דעם שכן ארויסצולאָזען."

טראַכטענדיג אזוי, האָט זיך דער לענדלאָרד ארומגעקוקט, און ער האָט דערזעהען ווי די פּייפּער אויף די ווענט און די פּיינט אויפ'ן סילינג איז שוין אַלט און שמוציג.

„ווען עס זאָל אין די רומס ארייננמופען א נייער שכן, ווען מען מוזען די רומס פּייפּערען און פּיינטען פון דאָס־ניי, און עס וועט קאָסטען עטליכע דאָלער" — האָט דער לענדלאָרד ווייטער א טראַכט געטהאָן, און ער האָט איינגעזעהען, אז לאָזען ארויסמופען דעם שכן, וועט זיין זעהר ניט פּראַקטיש; עס לוינט זיך בעסער אויף א געוויסער צייט צו נעהמען ביליגער רענט.

דורכמאַכענדיג ביי זיך אין די געדאַנקען אָט אזא מין רעכענונג, האָט דער לענדלאָרד ענדליך געעפענט דעם מויל און ער האָט געזאָגט:

— וועלל, קענען קען איך דאָס ניט טהאָן... איך וועל צו די רומס צולייגען, נור, מען דאַרף דאָך רחמנות האָבען אויך... איך בין אפילו א לענדלאָרד אָבער א האַרץ האָב איך א ווייכע.

— גיב די פערצעהן דאָלער אהער — האָט אויסגעשריען דער גליקלי־בער שכן צו זיין ווייב.

דעם שכן׳ס ווייב האָט אוועקגעלייגט די געלד אויפ׳ן טיש. דער לענד־לאָרד האָט עס צוגענומען און געגעבען א רעסיט פאר א חודש רענט.

דער לענדלאָרד האָט שוין געוואָלט אוועקגעהן, ווען עס איז איהם ארויף א געדאנק, אז זיין וואָהלטהאָט קען איהם אריינברענגען אין גרויס סכנה: די איבעריגע שכנים קענען זיך דערוויסען וועגען דער געשיכטע, און ווי קען ער זיכער זיין, אז אלע זאָלען דאָס זעלבע ניט פערלאַנגען? און ער קען פון אזא מין געשיכטע קומען צו א גרויסען אונגליק.

דער לענדלאָרד איז געבליבען שטעהן א פערציטערטער.

חרטה האָבען איז אָבער געווען שוין צו שפּעט, דער רעסיט איז שוין געווען ביי דעם שכן אין פּאקעט.

— איהר הערט — האָט דער דערשראָקענער לענדלאָרד גענומען בע־וואָרענען זיך פון אַן אונגליק — איך וויל, אז דאָס וואָס מיר האָבען אצינד דאָ אָפּגעטהאָן זאָל בלייבען א סוד, קיין איין איינציגער לעבעדיגער נפש טאָר פון דעם ניט וויסען.

— געוויס א סוד — האָט דער שכן פערשפּראָכען.

— ווער דאַרף דאָס וועמען דערצעהלען — האָט אויך דעם שכן׳ס ווייב פערשפּראָכען צו שווייגען.

— ווען אימיצער זאָל זיך דערוויסען, וועלען אלע מיינע טענענטס פער־לאַנגען דאָס זעלבע. — האָט דער לענדלאָרד ערקלערט די אורזאכע פון זיין פאָדערונג.

— וואָס רעדט איהר, ווייס איך ניט — האָט דער שכן איבערגעשלאָגען דעם לענדלאָרד — ווער דאַרף דאָס ביי אונז וויסען?

— משוגע, שונאי ציון, זיינען מיר, וואָס מיר וועלען געהן אימיצען דערצעהלען — האָט דעם לענדלאָרד בערוהיגט דעם שכן׳ס ווייב.

— אויב איהר וועט נור אימיצען וועגען דעם איין וואָרט דערמאָנען, וועל איך אייך דעם נעכסטער מאָנאט רעכענען רענט נאָך טהייערער ווי איהר האָט ביז יעצט געצאָהלט — האָט דער לענדלאָרד געדראָהעט זיין שכן, אום צו פערזיכערען זיך פון א מעגליכער געפאהר, און מיט די לעצטע ווערטער האָט ער פערלאָזען דעם שכן׳ס הויז.

דער לענדלאָרד האָט זיך בערוהיגען נישט געקענט, דער געדאַנק וועגען דער „וואָהלטהאַט", וועלכע ער האָט אָבגעטאָן, האָט איהם שרעקליך געמאַ־טערט און געפּלאָגט. די געפאהר פון א רענט־סטרייק פון אַלע שכנים איז געשטאַנען פאר זיינע אויגען, ווי א מורא'דיגע סטראשידלע.

און טראַכטענדיג, ווי אזוי צו העלפען זיך, איז דער לענדלאָרד געפאַ־לען אויף א גוטען פּלאַן.

פאר וואָס זאָל זיין רחמנות אויף אַן אָרעמען שכן טאַקע בלייבען א סוד? פאר וואָס זאָל טאַקע א צווייטער ניט וויסען וועגען זיין נאָבעלער, גרויסער טהאַט? עס קאָסט איהם צוויי דאָלאר, זאָל ער דערפאר כאָטש האָבען א ביסעל תענוג? ער וועט געהן פון שכן צו שכן און זעלבסט דערצעה־לען וועגען זיין גוטער טהאַט, ער וועט דאָס אָבער דערצעהלען אין אזא פאָר־מע, אז קיין שכן וועט אפילו נישט א טראַכט טהאָן דאָס זעלבע צו פער־לאַנגען.

געטראַכט און געטאָהן.

און דער לענדלאָרד זעלבסט האָט פערנאַנדערגעפּויקט פאר אַלע שכנים, אז דער און דער שכן געפנינט זיך אין א שרעקליכער לאַגע, אז ער — דער לענדלאָרד — האָט אויף דעם פעראָרעמטען שכן גרויס רחמנות געקראָגען און עס קאָסט איהם שוין א פיינע פּאָאר דאָלער נדבות...

דער שכן, אויף וועמען דער לענדלאָרד האָט רחמנות געהאַט, האָט גאָר אונגערען גענומען פיהלען וואָס עס הייסט אין ניו יאָרק א לענדלאָרד'ס בארמהערציגקייט.

דער שכן האָט בעמערקט, אז די איבעריגע שכנים האָבען איהם גענומען בעטראַכטען מיט גרויס צער...

דעם שכן'ס ווייב איז געוועזען שולדיג א דיים דער שכנה צו די פראָנט און ווען זי האָט געבראַכט דעם דיים, האָט די גוטע פרוי זיך ענטזאַגט צו נעהמען און געענטפערט, אז זי קען אפּפאָרדען צו וואַרטען ביז דער בעל חוב וועט האָבען בעסערע צייטען...

דער הויזקיפּער האָט אויפגעהערט צו נעהמען דעם גאַרבעדזש ביי דעם שכן... און זיינע קינדערלעך האָט ער גענומען רודף'ן מיט גרויס אכזריות... אַלע קינדער לאָזט מען זיך שפּיעלען לעבען הויז... נור נישט די קינדער פון דעם שכן, אויף וועלכען דער לענדלאָרד האָט רחמנות געקראָגען... אַלע קינ־

דער לאָזט מען גערן און שטעהן אין האָל און יאַרד... בלויז די קינדער־לעך, וועלכע עס האָבען ערליטען דעם לענדלאָרד׳ס רחמנות, דאַרפען אויס־געמעקט ווערען פון דער ווייסער וועלט....

און אונזער שכן האָט אַזוי שטאַרק דערפיהלט אויף זיך דעם לענדלאָרד׳ס באַרעמהערציגקייט, אז ער האָט קוים, קוים דערוואָהנט דעם חודש...

און די מענשען זיינען אנטלאָפען פון דער הויז, אַזוי ווי פון אַ פייער.

פּוזשעטען.

סוזשעטען

I.

דער רעפּאָרטער און זיין גאַסט.

פאַר דעם רעפּאָרטער איז געשטאַנען אַן אונגליקליכע, א פערפיהרטע יונגע פרויען־צימער, און זי האָט דערצעהלט פאַר דעם פאַרשטעהער פון דער פּרעסע איהר שוידערליכע, איהר שרעקליכע געשיכטע.

און איהר איינפאַכע ערצעהלונג איז געווען אזוי ריהרענד, אזוי הערצ־רייסענד ריהרענד!

זי האָט דערצעהלט, ווי איינער האָט זי אונטער דער מאַסקע פון ליעבע אָפּגענאַרט און פערפיהרט....

זי האָט צוליעב דעם איינעם פערלאָזען א היים, אנטלאָפען פון א גע־טרייען פאָטער, פון א ליעבענדער מוטער.

און דער איינער האָט זי פערפיהרט אין אַן אונאָרענטליכער הויז און מען האָט זי געוואָלט צווינגען צו פיהרען א לעבען פון שאַנדע...

זי האָט דערצעהלט ווי אזוי זי האָט געקעמפפט... ווי אזוי זי האָט זיך גערעטעט.

זי האָט געשילדערט איהר שוידערליכע לאַגע — מוטער דאַרף זי באַלד ווערען... אַהיים אומקעהרען זיך וואַגט זי ניט... און זי איז יעצט עלענד און פערלאָזען און האָט ניט וואו א נאַכט איבערצונעכטיגען.

און די אונגליקליכע, די פערפיהרטע האָט געזוכט מיטלייד ביי דעם רעּ־פּאָרטער; אַן עצה האָט זי געבעטען, אַן עצה זאָל ער איהר געבען — וואָס זאָל זי טהאָן? וואו און ביי וועמען זאָל זי הילף זוכען?

און דער רעפּאָרטער, א מאַן אין די מיטעלע יאָהרען, מיט א גלאַטגע־ראַזירטען פּעטען געזיכט, מיט דיקע ליידענשאַפטליכע ליפּען, האָט קוים גע־הערט וואָס די פערפיהרטע פרוי רעדט צו איהם... ער האָט נור געקוקט אויף

איהר שעהנעם געזיכט, אויף איהר הויכער ברוסט, אויף איהרע רונדע, שעהנע פארמען און זיין מוח איז געוואָרען איבערפילט מיט צולאָזענע גע־דאנקען....

די גאַנצע צייט וואָס די אונגליקליכע האָט גערעדט, האָט דער אויפגע־רעגטער רעפּאָרטער נור געטראַכט וועגען יענער נאכט, ווען מען האָט די פער־פיהרטע צום ערשטען מאָל פעראונגליקט, פאר זיינע אויגען האָט ניט אויפ־געהערט צו שוועבען דאָס בילד, וועלכע די פערפיהרטע האָט פאר איהם גע־שילדערט, ווי אזוי מען רייסט פון דער אונגליקליכער ארונטער איהרע קליי־דער מיט געוואלד, ווי אזוי מען לאָזט זי אין גאנצען נאקעט, ווי אזוי מען רואינירט זי.

דעם רעפּאָרטער'ס בלוטען האָבען אויפגעקאָכט פון א פיבערהאפטער ליידענשאפט, זיין גאַנצער וועזען האָט אזוי ווי געברענט פון א פלאמענדער תאוה, און אנשטאט צוצוהערען זיך וואָס די אונגליקליכע פערפיהרטע פרוי דערצעהלט איהם, אָנשטאָט ארייננצוטראכטען זיך אין איהר פערצווייפעל־טער לאגע, האָט ער אין זיין צולאָזענער, צוהיצטער, אויפגערעגטער פאנ־טאזיע גאָר געזעהען זיין אייגענעם „איך" אויף דעם אָרט פון דער פרוי'ס פערפיהרער...

אבענד־צייט, ווען דער רעפּאָרטער איז געקומען צו זיך אהיים, האָט ער א גאַסט געטראָפען.

דיזער גאַסט איז געווען א יונגער מאַן, וועלכער איז געווען גאָר נישט גלייכגילטיג צו דעם רעפּאָרטער'ס שעהנער פרוי.

דער רעפּאָרטער האָט פון דעם געוואוסט, און ער האָט דיזען יונגען מאַן שרעקליך נישט געגליכען.

שפּעטער, ווען אלע זיינען געזעסען ביים טיש און סאפּער געגעסען, האָט דער רעפּאָרטער בעמערקט, ווי ביי זיין פרוי איז עפּעס אָפען די ווייסטעל, און עס זעהט זיך ארויס א שמאָלער פּאַס פון איהר שעהנער אַלבאַסטער־קלאָהרער לייב, אויך האָט ער בעמערקט ווי זיין גאַסט'ס דורשטיגע בליקען גנב'ענען זיך אריין אהינטער דער אָפענער ווייסטעל פון זיין פרוי...

א געפיהל פון פערדרוס און עקעל האָט ארומגעכאפּט דעם רעפּאָרטער'ס הארץ, ער האָט דערפיהלט א שטאַרקען בענעהר אויפשפּרינגען פון טיש, א

ווארף טהאָן זיך אויף זיין פּרעכען גאַסט, אויספּאטשען איהם זיין גאַנצען פּנים און ארויסשליידערען איהם פון הויז.

און אזוי זייענדיג געמאַטערט פון שווערע, ביטערע געפיהלען, האָט אין דעם רעפּאָרטער'ס געדעכעניש דורכגעשוועבט די פערפיהרטע פרוי, מיט וועלכע ער האָט פריהער א ווײלע אַן „אינטערוויו" געהאַט, ער האָט אָבער דאַביי גאָר נישט א טראַכט געטהאָן אפילו, אז זיין פערהאַלטען זיך בשעת מעשה איז געווען ווייט ניט שעהן...

II.

די נעסט און די היים.

דורך א פענסטער האָב איך דאָס בייגעוואָהנט.

אנטקעגען, איבער'ן סטריט זיינען דאָ אייניגע לעערע, פרייע לאָטס, און אויף דער ניט־פערבויטער ערד וואַקסען א פּאָאר שעהנע געדיכטע גרינע בוימער.

ביי נאַכט איז איינמאָל א גרויסער שטורם געווען, עס האָבען גיצעטערט די פענסטער, די ווענד פון מיין צימער, עס האָבען גע'סוד'עט זיך אין שרעק די בוימער אנקעגען.

אויף מאָרגען פריה, ווען איך האָב פון פענסטער ארויסגעקוקט, האָב איך געזעהן ווי ארום די לעערע לאָטס, ארום די גרינע בוימער קלייבט זיך צוזאַמען אַן עולם.

בין איך פון מיין צימער ארויס; די סטריט איבערגעשפּרייזט, צוגעגאַנגען צו דעם אָנגעלאָפענעם עולם... און אָט וואָס איך האָב געזעהן: אויפ'ן שטיינערנעם טראָטואַר נעבען די בוימער איז געלעגען א נעסט, וועלכער איז וואהרשיינליך אין דער שטורמדיגער נאַכט פון א בוים אַרונטער־געפאַלען.

אינעווייניג אין נעסט זיינען געלעגען א פּאָאר נאַקעטע נאָך גאָר ניט בעפעדערטע פייגעלעך און האָבען רחמנות'דיג געפּיפּסקעט.

א פויגעל, וואהרשיינליך די מוטער פון די ארויסגעפאַלענע קינדערלעך,

איז ארומגעפלויגען ארום איהר רואינירטען נעסט און זי האט געהאלטען אין איין שרייען, עפּעס אזוי ווי זי וואָלט הילף געבעטען.

און דער אַנגעלאָפענער עולם איז געווען גערירט ביז טרעהרען... יעדער איינער האט אויסגעקוקט צו זיין שטאַרק פערזאָרגט און פעראינטערעסירט אין דעם ביטערען שיקזאַל פון דעם ארונטערגעפאַלענעם נעסט...

— פור טהינגס! פור טהינגס! — האט יעדער איינער מיט מיטלייד גערעדט, אַנצייגענדיג אויף די נאַקעטע פייגעלעך.

פרויען האָבען געבראַכטען די הענד און מוטערליך געשווידערט קוקענדיג אויף די נאַקעטע פייגעלעך... און יעדער איינער האט זיך דעם מח געבראָכען ווי אזוי צו העלפען דעם אונגליק.

איינער האט געבראַכט פון ערגעץ אביסעל פעדערן און האט דעם נעסט בעדעקט — די נאַקעטע פייגעלעך זאָל ניט זיין אזוי קאַלט; א צווייטער האט היי געבראַכט און ארום דעם נעסט ארומגעלעגט. נור אַט איז ארויסגעקומען פון צווישען דעם עולם א יונגער מאַן, האט גענומען דעם נעסט מיט די פייגעלעך אין האנד און כמעט ווי שמעלענדיג דאָס לעבען אין געפאהר, האט ער ארויפגעקלעטערט הויך אויפ'ן בוים, און צווישען די געדיכטע צווייגען דעם נעסט צוריקגעלעגט...

א צייט איז אריבער. מען האט די געדיכטע גרינע בוימער אויסגעהאַקט, און אויף זייער אָרט איז אויסגעוואַקסען א הויכע טענעמענט־הויז...

פייער־עסקייפּס, פענסטער, מענשען... אוים בוימער, אוים פייגעלעך!

עס איז געווען א קאַלטער, נאַסער, ווינטער פריהמאָרגען, אין דרויסען האט געשנייעט און א דורכדרינגענדע קעלט האט דורכגענומען יעדען אבר.

ווען איך האָב אין מיין פענסטער ארייגעקוקט, האָב איך געזעהען ווי פון דער אנטקעגענדיגער הויז מאַכט מען צו מופען א פאַמיליע...

מען האט ארויסגעוואָרפען דאָס ביסעל אָרימקייט אויפ'ן סיידוואָק... עס זיינען ארויסגעקומען א פרוי, קליינע קינדער — דאָס זיינען געווען די יענינגע, וועמעס היים ניט א שטורם, נור דער בייזער ווילען פון בייזע, גייציגע מענשען, האט רואינירט.

די פרוי, די מוטער פון די היימלאָזע קינדער, איז ערגעץ־וואו אוועק... ביי די ארויסגעוואָרפענע זאַכען, ביי דעם, וואָס איז איבערגעבליעבען פון דעם רואינירטען מענשען־נעסט, זיינען פערבליעבען די קינדערלעך.

באַרוועסע, האַלב־נאַקעטע האָבען זיי געשווידערט פון קעלט, פון רעגען, און זיי האָבען שטילערהייט געוויינט...

און קיינער פון די פאַרבייגעהער האָט זיך ניט אָבגעשטעלט; פערקעהרט, מען פלעגט דעם ארויסגעשליידערטען, רואינירטען נעסט ארומגעהן פון דער ווייטען, עפּעס אזוי ווי מען געהט ארום א פערפעסטעטען פלאַץ.

שאַט! אָט איז ער! אָט איז דער בראַווער יונגערמאַן, וועלכער האָט אמאָל אויף דעם זעלבען פלאַץ אזוי העלדיש, אזוי אָפּפערווילינג געלאָזט זיך קלעטערן אויפ'ן הויכען בוים אום אומצוקעהרען די נאַקעטע פייגעלעך זייער רואינירטע היים. אָט איז ער, איך דערקען איהם... פאַרביי געהט ער... פאַרביי אזוי ווי אַלע... ער קוקט זיך אפילו ניט אום אויף דער רואינירטער היים... וועלכע וואַלגערט זיך פאַר זיינע אויגען!

וואָלט ער כאָטש שענקען א בליק די קינדערלעך וועלכע שווידערן אין קעלט, אין רעגען, און וויינען שטילערהייט!...

III.

דער קראַנקער און די געזונדע.

א דריי־גודס סטאָר האָבען זיי... די פרוי פיהרט די גאַנצע ביזנעס. ער, דער מאַן, העלפט נור אויס, ווייל זי איז די געזונדע און ער איז דער קראַנקער — אזוי וועניגסטענס וויסען מיר, די ארומיגע שכנים.

זי איז פיעל אינגער פון איהם.

ער איז איהר צווייטער מאַן. פון איהר ערשטען מאַן איז זי געבליעבען אַן אַלמנה מיט צוויי קינדער, און זי האָט איהם געהייראַטה, ווייל ער האָט פערמאָגט דעם סטאָר און ער האָט פערשפּראָכען געבען ברויט איהרע צוויי יתומים

מען זאָגט, אז זי לעבט פאַר איהם א ביטערען טאָג, ווייל זי איז פיעל אינגער פון איהם, איז ער אייפערזיכטיג, העסליך, אבשייליך אייפערזיכטיג, און ווען עס חלום'ט זיך איהם נור אז זי רעדט אויס אַן איבריגען וואָרט צו א קאַסטימער אין סטאָר, איז ער פאַרטיג דערפאַר זי אויפצועסען לעבעדיגער־

הייט... טראָץ דעם וואָס זי האָרעוועט אין סטאָר פון פריהמאָרגענס ביז שפּעט אין דער נאַכט, שבת און יום־טוב, אימער און אימער, אָהן אַ סוף, אָהן אַן אויפהער, הערט ער ניט אויף איהר פאַרצוואווארפען און גיפטען איהר, אַז זי און איהרע צוויי קינדער זיינען ביי איהם אומזיסטע פרעסער. אַזוי דערצעהלען שכנים.

השגחה גיט ער אויף איהר ניט ווי אויף אַ ווייב, נור ווי אויף אַ שטוביגען גנב... עס טרייסעלט איהם ווי אין פיעבער, ווען ער זעהט אַז זי האַלט אַ דאָלאר אין האנד... ער האַלט אין איין רעכענען, אין איין חשבונ'ען, טאָמער האָט זיין אייגען ווייב עפּעס פערנומען, און ניט אכטענדיג אויף דעם, וואָס זי נעהמט איין אין סטאָר פיעל געלד, האָט זי נעוועהר אין איהר לעבען די מאַכט אָדער די דעה איבער איין־איינציגער פּעני.

נור ער איז דער קראַנקער, הוסט און קרעכצט, האַלט אין איין קורירען זיך ביי דאָקטוירים, און אימער, אימער בעקלאָגט ער זיך אַז אָט אָט שטארבט ער.

זומער פאָהרט ער אוועק אויף אַ פּאָאר חדשים אין די מאָונטיינס וואוילטאָגען זיך... אויף זיין אָרט אין סטאָר לאָזט ער איבער זיינעם אַ אינגערען ברודער... און דער דאָזיגער ברודער גיט אכטונג אויף זיין ווייב.

און מיר ווייסען אַלע אַז ער איז אַ קראַנקער. וועגען איהר הערט מען ניט אַזעלכע זאכען... זי איז געזונד... אימער אין סטאָר, אימער הינטער'ן קאַנטער... אימער אַ קלוגער, ליעבליכער שמייכעל אויף די ליפּען... אימער אַ לייכטע רויטקייט אויף די באַקען... זי איז די געזונדע...

איין מאָל זעה איך — צום דריי־גודס סטאָר איז אַן אמבולאַנס צוגעפאָהרען, און איך האָב אַ טראַכט געטהאָן: „עפּעס האָט געטראָפען מיט איהם, מיט דעם מאַן פון דער דריי־גודס סטאָר, מיט דעם אַלטען אינוואליד“.

איך שטעל זיך אָב... און איך זעה — מען טראָגט ארויס פונ'ם סטאָר ניט איהם, נור זי... זיין יונגע געזונדע פרוי.

— וואָס איז געשעהן? — הייב איך אָן נאָכצופרעגען, און איך דערגעה: אַ האַרץ־שלאַג!

אַ שוואַכע, קראַנקע האַרץ האָט זי געהאַט זייט יאָהרען לאַנג, אַזוי זאָגט דער דאָקטאָר, און דער מאַן פון האָספּיטאַל וואונדערט זיך ווי אַזוי די פרוי קען גאָר לעבען מיט אַזאַ קראַנקער האַרץ.

איהר מאַן איז פון סטאָר אַרוים. זיין פּנים האָט אויסגעקוקט גלייכגילטיג — מערדערליך גלייכגילטיג.

IV.

געפאַרבטע ליעבע.

עפּעס האָב איך גענומען בעמערקען אַ רויטקייט אין איהרע באַקען... דאַכט זיך מיר, אז איהרע אויגען־ברעמען זיינען שווארצער, איידער זיי דאַרפען זיין... די ראָזעווע ליפּען איהרע קוקען מיר אויך אוים פערדעכטיג... און איך וואָלט שווערען, אז נאָך מיט עטליכע יאָהר צוריק, ווען איך האָב זי צום ערשטען מאָל בעגעגענט, האָט אין איהר קאָפּ זיך דורכגעוואָרפען וואו־ניט־וואו אַ גרויע האָאַר — עפּעס יעצט זעהט מען דאָס ניט. שוואַרץ זיינען איהרע האָאַר, פּעך־שוואַרץ אַזוי ווי אַ שוואַרצע קרוין אויף איהר שעהנעם, געשניצטען קאָפּ. קען דאָס זיין? איז דאָס מעגליך, אז דיזע פּרויענצימער פאַרבט זיך?

איהר דאַרפט זי קענען!

העכסט געבילדעט, בעלעזען און מערקווירדיג ערנסט אין איהר אַרט לעבען, אין איהר בענעהמען זיך. אַזאַ פרוי איז זי.

שטיל, בעשיידען און צוריקגעצויגען ווען עס האַנדעלט זיך וועגען איהר אייגענע פּערזאָן; פול מיט לוסט און אָפּפּערוויליגקייט, ווען עס קומט אוים צו טהון עטוואָס פאַר אַ צווייטען.

אַראַנזשירען עקסקורשענס פאַר קראַנקע, אָרימע קינדער, האַלטען לעקציעס וועגען קינדער־ערציהונג פאַר אונוויסענדע מוטערס, גרינדען פרייע לייבערערים, פאָרטבילדונגס־פעראיינען — אויף די אַלע זאַכען שענקט זי אַוועק איהרע טעג און איהרע יאָהרען.

אַ גרויסע, אַן ערהאַבענע נשמה!

איך האָב זי אויך געקענט אין איהר פאַמיליען־לעבען. איהר מאַן, אַ העכסט־געבילדעטער מענש און אַ מערקווירדיג סימפּאַטישע פּערזענליכקייט; צוויי ערוואַקסענע טעכטער, זעלטענע קינדער. און איך האָב איטער

געטראַכט, אַז דיזע פאַמיליע איז אַ שעהן ווינקעלע, וואו עס הערשט נור ליכט און גליק.

איך האָב אבער אַ טעות געהאַט.

איך האָב זיך גאָר דערוואוסט, אַז דער גאָט פון ליעבע האָט זיין נעץ פערוואָרפען אהינטער די גרענצען פון דיזער פאַמיליע, און האָט געפאַנגען די גרויסע, די נאָבעלע הארץ פון דער ערהאַבענער מוטער, ווייב און פרוי און צוזאַמענגעבונדען מיט דער יונגער הארץ פון אַ געוויסען יונגען מאַן.

עס האָט זיך מיר געדאַכט אַזוי ווי דער פרעהליכער גאָט פון ליעבע האָט דאָ אַ פיינעם שפּאַס אָבגעטהאָן. עפּעס אַזוי ווי ער וואָלט מיט ווערטער גערעדט:

—אָט האָסטו דיר, דאַכט זיך, אַ זעלטענע פּרויענצימער; לעבט דאַכט זיך פאַר דער וועלט; אַ זעלטען־איבערגעבענע מוטער, פון דעסטוועגען איז זי מיינע אַ שקלאַפין.

און דער ראָמאַן איז דאָ געווען אַ גאַנץ געוועהנליכער, אַזוי ווי פּשוט'ע זינדיגע מענשען.

זי האָט איהם געליעבט, ווייל ער איז געווען יונג, כמעט אַ העלפט פון איהרע יאהרען, יונג, שעהן און געזונד — פיעל געזינדער, פיעל קרעפטיגער פון איהר מאַן.

און ער האָט אויך געליעבט איהר שעהנעם קערפּער, איהר שעהנעם פּנים, ניט איהר שעהנע נשמה.

ניט אַכטענדיג אויף דעם, וואָס זי איז געווען שוין אַ פרוי אין די מיטעלע יאהרען, איז זי נאָך געווען שעהן ווי אַ מלאך: די בעקעלעך זיינען באמת רויט געווען;; אויף די ליפּען האָט געשפּיעלט אַ נאַטירליכע שעהנע ראָזע; די אויגען האָבען געברענט מיט אַן אמת'ן, ניט געקינצעלטען פייער. ענטציקט איז ער געווען פון איהר שעהנהייט. איהר שעהנער פּנים האָט איהם באַלד משוגע געמאַכט און ער האָט זי געליעבט, ברענענד געליעבט.

פער'שכור'ט פון ליידענשאַפט און ליעבע האָט זי אַלעס, אַלעס פערגעסען: די גאַנצע וועלט, איהר מאַן און איהרע צוויי טהייערע, זעלטענע קינדער...

די פערליעבטע זיינען צוזאַמען אַנטלאָפען.

ווען זי איז ניכטער געוואָרען פון איהר ערשטען אייני'שכור'ן זיך פון

דעם ליעבעס־ווייז, האָט איהר הארץ גענומען עסען א בייזקען נאָך דער היים און נאָך די קינדער. האָט זי שטילערהייט, בשתיקה איהר יונגען געליעבטען, דורכגעשריעבען זיך מיט איהר פערלאָזענעם מאַן, אָנצוהערען האָט זי געגעבען וועגען איהרע געוויסענסביסע און שמערצליכע חרטה... נור איהר מאַן איז געוועזען אונבאַרמהערציג, אזוי ווי עס זיינען די מעהרסטע פון פערלאָזענע און אָבגענאַרטע מענער, און ער האָט איהר געגעבען צו פערשטעהן, אז זי דאַרף אויף אייביג פערגעסען אָן איהר אַמאָליגער היים, אז מעהר ווי ביטערע טרעהרען האָט זי ניט וואָס צו ערוואַרטען פון איהרע צוויי קינדער...

און שטילערהייט, איהר געליעבטער זאָל ניט זעהן, האָט זי ביטער געוויינט, און אין הארצען אויף אימער געשיידט זיך מיט איהר אַמאָליגען רוהיגען גליק.

נור דער פּנים איהרער האָט זיך ענדערן גענומען: אויף דעם הויכען, שטאָלצען שטערן האָבען זיך גענומען קנייטשען צייגען; די אויגען האָבען גענומען זייער גלאַנץ פערליערען; בלאַסער זיינען די ליפּען געוואָרען; די באַקען האָבען זייער געזונדען, שעהנעם קאָליר פערלאָרען... און זי האָט גענומען בעמערקען אז אויך זיין ליעבע, די ליעבע פון דעם, איבער וועמען זי האָט אָבגעגעבען א היים, קינדער, א שעהנעם נאָמען צווישען לייטען, אלעס, אלעס אין דער וועלט — זיין ליעבע ווערט בלאַסער, אזוי ווי עס איז בלאַסער געוואָרען איהר אייגענער פּנים. זיינע געפיהלען פערליערען דעם אַמאָליגען פייער, פּונקט ווי איהרע אויגען, וועלכע האָבען פערלאָרען זייער אַמאָליגען ברען...

און זי האָט פּלוצים גענומען שעהנער ווערען... די באַקען זיינען ווייטער רויט געוואָרען, נאָך רויטער ווי אימער, די ליפּען האָבען זייער אַמאָליגע פרישקייט נעקראָגען... — נור עס איז געפּארבט!

און ווי לאַנג קען אָנהאַלטען געפּארבטע ליעבע?

V.

דער גוטער מענש.

אַן אַלטע מיידעל איז זי... זי האָט שוין אָבגעטאַנצט אויף די חתונות פון אַלע, אַלע איהרע חבר'טעס און חברים... און באַלד, באַלד וועט איהר

שוין אויסקומען צו טאַנצען אויף די חתונות פון די קינדער פון איהרע חברים און חבר׳טעס.

די, וועלכע קענען זי, דערצעהלען זי איז אַ מאָל שעהן געווען, פול מיט שטיפעריי, פול מיט פייער, פול מיט לעבען.

יעצט ווען מען קוקט אויף איהר איז שווער צו גלויבען, אז זי איז אמאָל שעהן געוועזן!

סוטולעוועט, איינגעבויגען אזוי ווי אַן איינגעבויגענע ברעט; דער פנים צוקנייטשט און פאַרמעט־געל.

די, וועלכע קענען זי פון אמאָל, דערצעהלען, אַז אין איהרע יונגע יאָהרען האָבען זי פיעלע יונגע מענער פערגעטערט און געליעבט, נור זי איז אַ מאָדנע געווען. פאַר איינעם האָט זי זיך גערעכענט העכער, פאַר אַ צווייטען ניעדריגער, איינעם האָט זי ניט געגלויבט, אַ צווייטען האָט זי גלאַט פער־יאָגט פון זיך!

און די צייט האָט זיך שטילערהייט אין הויפען געלאַכט פון דער שטאָלצער יונגער אויסקלייבערין, און דער צייט׳ס שלוחים — די יאָהרען, האָבען לאַנגזאַם אָבער זיכער אוועקגערויבט איהר יוגענד, אוועקגע׳גנב׳עט איהר קראַפט, איהר לוסטיגקייט, איהר שעהנהייט.

יעצט איז זי אַן אַלטע, אַלטע מויד; אַן עלענדע, אַ פערגעסענע, אַ פערלאָזענע...

ארבייט אין שאפ, פערדיענט אויף איהר ברויט, צאָהלט דעם גאַנצען לעבען רענט פאַר אַ סעפּרעט רומקע; ווערט עלטער און עלטער, און וועלקט זיך שטילערהייט.

ווען ניט ווען בעזוכט זי איינע פון איהרע געוועזענע חבר׳טעס; חברים האָט זי ניט מעהר. פאַר מענער איז זי שוין צופיעל אונאינטערעסאַנט!

האָט זיך געפונען אַ יונגער מאַן, אַ גוטער מענש, וועלכער האָט אין דער אַלטער, פערגעסענער מיידעל פּלוצלונג אַ גרויסען אינטערעס גענומען.

ער בעזוכט זי אָפט אין איהר סעפּרעט־רומקע, און פערבלייבט מיט איהר אויף גאַנצע נעכט.

דער גוטער מענש איז גראַדע אויסער ארבייט, עסט ער איהר ברויט, און פאַר איהרע פּאָאַר דאָלאַר האָט ער זיך גאַנץ פיין אויסגעקליידט...

אַ שעהנער, אַ געזונדער מאַן, זאָגט מען, איז ער תמיד געווען; אַצינד

לויכט ער, עס פעהלט איהם גאָר ניט פון דעם וואָס אַ מאַן קען נור פעהלען.

און זי ? זי האָט זיך אויך געענדערט. איהרע אויגען ברענען מיט אַ מאָדנעם פייער; אויף איהר צוקנייטשטען געזיכט האָט זיך אַ שעהנער פריהלינגס־שטראַהל צושפרייט...

און מאַנכעס מאָל לאַכט זי, און מאַנכעס מאָל וויינט זי!

— גאָר אַן אנדערע איז זי געוואָרען! — אַזוי זאָגען זיי, די, וועלכע קענען זי נאָהענט.

און ווען זיינע פריינד פרעגען איהם:

— האָסטו זי ליעב?

ענטפערט ער מיט אַ שמייכל:

— מען קען דען אַזאַ ליעב האָבען?

און ווען מען פרעגט איהם:

— ווארום־זשע ביזטו מיט איהר אַזוי נאָהענט?

ענטפערט ער טאַקע ווייטער מיט אַ שמייכעל:

— איינפאַכע פריינדשאַפט!

און ווען מען טהוט אויף איהם אַ קוק מיט פאָרוואורף און פערדאַכט, מאַכט ער זיך ניט וויסענדיג און מאַכט אַ שוויינ.

און ווען איהרע פריינד רעדען צו איהר און זאָגען איהר:

— ער נאַרט דיך; ער גיט דיר פאַלשע האָפנונגען, ער וועט דיך אוועק־ווארפען!

ווערט זי היסטעריש, לאַכט און וויינט, און ענטפערט גאָר נישט...

און די בילד איז נאָך ניט געענדיגט.

VI.

דער פידלער.

אָפט און כמעט רעגעלמעסיג פלעגט ער קומען צו אונז אין יארד און פלעגט אויף זיין פידעל שפיעלען.

דורכ'ן פענסטער האָב איך איהם פיעל מאָל געזעהען. אַן עלטערער

איד, מיט א גראָליכער קיילעכדיגער בערדיל, אויפ׳ן קאָפּ האָט ער געטראָגען א היימיש היטעל, אז מען פלעגט פון די פענסטער איהם ארונטערוואַרפען סענטען איינגעוויקעלט אין שטיקלעך פּאַפּיער, פלעגט ער די מטבעות קיינ־מאָל נישט אויסוויקלען און צוזאמען מיט די שטיקלעך פּאַפּיער אין די קעשענעס לייגען.

דער אַלטער האָט קיינמאָל נישט א קוק געטהאָן פון וועלכע פענסטער עס פאַלען צו איהם די סענטען, ער האָט אָבער אויפגעהויבען זיין קאָפּ צו בע־דאַנקען די וואַרפער פון די מטבעות, ביים אוועקגעהן האָט ער געוואָר גוד־באַי געזאָגט און איך פלעג אימער זיין גענייגט צו טראַכטען, אז דער גראָער פידלער שעהמט זיך מיט זיין ארבייט און מיידעט אויס אימיצער זאָל איהם אין פנים אריינקוקען.

ווען ער פלעגט שפּיעלען, האָט מען געקענט בעמערקען ווי עס ציטערען ביי איהם די הענד.

דער אַלטער פלעגט אימער שפּיעלען אידישע סקארבאָווע נגונים, „כל נדרי“, אָדער ווי מען פיהרט צו דער חופּה, מאַנכעס מאָל פלעגט ער אויס־שפּיעלען די „אלי ציון׳ס“, מאַנכעס מאָל א שעהנעם שמחת תורה ניגון׳דל, מאַנכעס מאָל גאָר די „התקוה“.

און די שכנים פון אונזער הויז, אַלץ אידישע שכנים מיט אידישע הער־צער, האָבען געליעבט דעם אַלטען פידלער, און ווען ער פלעגט נור שפּיעלען ביי אונז אין הויף, פלעגט פון יעדער פענסטער ארונטערפאַלען א פּייפּער׳ל מיט א מטבעה אינעווייניג.

און הערט וואָס עס האָט פּאַסירט:

אין אונזער הויז, אויפ׳ן דריטען פלאָאַר, האָט א נייער טענענט אריינ־געמופט, א יונגע פּאָאַר פאָלק מיט איין קינד, א מיידעלע פון א יאָהר פיער מיט לאַנגע זיידענע לאָקען.

איינמאָל, ווען דער אַלטער פידלער האָט ביי אונז אין הויפ׳על גענומען שפּיעלען, האָט פון פענצטער ארויסגעקוקט דאָס קינד פון אונזערע נייע שכנים און די מיידעלע מיט די זיידענע לאָקען האָט פּלוצלונג א געשריי געטהאָן:

— את, מאמא, לוק! דזשאָסט לוק הו איז פּלייאינג....

ביי דעם אַלטען פידלער האָט די פידעל אַזוי ווי אַ ציטער געטהאָן — דאָס שפּיעלען האָט זיך איבערגעריסען!

דער אַלטער איד האָט דעם קאָפּ אויפגעהויבען; אין פענסטער האָט זיך געצייגט די מוטער פון דער מיידעלע... ביי דעם אַלטען איז ארויסגעפאַלען די פידעל פון האַנד....

די מוטער האָט האַסטיג אַ ציה געטהאָן די מיידעלע אין צימער אריין און האַסטיג דעם פענסטער פערמאַכט...

דער אַלטער האָט זיין פידעל אויפגעהויבען, איבערגעלאָזען די פּאָאָר פּענעס, וועלכע זיינען פון די פענסטער געוואָרפען געוואָרען און געשווינד פון הויף ארויס...

מיר דאַכט זיך — דאָך אויף זיכער קען איך נישט זאָגען — מיר דאַכט זיך, איך האָב געהערט ווי די מיידעלע מיט די גאָלדענע לאָקען האָט אַ זאָג געטהאָן: „מאַי גרענד פּאַ!...“

אין אַ פּאָאָר טעג ארום האָבען אונזערע נייע שכנים ארויסגעמופט, אַי־בערלאָזענדיג פאַר אַ האַלבען מאָנאַט רענט....

דער אַלטער פידלער האָט שוין קיין מאָל מעהר צו אונז אין הויף ניט בעוויזען זיך.

ווער זיינען אונזערע נייע שכנים געווען? ווער איז דער אַלטער פידלער געווען? — האָב איך קיינמאָל נישט דערוואוסט זיך, און עס דאַכט זיך מיר, אַז איך האָב דאָ בעאָבאַכטעט נישט אַ דערענדיגטע בילד.

VII.

די ליעבענדע מוטער און דער הארצלאָזער פאַטער.

אַ קינד איז ביי זיי געשטאָרבען. דאָס איז געווען זייער ערשטעס קינד, זייער איינציג קינד, אַ זעלטען־שעהנע, זעלטען־געראָטענע דריי־יעה־ריגע מיידעלע.

ווען, וואָס די מוטער האָט צוקלאָגט, וואָס די אונגליקליכע מוטער האָט

איבערגעליטען. מיר זיינען שיער ניט משוגע געווארען צוקוקענדיג זיך צו איהרע שמערצען.

יעדער מינוט פלעגט זי זיך א ווארף טהאן קושען איהר טוידטע מיי־דעלע, און באלד פלעגט זי נעהמען חלש'ען אדער שלאגען זיך קאפ אן וואנד.

זי האט געריסען די האאר פון איהר קאפ; זי האט אויף זיך געריסען די קליידער און צו די ברענענדע יסורים פון דיזער פעראונגליקטער ליעבענדער מוטער איז גאר קיין סוף ניט געווען.

און דער פאטער? ווי מאדנע ער האט זיך פערהאלטען. קיין איין איינציגען טרעהר ניט ארויסגעלאזען... עפעס די גאנצע צייט איז ער גע־ווען ווי א פערשטיינערטער; עס האט זיך געדאכט, אז אין הויז געהט ארום א פרעמדער מאן, א מענש, וועלכער האט גאר ניט וואס צו טהאן מיט דעם פאסירטען גרויסען אונגליק.

ביינאכט, נאכדעם ווי די פערשטארבענע מיידעלע איז בעערדיגט געווא־רען, האבען מיר די אונגליקליכע עלטערען ניט געלאזט אהיים געהן. מיר האבען זיך געשראקען, אז די מוטער וועט זיך דאס לעבען נעהמען און מיר האבען זיי גענומען צו אונז אין הויז אריין.

פון דער אונגליקליכער מוטער האט מען אויף איין מינוט אפטרעטען ניט געקענט... זי האט געהאלטען אין איין חלש'ען און דער פאטער איז פערבליבען גלייכגילטיג, אזוי ווי גארנישט וואלט פאסירט.

ביינאכט איז די מוטער צוגעפאלען און איז איינגעשלאפען אזוי ווי א טויטע. דער פאטער האט זיך געזעצט מיט אונז צוזאמען ביים טיש סאפער עסען.

און עס איז גאר נישט געווען צו בעמערקען, אז מיט דעם מאן האט אירגענד וואס פאסירט. ער האט געגעסען מיט אפעטיט, גערעדט וועגען פערשיעדענע ענינים, זאגאר געשפאסט און וויצען געזאגט. און קיין אייןווארט האט ער ניט דערמאנט וועגען זיין פערשטארבענע קינד, גלייך ווי אזוינס וואלט גאר ניט פאסירט.

איינינע פון אונז האבען בעוואונדערט דעם מאן'ס אייזערנעם מוטה. איינינע האבען געזאגט, אז דאס האט גאר ניט וואס צו טהאן מיט מוטה, נור דער מענש איז איינפאך זעהר א קאלטער פון דער נאטור. אנדערע

האבען זיך איינפאכער אויסגעדריקט און האבען פשוט געזאגט, אז דער מאן איז א הארצלאזער פאטער.

אין עטליכע טעג ארום האט מען דעם פאטער פון דער פערשטארבענער מיידעלע געפונען אן אויפגעהאנגענעם.

אין א בריוועלע, וועלכען דער זעלבסטמערדער האט איבערגעלאזען, האט ער געבעטען, מען זאל פון קבר ארויסנעהמען זיין פערשטארבענעם קינד און מקבר זיין זיי ביידען אין איין קבר.

מען האט זיין לעצטע בקשה מקיים געווען — איך בין דערביי אנוועזענד געווען, איך האב געזעהען ווי מען האט דעם פאטער און זיין קינד אין איין קבר אוועקגעלייגט און מיר דאכט זיך, אז דער מאן האט טויטערהייד אויסגעקוקט פונקט אזוי רוהיג, אזוי געלאסען ווי ער האט .אויסגעקוקט די גאנצע צייט נאך זיין קינד'ס טויט.

זייט דיזער פאסירונג זיינען שוין לאנגע, לאנגע יאהרען פאראיבער.

די מוטער פון דער פערשטארבענער מיידעלע האט שוין לאנג צום צווייטען מאל געהייראטה און זי האט יעצט מיט איהר צווייטען מאן דריי קליינע קינדערלאך.

מען זאגט, אז זי לעבט מיט איהר מאן א גליקליכען לעבען; מען דערצעהלט, אז אן אנדערש מאל, ווען עס קומט צו א געשפרעך וועגען טויטע און וועגען קברים ,דרעמאנט זי זיך אן איהר פערשטארבענעם ערשטלינג; איהר געלוסט זיך דאן בעזוכען איהר מיידעלע'ס קבר; זי איז אבער זעהר א בעשיידענע פרוי און זי דענקט, אז ווען מען איז פערהייראטה צו א צווייטען מאן, פאסט ניט צו בעזוכען דעם קבר פון דעם ערשטען מאן. אזוי ווי איהר קינד ליגט אין איין קבר מיט איהר ערשטען מאן, פאהרט זי ניט אויף דעם בית עולם וואו איהר קינד ליגט.

און דער קבר פון דעם הארצלאזען פאטער איז שוין לאנג, לאנג פון אלעמען פערגעסען...

VIII.

דער איד און דער טשיינימאן.

א ווינטער־טאג איז דאס געווען. מיט א פאאר טעג בעפאר איז ארויס־

געפאלען אגרויסער שנעע; די גאנצע צייט האט אנגעהאלטען א שטארקער פראסט און דער ארויסגעפאלענער שנעע, וועלכער האט בעדעקט די ניו יארקער גאסען, איז פערבליבען הארט און צוגעפראָרען; דיזען טאג האט דער פראסט נאכגעלאזען. דרויסען איז געווען ווארעם און דער שנעע האט גע־נומען צוגעהן.

די ווייסע חברה'ניקעס און די לאבוסעס פון ניו יארקער סטריטען האָ־בען געקראגען גוטע ארבייט פאר זיך; מען האט פון דעם ווייכען שנעע גע־מאכט שנעע־באלס און מען פלעגט פער'הרג'ענען יעדען איינעם, ווער עס האט נאר געלאזען זיך און פאר ווענען די סטריט־באנדיטען האבען ניט מורא געהאט....

אט זעה איך ווי אין א געוויסער גאס געהט א אידישער פעדלער מיט א שווערען באנדעל אויפ'ן רוקען, און ווען די גאסען־יונגען האבען אזא קונד דערזעהען, האבען זיי זיך פאר איהם געשמאק א נעהם געטהאן... און אין דעם אָרימען פעדלער האבען פון אלע זייטען גענומען פליהען שנעע־באלס. מאנכע לויפערס האבען אין דעם ווייכען שנעע שטיינדלאך איינגעקנאטען און מען האט מיט דעם געהאלטען אין איין נהרג'ען דעם פעדלער....

און דער אונגליקליכער פעדלער — בלאס ווי א טויטער, צושראקען ווי א ווילדע חיה, צובלוטיגט, צוקיילט, צובייזלט — איז ארומגעלאפען פון איין זייט גאס צום צווייטען זייט. ער האט אבער ערגעץ קיין רעטונג ניט גע־קענט קריגען.

אט איז אונטערגעקומען א פאליסמאן.... די גאסען־יונגען האבען אפ־געלאזען זייער קרבן, און וויינענדיג ווי א קליין קינד האט דער פעדלער גע־נומען לויפען פון דעם געגענד, ביז ער איז פערלאפען צו אן „על" סטאנציע.

און איך האב דעם פעדלער פערלארען פון מיינע אויגען.

מיט א פאאר טעג שפעטער האט זיך מיר געמאכט דורכצוגעהן א דאון־טאונער גאס; דער שנעע האט נאך אימער בעדעקט די ניו יארקער גאסען און לויפערס האבען געהאלטען אין איין ווארפען אויף פערבייגעהער מיט שנעע־באלס.

זעה איך א טשיינימען מיט לאנגע ארונטערגעלאזענע צעפ געהט זיך איבער'ן סטריט. ווען חברה לויפער האבען דערזעהען ווער עס קומט אן, איז ביי די גאסען־יונגען געווארען א גאנצער יום־טוב... מען האט זיך א נעהם

געטהאָן פאר דעם אָרימען טשיינימען און מען האָט דעם אונגליקליכען גע־נומען שלאָגען נאָך מיט מעהר אכזריות, ווי יענע אנדערע לויפערס אין אַן אַנדער געגענד האָבען מיט אַ טאָג בעפאָר געשלאָגען דעם פעדלער.

און אויך דער אָרימער טשייני־מאַן האָט זיך ארומגעדרעהט ווי אַ צו־שראָקענע חיה...

פיעלע פערבייגעהער האָבען אַנגעקוקט די סצענע מיט עקעל; איינינע האָבען זיך געפּרובירט אַננעהמען פאר דעם אונגליקליכען טשייני־מאַן. עס האָבען זיך אָבער אויך געפונען אזעלכע, וועלכע האָבען צוגעקוקט די שוי־דערליכע ברוטאַלע סצענע און האָבען פון דעם שטארק הנאה געהאַט...

אין אַ דערבייאיגען טענעמענט־הויז האָט זיך אַ פענסטער געעפענט און אַ מאַן האָט ארויסגעקוקט; דער מאַן האָט נייגעריג צוגעקוקט זיך וואָס עס טהוט זיך אין סטריט און מען האָט געקענט זעהען, אַז עס אַמוזירט איהם זעהר שטארק די סצענע ווי אזוי מען שלאָגט דעם טשיני־מאַן, ווי אזוי דער קרבן פּרובירט זיך ראַטעווען און קען ניט...

דעם מאַן האָב איך דערקענט אלס דעם פעדלער, וועלכען מען האָט מיט אַ טאָג פריהער געשלאָגען.

IX.

אַ גוטע פרוי, אבער דאָך...

ווען איך זאָל אייך דערצעהלען נור אַ טהייל פון איהרע מעלות, וועט איהר געוויס זיין מיט דער מיינונג, אַז זי איז אַ גוטע פרוי, טאַקע נור די וואהרע, די אידעאַלע פרוי.

הערט נור אויס — זי איז אַ מערקווירדיגע הויז־ווירטהין, אַן איבער־געבענע, געטרייע פרוי צו איהר מאַן און אַ ליעבענדע, איבערגעבענדע מאַמע צו איהרע קינדער.

איהר מאַן פערדיענט נישט פיעל. אַן אַנדער פרוי אויף איהר אָרט וואָלט מיט אזעלכע פערדיענסטען ווייט נישט בענוגענט זיך — זי אָבער מאַכט פון דעם אַ גאַנצען יום טוב. און אין הויז איז דאָ פון אַלל־דאָס־

גוטס. און עס ווייסען נישט פון נויט, נישט די קינדער, נישט דער מאַן, און אַ פרעמדער אויג קען זיך דאַכטען, אַז די לייטע מוזען זיין ווער ווייסט ווי רייך.

געקליידעט איז זי אימער, אמת, זעהר ריין און ציכטיג, אָבער זעהר איינפאַך; איהרע בעסטע יום־טוב'דיגע קליידער קענט איהר מיט סענטען אָפּקויפען.... זי פערמאָגט אָבער אַזאַ מין זעלטענעם, אַזאַ מין געבענשטען געשמאַק אין איהר קליידען זיך, דאָס אַ דרעס פון אַ ביליגען שטיקעל לאַאַן ארבייט זי אַזוי אויס, אַז עס מאַכט דעם איינדרוק פון דעם רייכסטען „גאון“.

איהרע קינדערלעך האָט זי ליעבט מיט דער הייליגסטער ליעבע, און מען קען זאָגען, אַז איהרע גאַנצע טעג און יאָהרען איז זי מקריב פאַר איהרע קינדער.

די קינדער און די קינדער — אימער איז זי ביזי מיט איהרע קינ־דערלאַך.

איהרע נאַכבאַרקעס לעבען אַ טאָג. מען געהט צו בעללער, צו קאָנ־צערטען, צו ענטערטיינמענטס, אין טהעאַטער, אין דער אָפּערע — זי ווייס פון די אַלע זאַכען וועניג — די קינדערלעך לאָזט זי אויף אַ סעקונדע פון אויג ניט אָפּ.

ווייבער לויפען זיך זוכען באַרגיינס, מען פערלאָזט די הויז, מען פער־געסט אָן מאַן און קינדער און מען „וואָלאָטשעט“ זיך ארום איבער די דע־פּאַרטמענט־סטאָרס. ניט מיט איהר איז אַזוי דער פאַל; זי ווייס פון דעם ניט, אימער אין דערהיים אין איהר פערוואָרפען ווינקעלע; רייניגט, שייערט, וואַשט גרייט צו עסען פאַר דעם מאַן, גרייט צו דאָס נויטיגע פאַר די קינ־דערלאַך.

און יעצט הערט ווייטער.

איהר מאַן איז אַ מוזיק־לעהרער און פון דעם מאַכט ער אַ לעבען. אַמאָל האָט מען וועגען איהם געזאָגט, און מען זאָגט נאָך יעצט אויך, אַז דער מענש בעווועלטיגט אַ געוואַלדיגען טאַלאַנט, אַז אין דעם מענשען ווערט אַ זשעניע פערלאָרען. מען זאָגט ווען אימיצער זאָל איהם מוטה געבען, ווען יעמאַנד זאָל איהם צורעדען, איהם אויסהעלפען צו ענטוויקלען זיינע פעהיגקייטען, וואָלט ער זעהר הויך געפלויגען.

ער גיט לעסאָנס אום צו פערדיענען דעם שטיקעל ברויט. ווייטער וויל

עם ניט וויסען פון גאַרנישט. ער האַסט די לעסאָן־געבעניש — **פּראָטעסטירט** זיין פרוי.

אַנדערע מוזיק־לעהרער זיינען אויסגעצייכענטע ביזנעס־לייט, מען אַראַנזשירט אַזעלכע קאָנצערטען אום צו „בומען" די טרייד, מען נעהמט אָן שילער אידיאָטען אַבי מען קען נור דעם דאָלאַר אויסרייסען. ער קען דאָס ניט, פּראָטעסטירט זי און האַלט איהם אין איין מוסר'ן...

ווען ער קומט פון זיינע לעסאָנס כאַפּט ער די פידעלע, און וויל שפּיע־לען פאַר זיך, וויל זי שטאַרק ניט ליידען. דאָס שלאָפט אַ קינד, דאָס דאַרף מען טראָגען דעם קאַרפּעט אויסקלאַפּען אויפ'ן רוף, דאָס וויל זי ער זאָל צו־האַלטען די בייבעלע, ביי איהר זיינען אַזעלכע זאַכען בילכער איידער זיין שפּיעלען אויפ'ן פיעדעל.

רעדט ער צו איהר וועגען די גרויסקייט, וועגען די הייליגקייט פון מו־זיק — שפּייט זי אויף זיינע ווערטער און לאַכט זיך אויס פון דער גאַנצער חתונה — פאַר איהר וואָלט אַנגענעהמער געווען ער זאָל בעסער העלפען איהר אויסוואַשען די בייבי'ס דייפּערס איידער ער זאָל גאָר שפּיעלען פידעל — און דאָס פאָדערט זי טאַקע פון איהם...

ווען ער וויל אַ מאָל געהן הערען אַ קאָנצערט פון אַ גרויסען שפּיעלער — וויל זי דאָס שטאַרק ניט ליידען. זי פאָדערט ער זאָל בעסער בלייבען אין דער היים, מאַלע וואָס ביינאַכט קען מיט אַ קינד פּאַסירען.... דאָס איז ביי איהר וויכטיגער.

און מיט איהרע רייד און מיט איהר גאַנצען בענעהמען זיך ערנידעריגט זי איהם אין זיינע אייגענע אויגען... דערשטיקט אין איהם יעדען מינדעס־טען פערלאַנג אויפצושטייגען עטוואָס העכער פון דעם געוועהנליכען מוזיק־טיטשער.

וואָס דענקט איהר וועגען אַזאַ פרוי?

X.

מיסטער און מיסעס „סאַנין".

זיין פּנים עראינערט אָן אַ שטיק האָלץ מיט אַ פּאָאַר שפּיציגע וואָנסעס, וועלכע זיינען צו דעם שטיק האָלץ צוגעקלעפּט.

ער איז א גרויסער ליעבהאָבער פון דער רוסישער דעקאַדענטישער ליטעראַטור און ער דענקט וועגען זיך גאַנץ ערנסט, אַז ער איז „סאַנין“.

אויב איהר ווילט, קען איך אייך בעקאַנען מיט דעם נייעם סאַנין; ער וואָהנט טאַקע אין אונזער נאַכבאַרשאַפט.

ער איז א פערהייראַטער מאַן, א טאַטע פון פיער קינדער. ער איז א פּראָפעשיאָנאַל — א לאָיער!

בלויז מיט עטליכע יאָהר צוריק איז ער נאָך געווען א געוועהנליכער בשר ודם, געליעבט זיין פרוי, געליעבט זיינע קינדער, און אַזוי ווי אַלע אידען געטראַכט וועגען קומען צו א שטיקעל תכלית.

האָט ער גענומען זיך פאַר שטודירען לאָא און ער האָט זיין שטודיום געענדיגט.

ער איז אַן אָרימאַן געווען און זיין פרוי האָט זיך איינפאַך מוסר נפש געווען אום צו העלפען איהר גוטען, געטרייען מאַן צו ערדייכען א צוועק.

א פרוי קען אַלעס, אַלעס אויפטהאָן, ווען זי וויל — עס גיט גאָר ניט קיין גרענעץ, וועלכען די מוטהיגע פרוי קען ניט אַריבערשפּרייזען, און דעם צוקינפטיגען לאָיער'ס פרוי האָט צו יענער צייט זעהר פיעל מוטה געהאַט...

און זי האָט אַלעס געטהאָן צוליעב איהר מאַן'ס וועגען: ביי־טאָג גע־אַרבייט אין שאָפּ און נאָך דער אַרבייט געטהאָן די הויז־אַרבייט, געקליבען א סענט צו א סענט, נישט פערגונען זיך דאָס לעבען, א שטיקעל ביזנעס גע־קויפט, געפינסטערט, געזאָרגט, אַזוי, אַז דער קאָפּ פלעגט זיך שפּאַלטען און דאָס הארץ פלעגט פערשטאַרבען ווערען... קראַנק געוואָרען, אַלט געוואָרען... און איהר מאַן האָט ד א ך לאָיער געענדיגט.

און אונזער לאָיער האָט זיין נאָז פערריסען, און זיין הילצערנער פּנים איז נאָך מעהר פערהעלצערט געוואָרען, און זיינע פּאָאַר שפּיציגע וואָנסעס זיינען שטעכיגער געוואָרען. און ער האָט געקראָגען א געליעבטע, א ווייבעלע, א צאַצקע!

און ער איז אַן אָפענער מענשעל, ער לייקענט זיך ניט פאַר דער ווייב און זאָגט אָפען, אַז ער האָט א געליעבטע, און ווען ער געהט אוועק אויף א נאַכט צו איהר, לייקענט ער זיך אויך ניט פאַר דער ווייב... פערקעהרט, ער איז זעהר אָפענהערציג... ער דערצעהלט מיט אַלע קלייניגקייטען, ווי אַזוי

ער האָט מיט זיין געליעבטער אַ נאַכט אין בעט פערבראַכט — ער דערצעהלט אַלעס!

און ווען דער לאַיער שילדערט פאַר זיין פרוי, ווי אַזוי ער האָט די נאַכט אין פרייע ליעבע פערבראַכט, קוקט ער אין שפּיעגעל, ציהט און גלעט זיינע שטעכיגע וואָנסעס, בעטראַכט מיט גרויס פערגניגען זיין פערהעלצערטען פּנים און ער טהוט זיך אַ זאָג מיט נחת — איך בין סאַנין!

און די אָרימע מיסעס „סאַנין" קוקט אויף איהר פערהעלצערטען מאַן און ווייס אַליין ניט וואָס צו טהאָן...

אַנטלויפען וואָלט זי געוואָלט, אַנטלויפען פון איהר טהייערען תכשיט. אָבער וואוהין לויפט מען?

אָפּגעגעבען האָט זי איהר מאַן: איהר געזונד, איהר מוטה, דעם מאַרך פון די ביינער — זי פיהלט, אַז זי איז יעצט אַן אינוואַליד...

און די פיער קינדערלעך — ליעב האָט זי זיי, ליעב ברענענד האָט די קינדער די אונגליקליכע מאַמע... וואָס זאָל זי מיט די קינדער טהאָן? אי־בערלאָזען זיי ביי „סאַנין'ען", האָט זי מורא. און ווי אַזוי וועט זי זיך מיט זיי קענען שיידען... אַוועקנעהמען זיי? „סאַנין'ען" וואָלט דאָס אפילו ניט גע־אַרט. אָבער וואוהין זאָל זי זיי נעהמען?

אַ גאַנץ לעבען האָט זי אין צרות אָבגעפינסטערט, געהאָפּט אַלץ ווען עס איז צו דערשלאָגען זיך צו אַ שטיקעל ווינקעלע, וואו צו קענען אַוועקלייגען דעם מיעדען קאָפּ... וואוהין זאָל זי יעצט געהן?

און זי קוקט אָן איהר מאַן אין אַ שטומען פחד.... איהר הארץ ווערט מיט בלוט בעגאָסען. אָבער וואָס קען זי טהאָן?

און „סאַנין" זעהט דאָס... „סאַנין" בעגרייפט זיין פרוי'ס געפיהלען, נור עס אַרט איהר ווי די וואַנד — וואָס קעהרט ער יעצט פאַר זיין ווייב? אויף וואָס דאַרף ער זי?

XI.

דער מאַן וואָס שאָקעלט אימער מיט'ן קאָפּ.

איין מאָל, געהענדיג אין סטריט, האָט צו מיר איינער, אַ איד אין די מיטעלע יאָהרען, אַ נייג געטהאָן זיך. איך האָב ניט געוואוסט ווער דער

איד איז, נור אוים העפליכקייט האָב איך די בעגריסונג געענטפערט אויף מיט א נייג מיט׳ן קאָפּ.

מיט עטליכע טעג שפּעטער האָב איך זיך ווידער אָנגעטראָפען אויף דעם זעלבען אידען. ער האָט מיך ווידער בעגריסט, און איך האָב ווידער די בעגריסונג געענטפערט; יעצטיגען מאָל בין איך שוין געווען נייגיעריג צו וויסען ווער דער דאָזיגער איד איז, און ווען איך בין איהם פאַרבייגעגאַנגען, האָב איך זיך אָבגעשטעלט און גענומען פון הינטען נאָכקוקען דעם אידען און פּרובירען דערמאָנען זיך, וואו מיר האָבען בעקאַנטשאַפט געשלאָסען.

און אזוי נאָכקוקענדיג דעם דאָזיגען אידען, האָב איך בעמערקט, אז ער שאָקעלט מיט׳ן קאָפּ צו יעדען איינעם, ווענען ער האָט נור בעגעגענט... אַנפאַנגס האָב איך געטראַכט, אז דער איד מוז אין דער נאָכבאַרשאַפט האָבען א געוואַלדיגע בעקאַנטשאַפט, ווען איך האָב אָבער געזעהען, אז ער פּערפּעהלט קיינעם ניט און צו יעדען, צו יעדען איינעם אָהן אויסנאַהמע, האַלט ער אין איין שאָקלען מיט׳ן קאָפּ, איז שוין מיר די זאַך געוואָרען אביסעל קשה׳דיג.

איך האָב דעם אידען בעגעגענט נאָך אמאָל און ווידער אמאָל, און אימער דאָס זעלבע. אימער האָט ער זיך צו מיר גענייגט, און אויך גענייגט צו יעדען איינעם ווענען ער האָט נור בעגעגענט.

אויף א ווײַלע האָב איך זיך געפונען אונטער דעם איינדרוק, אז דער איד מוז ליידען פון אזא מין קראַנקהייט, וואָס דער קאָפּ שאָקעלט זיך ביי איהם נעגען זיין ווילען, ווען איך האָב זיך אָבער צוגעקוקט אויפמערקזאַם, האָב איך געזעהען, אז אזוי לאַנג ווי ער בעגעגענט קיינעם ניט האַלט זיך ביי דעם מאַן דער קאָפּ גאַנץ רוהיג, אזוי ווי ביי אנדערע מענשען, און ער נעהמט זיך נור בעוועגען ווען אימיצער קומט איהם אַנטקעגען, און איך האָב ביי זיך געטראַכט: „וואָס איז דאָס פאַר א מין איד, וואָס שאָקעלט צו אַלעמען מיט׳ן קאָפּ“?

און איך האָב זיך ווענען דעם אידען גענומען נאָכפרעגען, און איך האָב זיך דערוואוסט אז ער האַלט אין דער נאָכבאַרשאַפט א צייטונגס־סטענד. איך האָב אויסגעפונען וואו דער סטענד געפינט זיך, געטראָפען טאַקע דאָרט מיין אידען וואָס שאָקעלט מיט׳ן קאָפּ און איך האָב אויף דעם סטענד גענומען יעדען טאָג קויפען מיין צייטונג. ווען איך האָב זיך מיט דעם סטענד־קיפּער

אביסעל נעהנטער בעקענט, האָב איך איהם איינמאָל געפרעגט קורץ און איינפאַך:

— זאָגט מיר נור, וואָס איז דער מעהר מיט אייך, וואָס צו יעדען איינעם, וועמען איהר בעגעגענט נור, שאָקעלט איהר מיט'ן קאָפּ?

אויף א ווײַלע איז דער סטענד־קיפּער שטארק פערשעהמט געוואָרען, אבער באַלד איז ער געקומען צו זיך, און ער האָט מיר די גאַנצע מעשה ערקלערט אויך קורץ און איינפאַך:

ער פערמאָגט ביי דריי הונדערט קאַסטאָמער, וועמען ער טראָגט צייטונגען אהיים, און די דאָזיגע קאַסטאָמער האָט ער א טשאַנס צו זעהען נור איין מאָל אין חודש, ווען ער קומט קאָלעקטען דעם מאָנאַטליכען ביל פאר די צייטונגען. דער אַלטער ניוס דיעלער, ביי וועמען ער האָט זיין ביזנעס אָבגעקויפט, האָט איהם איבערגעגעבען, אז ער זאָל למען השם נייגען זיך צו א קאַסטאָמער ווען ער בעגעגענט זיך מיט איהם; ווען ער זאָל דאָס ניט טהון, וועט זיך דער קאַסטאָמער געפינען בעליידיגט, קען ער לייכט פערליערען זיין טרייד. אבער אזוי ווי ער איז ערשט א פּאָאר חדשים אין דער ביזנעס און ער קען נאָך ניט דערקענען זיינע קאַסטאָמער, און פערליערען א קונד האָט ער זעהר מורא, שאָקעלט ער מיט'ן קאָפּ צו יעדען איינעם וועמען ער בעגעגענט נור...

XII.

א מאָדנע משוגעת.

זי האָט א מאָדנע משוגעת. אזוי האָט מען מיר וועגען איהר דערצעהלט. גאַנץ אָפט בלייבט זי זיצען מעלאַנכאָליש, פערטראַכט, זי פּרעסט צוזאַמען א מאָל איהר רעכטע האַנד, א מאָל איהר לינקע האַנד; קושט איהרע ביידע הענד און וויינט שטיל.

און עס האָט זיך אזוי געמאַכט, דאָס איך האָב מיט איהר בעקאַנטשאַפט געשלאָסען.

א יונגע מיידעל פון א יאהר אכטצעהן איז זי. נאָך גאָר א גרינע אין לאַנד — עס איז ערשט א קנאַפּער יאהר זייט זי איז דאָ אין ניו יאָרק.

דאָרט אויף יענער זייט ים איז זי ביי איהרע עלטערן איין־איינציגע טאָכטער געווען.

דער פאטער איז געווען א פערמעגליכער קרעמער און דער מיידעל האָט פון פויגעל־מילך ניט געפעהלט. איהר לעבען, איהר יונגעס לעבען איז זיך געלאָפען רוהיג און גליקליך, ווען עס האָט איהר אויף איהר כמעט קינדערשען וועג בעגעגענט דער שטורם פון די נייע אידעען.

און מען האָט איהר אויסגעלערנט, אז קרעמעריי, איהר טאטענס פרנסה, איז ניט גאָר קיין כשר'ער ביסען; אז לעבען רוהיג, עסען, טרינקען און זיין פרום און גוט, אזוי ווי טאטע און מאמע הייסען, איז נאָך ניט אַלעס, וואָס מען דארף אין לעבען ערפילען.

האָט זי זיך אָנגעהערט און אָנגעלעזען וועגען די ליידען פון א צווייטען, עפעס אַן ארבייטער, פּראָלעטאריער, וועלכע שאפען אַל־דאָס גוטס, און אַליין ווערען זיי בערויבט און בעשווינדעלט. און איהר יונגעס הערצעלע האָט אויפגעקאָכט, אויפגעפלאַמט פון דיזער נייער לעהרע, פון דיזע נייע בעגריפע.

איהר שטילע היים איז איהר נמאס און העסליך געוואָרען, דעם טאטענס קראָם איז איהר אבשייליך, אבשטויסענד געוואָרען, עס האָט איהר געצויגען צו אַן ערהאבענערען לעבען. עס האָט זיך איהר געטרוימט וועגען לעבען א זעלבסטשטענדיג אָרענטליך לעבען. עס האָט איהר געצויגען צו ווערען איינע פון יענע ארבייטער, פון יענע פּראָלעטאריער, וועלכע זי האָט אין איהר ברענענדער פאנטאזיע אזוי פערגעטערט — וועלכע זי האָט מיט איהר גאַנצער אונשולדיגער הארץ אזוי הייסט, אזוי ברענענד געליעבט.

האָט זי פערטראַכט נאָך אמעריקא צו לויפען.

די עלטערן האָט זי אָבגענארט, געזאָגט האָט זי טאטען און מאַמען, אז זי פאָהרט צו געסט צו עפעס א מוהמען אין א דערבייאיגער שטעדטעל, צוזעגענט זיך מיט'ן פאטער, צוקושט זיך מיט דער מוטער און — האַידא נאָך אמעריקא!

און אָט איז זי שוין דאָ. באַלד א יאהר צייט אז זי איז דאָ, און איהרע ברענענדיגע פאנטאזיען זיינען שוין לאַנג אָבגעקיהלט פון דעם ניו יאָרקער אייז־קאַלטען לעבען.

און די ארבייטער, וועלכע זי האָט אזוי פערגעטערט — עפעס גאָר ניט

דאָס זיינען זיי, ווי זי האָט געטראַכט... קליינינקע, אונגליקליכע, רחמנות'דיגע מענשעלעך... דאָס רוב אַזעלכע, וועלכע וואָלטען זיך גערעכענט זעהר, זעהר גליקליך ווען זיי זאָלען נור קענען אַרויפאַרבייטען זיך כאָטש אויף אַ קלענערער קרעמעל, ווי איהר פאָטער האָט אין דער היים פערמאָגט...

און עס ציהט איהר צוריק אַהיים.

אָבער איהר היים עקזיסטירט מעהר ניט. איהר מוטער איז געשטאָרבען פון ביינקעניש נאָך איהר איינציגע טאָכטער. דער פאָטער האָט זי פערהאַסט, פערשאָלטען און איז אַוועק נאָך ירושלים דערענדיגען זיין עלטער. אוים היים!

און ווען זי האָט מיר דערצעהלט איהר טרויעריגע געשיכטע האָט זי אַזוי געזאָגט:

— איהר זעהט מיין רעכטע האַנד? דער פאָפאַ האָט זי שטאַרק נעדריקט, און איך האָב איהם אָבגענאַרט און געזאָגט, אַז איך פאָהר צו אַ מוהמען. דער פאָפאַ האָט פעסט געדריקט מיין רעכטע האַנד, און צו דער־זעלבער צייט האָט מיין מאַמע געקושט מיין צווייטע האַנד...

און זאָגענדיג דיזע ווערטער, האָט זי געקוקט אויף איהרע ביידע הענד, און איהרע אויגען זיינען געווען פון טרעהרען פערלאָפען.

איך האָב בעגריפען איהר מאָדנע משוגעת...

XIII.

צוויי וועלטען אין איין שלאָפצימער.

עס איז שוין נאָך האַלבע נאַכט, נור ניט דער מאַן און ניט די ווייב קענען איינשלאָפען.

ביידע ליגען זיי מיט ברייט־אָפענע אויגען און שלאָפען ניט; נור זיי שווייגען שטיל, ווייל יעדער פון זיי איז מיט די געדאַנקען פערטיעפט אין אַן אייגענער וועלטעל.

און ווען אין דעם שלאָפצימער וואָלט געווען ניט אַזוי פינסטער, און ווען מען וואָלט געקענט וואַרפען נור איין בליק אויף די צוויי געזיכטער

פון דעם מאן און פון דער פרוי, וואלט מען גלייך איינגעזעהן, אז אין דעם שלאפצימער געפינען זיך צוויי מענשען מיט צוויי גאנץ בעזונדערע וועלטען.

דעם מאן'ס געזיכט האט געשטראהלט פון שמחה, פון גליק, עס איז געווען קענטיג אז ער קען ניט איינשלאפען ווייל א ים מיט גוטע, זיסע געפיהלען, האבען בעהערשט זיין הארץ, ווייל פרעהליכע פאנטאזיען, גליקליכע האפנונגען שילדערן זיך אין זיין מוח.

צו דערזעלבער צייט איז דער פרוי'ס געזיכט געווען שווער פערוואלקענט מיט א ווען פערצוויגען מיט א וואלקען. עס איז געווען לייכט צו בעמערקען אז איהר איז שוין ווייט ניט פרעהליך אויפ'ן הארצען; אז עפעס א פערבארגענער שרעק, אנגסט און אונגליק האבען איהר שלאף פעריאגט.

* * *

פיראגאזין, אזוי הייסט אונזער מאן, פון וועמען עס האבען גליקליכע געדאנקען זיין שלאף פעריאגט. פיראגאזין איז א מוזיקער, ער שפיעלט פיעדעל. ביז יעצט איז ער געווען אנגעשטעלט עפעס אין א מוזיק האלל, האט אויסגעארבייט קלעגליכע ווידזשעס און האט געלעבט מיט זיין פרוי אין ארמוטה, אבער אין פרייהייט און אין ליעבע.

אין איין שעהנעם טאג איז פיראגאזין'ס מזל דערהויבען געווארען. דורך א צופאל האט זיך צו זיין שפיעלען צוגעהערט א מאן, וועלכער האט געהאט א נאמען אין דער מוזיקאלישער וועלט. דער מאן איז פון פיראגאזין'ס שפיעלען ענטציקט געווארען, און דורך זיין ווירקונג איז דער ארעמער, אונבעדייטענדער כלי־זמר גרויס און בעוואוסט געווארען.

און וואס פיראגאזין איז גרעסער געווארען, אלץ קלענער און שוואכער איז געווארען זיין ליעבע צו זיין פרוי.

זי איז געווארען פאר איהם אונפאסענד. אין דער נייער געזעלשאפט, אין וועלכער דער מוזיקער האט געקראגען אן אריינגאנג, האט ער זיין פרוי מיט זיך ניט געקענט נעהמען. ער האט זיך גענומען מיט איהר שעהמען פאר די מענשען וועלכע האבען צו איהם גענומען אין הויז אריינקומען. און צוזאמען מיט דעם מאן'ס גליק איז געוואקסען זיין פרוי''ס אונגליק.

און פיראגאזין קען ניט איינשלאפען.

מארגען אבענד דארף ער אבגעבען קאנצערט אין א בעריהמטער גרויסער אפערא־הויז. ווען זיין קאנצערט זאל געפעלען זיין די פערוואלטער פון דער

אפּערא־הויז און דעם פּובליקום וואָס וועט בעזוכען די הויז, וועט עס פּאַר איהם זיין אַ גרויסער, גרויסער גליק. ער וועט דאַן ווערען אַ גרויסער בעריהמטער שטערן אויף דעם מוזיקאַלישען הימעל.

און פּיראַגאַזין ווייס אַז ער וועט מאַכען אַ סוקסעס מיט זיין שפּיעלען. אין זיינע אויערן קלינגען פאַראויס די זיסע טענער, וועלכע וועלען מאָרגען דאַרפען ענטציקען דעם עולם, און ער ווייס אַז ער וועט זיין ערפאָלגרייך.

און עס שלאָפט זיך איהם ניט. ער טראַכט וועגען זיין גלענצענדער צוקונפט, זיין האַרץ וואַקסט פון גליק, פון פרייד, און ער קען ניט שלאָפען...

און ביי זיין רעכטען זייט ליעגט פּיראַגאַזין'ס פרוי. איהר שלאָפט זיך אויך ניט.

זי ווייס, אַז ווען מאָרגען וועט איהר מאַן זיין ערפאָלגרייך, וועט איהר לאַגע פערשלימערט ווערען. ער וועט נאָך ווערען פרעמדער און קיהלער צו איהר, אפשר וועט מאָרגען אויסגעלאָשען ווערען זיין לעצטער פונק פון ליעבע צו איהר.

און דער אָרימער פרוי טהוט וועה דאָס האַרץ. די גליקליכע צוקונפט פון איהר מאַן שרעקט איהר. איהר האַרץ ווערט פערגליווערט פון אַ געדאַנק, אַז זי וועט איהם אין גאַנצען פערליערען. און שלינגענדיג זודיגע טרעהרען בעט זי ביי גאָט אַז איהר מאַן זאָל מאָרגען האָבען אַ ניעדערלאַגע...

און שלינגענדיג טרעהרען, האָט זי אונגערן ארויסגעלאָזען אַ טיעפען, פערשטיקטען זיפץ.

— וואָס זיפצסטו ראָזי? — האָט דער מוזיקער געפרעגט זיין פרוי.

ראָזי האָט ניט געוואָלט ענטפערן, ווייל טרעהרען האָבען זי געשטיקט, און זי האָט געשוויגען.

— וואָרום שלאָפסטו ניט? — האָט פּיראַגאַזין ווייטער געפרעגט.

— און וואָרום שלאָפסטו ניט? — האָט ראָזי געפרעגט פון איהר זייט.

— ווען איך טראַכט וועגען מאָרגעדיגער נאַכט, קען איך ניט שלאָפען.

— האָט פּיראַגאַזין געענטפערט — מאָרגען וועל איך אפשר זיין דער גליקליכסטער מענש אין דער גאַנצער וועלט.

— און איך? — האָט ראָזי געפרעגט.

— דו? דו אויך... — האָט פּיראַגאַזין ארויסגעשטאַמעלט זעהר שוואַך. מאַן און ווייב זיינען ווייטער שטיל געבליעבען. דער מאַן האָט ווייטער

אוועקגעשוועבט מיט זיינע געדאַנקען אין גליקליכע, ליכטיגע צויבערוועלטען, וועהרענד די פרוי האָט שטילערהייט געוואָרגען זיך מיט טרעהרען.

עס זיינען געווען צוויי וועלטען אין איין שלאָפצימער, אין איין בעט.

אָבער באַלד איז פון די צוויי וועלטען געוואָרען איין וועלט... — די אונגליקליכע פרוי האָט עס געטהאָן.

ווען דער גליקליכער איז איינגעשלאָפען, איז די אונגליקליכע ארוים פון בעט און אויפגעעפענט די געז־רעהרען.

* * *

אויף מאָרגען פריה האָט מען געפונען דעם מוזיקער מיט זיין פרוי דערשטיקט פון געז.